STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04913

YAAKOV GROPER UN ZAYN TSAYT.

Permanent preservation of this book was made possible
by C. Gilbert & Lucia Schapiro
in memory of
their parents, Joseph & Mary Schapiro and Peter & Ceil Iber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקבֿ גראָפּער און זײַן צײַט

*

יעקב גרופר אישיותו וזמנו

יעקבֿ גראָפּער
און זײַן צײַט

אַרויסגעגעבן פֿונעם „פֿאַרבאַנד פֿון רומענישע ייִדן אין ישׂראל" ת"א
און „דער יעקבֿ גראָפּער עזבון־קאָמיסיע" אשקלון
תשל"ו — 1976

יעקב גרופר
אישיותו וזמנו

בהוצאת „התאחדות עולי רומניה בישראל" תל־אביב
ו„הוועדה המטפלת בעזבונו של יעקב גרופר" אשקלון
תשל"ו — 1976

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשל"ו
Printed in Israel 1976

דפוס לינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט

יצחק ארצי — יעקבֿ גראַפּער ווי איך געדענק אים 7
שלמ ביקל — יעקבֿ גראַפּער 13
שלמה ביקל — צו די שלושים 18
ק.א. ברתיני — באַגעגעניש פֿון גײַסטער 24
י. גולה — יעקבֿ גראַפּער 28
י. גולה — צום געשטאַלט 55
ד״ר ת. לבֿיא־לעוונשטיין — יעקבֿ גראַפּער עסייִסט בעל־פּה . 60
ישראל לבֿנון — מיהיילען 63
שלמה לייבאָוויטש — אַזוי געדענק איך אים 84
דבֿ סדן — צווישן אוניקום און קוריאָז 87
אבֿרהם פֿעלער — יעקבֿ גראַפּער 97
יצחק קאָרן — דער טײַערער ייִד און איידעלער דיכטער . . 110
מאָטי ראַבינאָוויטש — יאָס פֿון אַמאָל 116
ראובֿן רובין — יאָרן וואָס געדענקען זיך 123
שמעון שאַפּערמאַן — יעקבֿ גראַפּער דער מענטש 130
אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט — בענקשאַפֿט נאָך שלמות 137
מרדכי שוחט — צו אַ גראַפּער־ביבליאָגראַפֿיע 141
אליעזר פֿרענקעל — מיט דער אויסגאַבע „געקליבענע לידער״ 177

תוכן

יצחק ארצי — יעקב גרופר שבזכרוני 183
שלמה ביקל — יעקב גרופר 188
שלמה ביקל — ליום השלושים לפטירתו 192
ק.א. ברתיני — פגישת רוחות 197
י. גולה — יעקב גרופר 201
י. גולה — לדמותו 222
ד"ר ת. לביא־לוונשטיין — יעקב גרופר מסאי בעל־פה . . . 226
ישראל לבנון — מיהיילן 228
שלמה לייבוביץ — כך אני זכור אותו 245
דב סדן — בין אוניקום לקוריוז 248
אברהם פלר — יעקב גרופר 255
יצחק קורן — היהודי היקר והמשורר העדין 268
מוטי רבינוביץ — יאָס של אתמול 272
ראובן רובין — השנים הללו חרוטות עמוק בלבי 278
אלכסנדר שפיגלבלט — כיסופים לשלמות 284
שמעון שפרמן — על גרופר האיש 287
מרדכי שוחט — לביבליוגרפיה של גרופר 293
אליעזר פרנקל — עם הוצאת „שירים נבחרים" 297

יצחק אַרצי

יעקבֿ גראַפּער, ווי איך געדענק אים

תּחילת האָב איך זיך באַקענט מיט גראַפּערס שטעטל און ערשט דערנאָך מיטן דיכטער גופֿא. תּחילת האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע פֿון זײַנע לידער און ערשט דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, מיטן מחבר.

איך האָב פֿאַרבראַכט די קינדער־יאָרן און די יוגנט אין סערעט, אַ שטעטל וואָס איז אין גאַנצן געווען זיבן קילאָמעטער פֿון מיהיילען, גראַפּערס געבוירן־אָרט. אין די קינדער־יאָרן האָבן מיר נאָך געהערט אַ ווידערקול פֿונעם עסטרײַך־אונגאַרישן עבֿר.

ווען איך פֿלעג גיין צו פֿוס די זיבן קילאָמעטער וואָס האָבן אָפּ־געטיילט סערעט פֿון מיהיילען, פֿלעג איך פֿילן דעם איבערגאַנג צווישן צוויי וועלטן און דעם חילוק צווישן זיי. סערעט איז געווען אַ שטעטל מיט אַ מער מערבֿדיקן כאַראַקטער. דאָרטן איז געווען אַ גימנאַזיע נאָך פֿון פֿראַנץ־יוספֿס צײַטן. אַרום דער גימנאַזיע האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אויך די אָרטיקע אינטעליגענץ: לערערס, אַבסאָלווענטן פֿון דער גימנאַזיע — און זיי האָבן געלייגט דעם חותם אויפֿן לעבן פֿון שטעטל.

אמת, קיין ליטעראַרישע סאַלאָנען האָבן זיי ניט עטאַבלירט. אָט די אינטעליגענץ האָט פֿאַרבראַכט מער אין צענטראַל־רעסטאָראַן פֿון דער שטאָט, אָדער אויפֿן רינגפּלאַץ, וואָס איז אויך געווען אין צענטער.

דער רינגפּלאַץ איז געווען דער ברענפּונקט פֿון לעבן אין שטעטל. דאָרט איז געווען די צענטראַלע סטאַנציע פֿאַר אויטאָבוסן, דאָרטן

האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אויטאָבוסן וואָס זענען געקומען פֿון טשער־נאָוויץ און זענען געפֿאָרן ווײַטער, אין אַנדערע שטעט, אין דרום־בוקאָווינע, ברענגענדיק אַ רגע פֿון קאָכעניש און דינאַמישקייט אין שטילן לעבן פֿון סערעט.

אין פֿאַרגלײַך מיט מיהיילען, איז סערעט געווען אַ גרויסע „שטאָט" מיט אַ פּולסירנדיק לעבן. מיהיילען איז געווען אַ קליין, שטיל שטעטל. די הײַזער — ס׳רובֿ פֿון ליים און נאָר אַ קליינער טייל פֿון שטיין — זענען געשטאַנען פֿון ביידע זײַטן פֿון דער הויפּטגאַס וואָס איז זומערצײַט געווען פֿול מיט שטויב, אין האַרבסט — טיף פֿאַרזונקען אין בלאָטע, און אין ווינטער — באַדעקט מיט אַ טיפֿן שניי.

פֿון דער הויפּטגאַס האָבן זיך געצויגן קורצע הינטערגעסלעך און דערנאָך האָט זיך אויסגעשפּרייט דאָס אין־סופֿיקע פֿעלד, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל ווי אַ ברייטער גאַרטל; דאָ און דאָרט האָט מען געזען אין דער ווײַטן אַ דינעם פֿאָדעם רויך זיך הייבן צום הימל — אַ סימן אַז דאָרט איז אַ דאָרף.

דאָס איז געווען גראָפּערס שטעטל. אין אָט דעם פּייסאַזש איז ער אויסגעוואַקסן. דאָס אַלץ האָט ער אײַנגעזאַפּט איידער ער איז אַרויס, אַ געזעטיקטער מיט לירישע איבערלעבונגען, אויף דער גרויסער וועלט.

אַנדערש ווי אַלע בנינים אין שטעטל איז געווען די הילצערנע שול. זי האָט אויסגעזען ווי אַ כינעזישע פּאַגאָדע. ווען האָט מען זי אויפֿגעבויט, ווער האָט זי אויפֿגעבויט? — דאָס ווייס איך ניט. איך געדענק נאָר דעם סוף פֿון אָט דער אויסערגעוויינטלעכער שול:

ס׳איז געווען יום־כּיפּור, ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן זיך געגרייט צו כּל־נדרי, ווען ס׳האָט זיך פּלוצעם פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט אַז די הילצערנע שול אין מיהיילען ברענט. מיר זענען אַרויף אויפֿן דאַך און פֿון דער ווײַטן האָבן מיר געזען אַ שוואַרצן רויך שטײַגן צום הימל. געווען אַ סבֿרה אַז הוליגאַנעס האָבן

אָנגעצונדן דעם מקום־קדוש. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט אַז אַ יזכּור־ליכט האָט זיך איבערגעקערט און ס'האָבן זיך אָנגעכאַפּט די טריקענע ברעטער פֿון דער שול. פֿון דעם פּראַכטיקן בנין איז נאָר געבליבן אַ הויפֿן אַש.

די מיהיילענער ייִדן האָבן ניט באַוויזן ווידער אויפֿצושטעלן זייער שול — ווײַל אין אַ קורצער צײַט אַרום זענען זיי אַוועקגעטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע, אין לאַגער.

אין גראָפּערס שאַפֿונג איז פֿאַראַן אויך אַ זכר פֿון דער הילצער־נער שול, וואָס איז געווען אַ באַזונדערע אַטראַקציע, אין פֿאַרגלײַך מיט די געוויינטלעכע שולן אין יענער געגנט. אין דער יוגנט־באַוועגונג, אין די זומער־קאָלאָניעס, אין די אָוונטן אַרום פֿײַער, אין די עקסקורסיעס איבער די שטעטלעך, אין רגעס פֿון ראָמאַנטישער נאָסטאַלגיע, פֿלעגן מיר זינגען „מאָרגנבלומען בליט, איר זענט מײַן געמיט".

מיר זענען דעמאָלט געווען זייער יונג. ס'איז נאָך געווען צו פֿרי זיך צו פֿאַרזינקען אין זכרונות און זיך לאָזן פֿאַרוויגן פֿון דער גרינגער פֿילאָסאָפֿיע וואָס קלינגט אין דעם טרויעריקן ליד: מאָרגנבלומען בליִען אין איינעם מיטן טאָגאויפֿגאַנג, אין אָוונט זענען זיי פֿאַרבײַ. און דעם דיכטערס מסקנה: מיר זענען פּונקט ווי זיי, אונדזער לעבן פֿאַרשווינדט פּונקט ווי זייערס. אין צווייטן צענדליק פֿון לעבן, איז נאָך ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אַזאַ טרויער ווי אין גראָפּערס ליד. מיר האָבן ליב געהאַט דאָס ליד, ווײַזט אויס, ווײַל אין אים האָט זיך גערעדט וועגן די בלומען וואָס האָבן געבליט אין פֿעלד ווו מיר האָבן זיך געשפּילט, אין פּאָעטישן פּייסאַזש, וואָס איז געווען אויך דער פּייסאַזש פֿון אונדזער לעבן.

פּערזענלעך האָב איך זיך באַקענט מיט גראָפּערן אין די מלחמה־יאָרן, אין בוקאַרעשט. מחמת דער נאָענטקייט פֿון די רוסן צו אונדזער שטאָט און דער איבערקערעניש ווען אַנטאָנעסקו איז געקומען צו

דער מאַכט, בין איך אַוועק פֿון דער שטילער שטאָט סערעט, כּדי זיך מצטרף צו זײַן צו מײַנע חבֿרים פֿון דער חלוצישער הכשרה „פֿלאָרעאַסקאַ״. אין שאָטן פֿון אַנטאָנעסקוס פֿאַשיסטישן רעזשים, און פֿון זײַנע קאָלעגן די לעגיאָנאַרן, האָט אָנגעהויבן אונדזער נע־ונד.

זוכנדיק אַ צענטער פֿאַר אונדזער ציוניסטישער אַקטיוויטעט צווישן דער יוגנט, נאָך דעם ווי מ׳האָט אונדז פֿאַרטריבן פֿון דער „פֿלאָרעאַסקאַ־פֿאַרם״, זענען מיר אָנגעקומען אויך צו די ביוראָס פֿון דער ציוניסטישער צענטראַלע, אויף דער גאַס אַנטאָן פּאַן. דאָרטן האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אונדזער הכשרה. מיר האָבן זיך געפֿונען אין האַרץ פֿון ייִדישן קוואַרטאַל און האָבן איבערגעלעבט זײַנע ליידן. אין אָט דעם קוואַרטאַל האָב איך דעמאָלט באַגעגנט יעקבֿ גראָפּערן. ס׳האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם זײַן קינדיש פּנים, זײַן ראָזע הויטפֿאַרב, זײַנע בלויע אויגן, זײַן שמייכל, זײַן הויכע געשטאַלט.

גראָפּער איז געקומען זיך באַגעגענען מיט אונדז, חלוצים, נאָך דער „רעבעליונע״, דער לעגיאָנאַרן־איבערקערעניש, פֿון 21סטן יאַנואַר 1941. ער האָט געוואָלט הערן פּרטים וועגן אונדזער אַרעסט, וואָס האָט זיך בדרך־נס געענדיקט אָן בלוט־פֿאַרגיסן. איך רעד ניט וועגן דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין אַרעסט.

דערנאָך זענען געקומען איבער אונדז אַנדערע צרות. מ׳האָט אונדז פֿאַרטריבן פֿון דער גאַס אַנטאָן פּאַן און מיר האָבן געדאַרפֿט זוכן אַן אַנדער אָרט צו וווינען פֿאַר די חבֿרים און אַן אַנדער אָרט פֿאַר אונדזער אַקטיוויטעט. מיר האָבן ניט פֿאַרלאָזט דעם ייִדישן קוואַרטאַל. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין דער גאַס מירטשעאַ וואָדע. דאָרטן האָט געוווינט יעקבֿ גראָפּער. כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם קאָנטאַקט, פֿלעגן מיר זיך צונויפֿקומען אין פּענסיאָן מאָסבערג, אויף דער זעלבער גאַס.

דער פּענסיאָן האָט זיך געפֿונען אין אַ לאַנגער פֿינצטערער דירה אין אַ הויף אויף דער גאַס מירטשעאַ וואָדע. דאָרטן האָבן זיך געדרייט פּליטים פֿון פּוילן, אַנטלאָפֿענע פֿון אַרבעט־לאַגערן, ייִדן וואָס ס׳איז

זיי געראָטן צו אַנטלויפֿן פֿון די לאַגערן אין טראַנסניסטריע. דאָרטן פֿלעגן מיר זיך באַגעגענען, אַ גרופּע חבֿרים, כאילו בײַ אַ בשותּפֿות־דיקן שבת־טיש, כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם קאָנטאַקט.

אַהין פֿלעג פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנקומען יעקבֿ גראַפּער. ער איז ניט געווען קיין אָנהענגער פֿון אונטערערדישער אַרבעט. וועגן אונ־דזער אַקטיוויטעט האָט ער ווייניק געוווּסט. ניט געווען קיין שותּף דערצו. מיר האָבן אים אָבער געשאַצט און ליב געהאַט. ער, מיט זײַן פּערזענלעכקייט, האָט אין יענע שווערע יאָרן אונדז געבראַכט דעם ריח פֿון פּאָעזיע וואָס האָט געהערט צו אַן אַנדערער צײַט. אַ גלײַכער פֿלעגט גראַפּער אַרומגיין איבער מירטשעאַ וואָדע און קאַלעאַ וואַקאַ־רעשט און אײַנזאַפּן אין זײַן נשמה די אימה פֿון יענע יאָרן.

אין משך פֿון דעם יאָר וואָס איך האָב געוווינט בײַ מורי ורבי ד״ר טעאָדאָר לבֿיא־לעוונשטײַן, פֿלעג איך אים באַגעגענען כּמעט יעדן טאָג. ער האָט געוווּסט אַז איך באַהאַלט סודות. ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געדרעגנגט, ניט געווען אינדיסקרעט. ער האָט ניט געוואָלט וויסן דאָס וואָס איך האָב אים ניט דערציילט. ער האָט געוווּסט פֿון וואַנען איך שטאַם. דער פֿאַקט וואָס מיר האָבן ביידע געשטאַמט פֿון דער זעלבער געגנט, וואָס איך האָב געקענט אייניקע פֿון זײַנע לידער, האָט אונדז דערנענטערט.

אַ סך מאָל האָב איך פֿון אים געהערט פּעסימיסטישע אַרויס־זאָגונגען. ווער וועט נאָך זינגען זײַנע לידער? ווער פֿון אונדז וועט נאָך בלײַבן לעבן, ווער וועט מצליח זײַן איבערצוקומען בשלום די ביטערע יאָרן? צו מאָל האָט ער אָבער אויך געהאָפֿט אויף בעסערע צײַטן.

> איין פֿונק נאָר פֿון דעם ים פֿון ליכט,
> און ס׳איז דעם חושכס מאַכט געבונדן.
> איין פֿרישטערן רופֿט צוריק דעם טאָג,
> איין בליץ... און ס׳איז דאָס ליכט געצונדן.

אונדזער האָפֿענונג האָט אויפֿגעבליצט בעת דעם געראָטענעם אויפֿשטאַנד פֿון 23סטן אויגוסט 1944. פֿון דעמאָלט האָט זיך געביטן יעקבֿ גראָפּערס שטימונג. דאָס זעלבע קינדישע פּנים, אָבער אַן אַנדערער גראָפּער, אַ פֿריילעכער, אַ גליקלעכער, אַ נײַ־געבוירענער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געפֿעסטיקט דער קאָמוניסטישער רעזשים און די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַכזריות־דיק ליקווידירט געוואָרן, האָט גראָפּער אויך געזען דעם נס פֿון דער גרויסער עליה, ער האָט געזען ווי זײַנע לייענערס, די פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן, די סוחרים און בעל־מלאָכות, פֿאַרלאָזן די גאַסן דודעשט און וואַקאַרעשט, זענען עולה קיין ארץ־ישׂראל און אַ טייל ווערן דאָ ערד־אַרבעטערס, מושבֿניקעס.

ווען ער איז עולה געווען, האָט גראָפּער ווידער געפֿונען דאָ די ייִדישע רעסטאָראַנען פֿון דודעשט און וואַקאַרעשט, ווו ער האָט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען, ער האָט זיי געפֿונען אין יפֿו, באר־שבֿע, צפֿת. איבערן לאַנד האָט ער ווידער באַגעגנט זײַנע לייענערס, די וואָס האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך זײַנע לידער. דאָס איז געווען אַן אויפֿלעבונג אין גראָפּערס שטורעמדיקן לעבן. אָבער אָט די תּקופֿה איז געווען גאָר אַ קורצע און האָט זיך גיך פֿאַרענדיקט.

זײַנע לידער, וואָס אַ טייל פֿון זיי זענען געוואָרן אַנאָנימע פֿאָלקסלידער, וועלן פֿאַראייביקן זײַן שאַפֿערישן כּוח.

שלמה ביקל

יעקבֿ גראָפּער

גראָפּער געהער צו דעם מין קולטור־שעפֿערס, וואָס אַיעדע אָנגעשריבענע שורה זייערע בלײַבט ווײַט הינטערשטעליק אונטער דער שפֿע און טיפֿזיניקייט פֿון זייער אינספּיראַציע. ער באַלאַנגט צו יענעם מין פּאָעטן, וואָס קיין שום אָפּגעריסענער ניגון וועט נישט לאָזן אויפֿקומען אין אײַך די פֿאָרשטעלונג פֿון זײַן גאַנצער שלמותדיקער פּערזענלעכקייט־סימפֿאָניע. טראַגיש איז דער גורל פֿון אַזעלכע מין שרײַבער: פֿון דעם גאַנצן פֿעלדזן־קאָמפּלעקס פֿון זייער פּאָטענציעלער שאַפֿונג, קרישלט אָפּ די פֿעדער נאָר ברעקלעך, וואָס לאָזן קאַלט דעם ליטעראַטור־מבֿין און דערוואַרעמען נישט דעם ליטעראַטור־סנאָב, ווײַל פֿאַרבאָרגן בלײַבט פֿאַר זיי אונטער דער פֿראַגמענטאַרישקייט פֿון וואָרט און פֿערז, די גאַנצקייט און כּולו מוקשהדיקייט פֿון געדאַנק און געפֿיל. אין דעם זינען געפֿינט זיך גראָפּער אין אַ זייער בכּבֿודיקער קאָמפּאַניע, אין דער קאָמפּאַניע פֿון י. ל. פּרץ.

אין גאַנצן מיט פֿינף צענדליק יאָר צוריק זענען די איינציקע יידיש־פּיאָנערן אין אַלט־רומעניע געווען דער שונד־אַקטיאָר און דער קרעטשמע־זינגער. ביידע נישט מוזיקאַליש באַגאַבט, האָבן זיי געענ־מען פֿאַלשע טענער, הגם זייערע צײַטווײַליקע דיריזשאָרן זענען געווען נישט קיין קלענערע ווי אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען און וועלוול זבאַרזשער. אין וואַרשע — פּרץ, אין אָדעס — מענדעלע; אין גאַליציע — קאַמף פֿאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער שפּראַך; אין דער בוקאָווינע — טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ און אין דער נאָענ־טער האָלדאָווע מיט אירע רײַכע פּאָסעסאָרס, געניטע בעל־מלאָכות,

ווײַן־סוחרים, פּיאָטרער משׂכּילים, גאַלאַצער חובֿבֿי־ציון און יאַסער סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ? — גאָרנישט, קיין סימן פֿון אַן אייגענער קולטור־צורה. מיין איין מזומנער קולטור־גראָשן, אַלץ אויף אויסלענדישן אידעיִשן קרעדיט בײַ דער „אַליאַנץ״ אין פּאַריז און בײַם „קאָמיטעט״ אין אָדעס. דער ייִדיש־אויפֿלעב געדאַנק האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די ביבליאָטעקן פֿון געציילטע פּאַסיאָנירטע פֿרײַנד פֿון ייִדישן בוך אין פּאַשקאַן, הערלוי און אפֿשר נאָך אין אַזאַ גרויס שטעטל.

די עקזיסטענץ אַליין פֿון אַ ייִדישן ליריקער, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿונעם בעלי־בתּישן שטאַנד אין מאָלדאַווישן־בוקאָווינער גרענעץ־שטעטל מיהיילען און וואָס האָט געשריבן אויף ייִדיש לידער, ראוי געדרוקט צו ווערן אין דער ווילנער „ייִדישע וועלט״, די עקזיסטענץ פֿון יעקבֿ גראָפּער אַליין, זאָג איך, איז שוין געווען אַ וויכטיק קולטור־געשעעניש. דער ייִדישער אינטעליגענט גראָפּער, וואָס האָט מיט אַן אמת פּאַרצײַטישער התמדה און חריפֿות צונויפֿגעשטעלט זײַן קולטור־באַגאַזש פֿון דײַטשישער וויסנשאַפֿט, פֿראַנצייזישער גײַסט־פּראָבלעמאַטיק, פֿרישער פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון דער יונגער רומענישער ליטעראַטור, און פֿון אַן אייגענער אינעווייניקסטער אינטענסיווקייט פֿון געדאַנקענפּלי און נשמה־פֿלאַטער — ער, דער אינטעליגענט גראָפּער איז ווײַט אַריבערגעשטיגן דעם קולטור־ניוואָ פֿון דער דמעאָלטיקער און אויך פֿון דער הײַנטיקער האַלב און גאַנץ אַסימילירטער רומעניש־ייִדישער אינטעליגענץ.

זײַן ייִדישע שאַפֿונג? — זי איז קודם־כּל געווען אַ רעזולטאַט פֿון דעם מאָגערן ביסל ייִדישע גײַסטיקייט אין זײַן שטעטל, אַ גײַסטיקייט אויף וועלכער ס׳האָבן זיך צונויפֿגעלייגט דאָס חדר, דער מאַמעס מעשׂה־ביכלעך און פֿאָלקסלידער, דעם טאַטנס פֿרום־ייִדישער שטייגער און די קאָלעקטיווע אַטמאָספֿער פֿונעם שטעטלדיקן ייִדישן ייִשובֿ. ס׳איז אין זײַנע לידער נאָך נישט געווען די ר ײַ פֿ ע ייִדישע קולטור־פּערזענלעכקייט וואָס האָט זיך געגומען ערשט פֿאָרמירן, ווען דאָס

דערוואָרבענע גײַסטיקע פֿאַרמעגן איז פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין דער שאַצקאַמער פֿון דורותדיקן אויטענטישן „מיר" און „איך". אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז זײַנע לידער זענען געבליבן הינטערשטעליק אונטער זייער באַשעפֿער און גיבן נישט דאָס ריכטיקע בילד פֿון דער אין טויזנטערליי פֿאַרבן פֿון געדאַנק און עמאָציע שימערירנדיקער גראַפּערישער פּערזענלעכקייט.

דער ייִדישער ישובֿ אין אַלט־רומעניע האָט, אַליין אַ גײַסטיק־פֿאָרעמלאָזער, נישט געשעטיצט דעם איינזאַמען טרובאַדור זײַנעם מיט פֿאָרעם־טראַדיציע, וואָס אַנדערע ייִדישע קיבוצים האָבן שוין פֿאַרמאָגט. ער, גראַפּער, איז דאָ געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס ייִדישע וואָרט ליטעראַריש געצוימט. פֿון דאַנעט נעמט זיך אויך, וואָס גראַפּער בעל־פּה, דער באַפּרײַטער פֿון כּלי־שאַבלאָנען האָט געווירקט פֿיל טיפֿער און פֿאַרביקער, ווײַל דער גוטער, עכטער, גײַסטיקער ווײַן זײַנער האָט געהאַט רוים צו שוימען און צו באַווײַזן זײַנע הונדערטער חידושים פֿון חריפֿות און בקיאות.

גראַפּער, וואָס זײַנע געזאַנגען זענען שוין פֿון לאַנג געווען, אין אָריגינאַל און אין איבערזעצונג, אַ רשות־הרבים פֿון דער רומעניש־ייִדישער יוגנט, האָט אין 1934 אויפֿגעזאַמלט זײַנע לידער ממש פֿון פֿרעמדע מײַלער און זיי אַרויסגעבראַכט אין אַ קליינפֿאָרמאַטיקן בוך פֿון איין און נײַנציק זײַטן, אונטערן נאָמען „אין שאָטן פֿון אַ שטיין".

דער בוקאַרעשטער פֿאַרלאַג „שלום־עליכם" (לייען: דער ייִדישער קולטור־טוער און העברעיִש־לערער נטע רויטמאַן), וואָס האָט אַרויס־געגעבן גראַפּערס לידער־זאַמלונג האָט אין נאָכוואָרט צום בוך אָנגעזאָגט: „אַ צווייטער באַנד לידער פֿון זעלבן מחבר וועט דערשײַנען בקרובֿ". אָבער דער צווייטער באַנד איז קיין מאָל נישט דערשינען און „אין שאָטן פֿון אַ שטיין" איז געבליבן דאָס איינציקע לידערבוך פֿון דעם הײַנט זיבעציק־יאָריקן פּאָעט, וואָס איז פֿאַרבליבן אַן איינזאַמער און אַן אויסגעהוילטער פֿון זײַן סבֿיבֿה אין דער רומענישער רעזידענץ־שטאָט אונטערן נײַעם רעזשים.

די גרונט־שטימונג פֿון גראַפּערס לידער־זאַמלונג „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״ איז, ווי איך זע דאָס, געווען דאָס ליד „צו אַ חבֿר״ וואָס מאָנט און גראָבט אויף ראָמאַנטישע דערמאָנונגען —

„געדענקסטו, אויף דער פּריזבע מיר פֿלעגןביידע זיצן
„ביַים רבין, פֿאַרן חדר און שפּילן זיך אין קנעפּ,
„און דו, פֿון ווייַסן פֿישביין אַ טיַיטל דיר פֿאַרשניצן,
„און איך אַ דריבנעם „יודל״ מיט גלאָז און ציגל קריצן,
„צי שניַידן אויס אין מייער געקינצלט שיינע טרעפּ״.

דאָס ליד פֿאַרענדיקט דער דיכטער מיט אַ געפֿיל פֿון פּחד פֿאַרן היַינט און מאָרגן און מיט אַ נאָגנדיקער נאָסטאַלגיע צום אַמאָל און מיטן גלויבן אַז מיטן כּוח פֿון אַמאָל קאָן מען אויפֿריכטן צוריק אונדזער ייִדיש לעבן —

„פֿאַרלוירן האָט דער הימל זיַין קלאָרקייט, און די בליצן
„זיי סטראַשען מיט דעם שטורעם צו ווערן באַלד אַ פּאָר...
„וואָלטן מיר געקאָנט, מיַין חבֿר, אין איינעם דאָרט נאָך זיצן
„און מעשׂיות זיך דערציילן און טיַיטלען זיך פֿאַרשניצן,
„דער הימל וואָלט פֿון ס׳ניַי געוואָרן בלוי און קלאָר...״

אַזוי האָט ראָמאַנטיש געחלומט און געבענקט דער ערשטער ייִדיש־דיכטער אויף אַלט־רומענישער ערד אין די ציַיטן פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, אין די יאָרן ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מערקווירדיק איז וואָס דער אין אַלט־רומעניע געבוירענער יעקבֿ גראָפּער האָט זיך דיכטעריש ווייניקער אָנגעקערט מיט דער ספּעציעל רעגיאָנאַליסטישער געמיט־ און גיַיסט־אַטמאָספֿער פֿון אַלט־רומעניע ווי די פֿון בעסאַראַביע און בוקאָווינע שפּעטער צוגעקומענע איציק מאַנגער און יעקבֿ שטערנבערג.

אָבער פֿון דעסט וועגן בלײַבט יעקבֿ גראַפּער מער ווי יעדער אַנדערער צונויפֿגעבונדן מיט אַלט־רומעניע און איז דערעיקרשט מער ווי יעדער אַנדערער איר סימבאָל. וואָרעם ער, גראַפּער, איז דער ערשטער געלונגענער פּרווו אויפֿצוהענגען אַן אייגן פֿידעלע אויף די ייִדיש־רומענישע טרויער־ווערבעס.

ווי אַ ייִדיש־שעפֿער איז יעקבֿ גראַפּער געווען אין רומעניע — דער באַגינען; ווי אַ ייִדישער אינטעליגענט — דער זעניט; ווי אַ גײַסטיקע פּערזענלעכקייט — דער גאַנצער טאָג פֿונעם אַלט־רומענישן ייִדישן קיבוץ.

שלמה ביקל

צו די שלושים

ווען מען רעדט הײַנט־צו־טאָג וועגן דער רומעניש־ייִדישער ליטעראַטור האָט מען אין זינען דאָס געזעמל ייִדיש־שעפֿער פֿון בוקאָווינע, בעסאַראַביע און מאַרמאַראָש־סיגעט, וואָס האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפֿגעקליבן אין גרויס־רומעניע און געשאַפֿן די ייִדיש־ליטעראַרישע צענטערן אין בוקאַרעשט, אין טשערנאָוויץ און אין קעשענעוו.

איז דאָס טאַקע אמת, אַז אַ ייִדיש־ליטעראַרישער צענטער איז רומעניע ערשט געוואָרן, ווען איר ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט דורכן אָנשלוס פֿון די נײַע פּראָווינצן דערגרייכט ביז צו דער צאָל פֿון אַ קנאַפּן מיליאָן נפֿשות. אָבער אמת איז אויך, אַז די קליינע רומעניע פֿון 1918 מיט אירע דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן איז ניט געווען אין גאַנצן קיין ייִדיש־ליטעראַרישער חלל. דווקא ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך ייִדיש־שאַפֿערישקייט אין דער קליינער רומעניע אַ ריס געטאָן צו אָנשלוס אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

אין דעצעמבער פֿון יאָר 1914 האָבן דרײַ אַלט־רומענישע יונגעלײַט (דער ישיבֿה־בחור מאָטי ראַבינאָוויטש, זײַן שוואָגער, דער סטודענט אפֿרים וואַלדמאַן און דער גראַדויִרטער פֿון יאַסער אוניווערסיטעט, דער דיכטער יעקבֿ גראָפּער, אַלע זכרונם לבֿרכה) אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּערטליאָר שריפֿט מיטן נאָמען „ליכט”, וואָס קאָן מיט רעכט פֿאַררעכנט ווערן ווי דער אָנהייב פֿון דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור אין רומעניע. שותּפֿים צו דעם ליטעראַרישן אָנהייב אין רומעניע זענען געווען דער צוגעקומענע פֿון בעסאַראַביע יעקבֿ

באָטאָשאַנסקי ז״ל און אים צו לאַנגע יאָר, דער הײַנט באַוווּסטער ייִדישער מאָלער (אַ תּושבֿ אין ישׂראל) ראובֿן רובין.

אָבער די צענטראַלע ליטעראַרישע פֿיגור, וואָס האָט בײַם אָנקום פֿון די בוקאָווינער און בעסאַראַבער רעפּרעזענטירט אַלט־רומעניע און איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער נײַער ייִדיש־שאַפֿערישער גרויס־רומעניע, איז געווען יעקבֿ גראָפּער.

זײַנס אַ בוך לידער איז ערשט אַרויס אין יאָר 1934 אין בוקאַרעשט, אגבֿ איז גראָפּערס לידער־זאַמלונג „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״ געבליבן זײַן איינציק בוך עד־היום, און אַ קאָמיטעט פֿון פֿרײַנד וועט איצט, נאָך זײַן פּטירה, האָבן די אויפֿגאַבע צונויפֿזאַמלען גראָפּערס דיכטע־רישן איבערבלײַב און אים אַרויסגעבן.

אַ בוך לידער האָט גראָפּער, ווי געזאָגט, אַרויסגעבראַכט ערשט אין זעכצנטן יאָר פֿון די 22 יאָר וואָס גרויס־רומעניע האָט עקזיסטירט, אָבער פּאָפּולער איז דער דיכטער און זײַן ליד געווען אין קליין־רומעניע ווי זעלטן אַ פּאָעט מיט צען לידער־ביכער אויף זײַן קאָנטאָ. ייִדיש־רומענישע דיכטער האָבן אַ סך פֿון גראָפּערס לידער איבער־זעצט אויף רומעניש און ייִדישע יוגנט האָט געלייענט און דעקלאַמירט די לידער אין רומענישער איבערזעצונג און אויך אויף ייִדיש אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע. און די, וואָס האָבן ניט געלייענט, האָבן אויך געוווּסט פֿון גראָפּערן און זיך מיט אים איבערגענומען. גראָפּערס אַרײַנקום צו אַ ציוניסטישער אָדער סתּם ייִדישער פֿאַרזאַמלונג איז אַלע מאָל באַגריסט געוואָרן פֿון דעם פֿאָרזיצער אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פֿון דעם עולם.

די רומענישע ייִדן, נאַציאָנאַל און אויך קולטורעל אַסימילירטע, האָבן זיך איבערגענומען מיט גראָפּערן. און מיט רעכט. ער איז געווען דער ערשטער מאָדערנער ייִדיש־דיכטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער אַלטרומענישער ערד, דער ערשטער פֿון דאָרט, וואָס האָט זיך באַהעפֿט מיטן וועלט־ייִדישן קאַמף פֿאַר ייִדיש (דער אַכצן־יעריקער גראָפּער האָט זיך אין 1908 באַטייליקט אין דער טשערנאָ־

וויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ) און מיט דער ייִדישער שאַפֿערישקייט אין דער וועלט. (ער איז געווען דער איינציקער רומעניש־דערצױ־גענער ייִד, וואָס האָט צום אונטערשיד פֿון עטלעכע צענדליק אַנדערע ייִדן — שרײַבערס, גענומען שרײַבן ניט אויף רומעניש, נאָר אויף מאַמע־לשון).

דער „חייט פֿון וואַלאַכן־לאַנד", דער באַרימטער ייִדיש־טרובאַדור איציק מאַנגער איז ניט געבוירן געוואָרן אין אַלט־רומעניע. זײַנע טאַטע־מאַמע האָבן אים געבראַכט קײַן יאַס אין עלטער פֿון בר־מצווה. יעקבֿ גראָפּער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מאַנגערן מקרבֿ געווען און אָפּגעמבֿינט צום גוטן זײַנע לידער.

יעקבֿ גראָפּער — האָב איך מיט דרײַסיק יאָר צוריק געשריבן און קאָן דאָס הײַנט אָן שום רעזערוואַציע איבערחזרן — איז ווי אַ ייִדיש־שאַפֿער געווען דער באַגינען; ווי אַ ייִדישער אינטעליגענט — דער זעניט, ווי אַ גײַסטיקע פּערזענלעכקייט — דער גאַנצער טאָג פֿון דעם אַלט־רומענישן ייִדנטום.

*

ערגעץ אין די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרווײַלן עטלעכע שעה אין יעקבֿ גראָפּערס געבוירנשטעטל מיהײַ־לען, אויף דער אַלט־רומעניש־בוקאָווינער גרענעץ. אַ שפּאַן איבער דער גרענעץ און מיהײַלענער ייִדן פֿאָרן אַרײַן אין דעם בוקאָווינער שטעטל סערעט און קויפֿן זיך אײַן מאַנופֿאַקטור, וואָס איז אין גע־וועזענער קיר"הס מדינה אי ביליקער און אי שענער; אַ שפּאַן צוריק איבער דער גרענעץ און סערעטער ייִדן כאַפּן זיך אַרײַן אין איינעם פֿון די מיהײַלענער ווײַנשענקן אָפּעסן אַ גוטן „מושק" (פֿלייש גע־בראָטן אויף קוילן) און פֿאַרטרינקען מיט אַ גוטן אָדאָבעשטער, אָדער גאָר מן המובֿחר, קאָטנאַרער ווײַן. אין דעם פּרט איז מיהײַלען בײַ דער גרענעץ געווען כּולה אַלט־רומעניע אָבער דער ייִדיש־פֿרומער שטייגער איז נאָך געווען אין זײַן פֿולער פֿאַרב, ווי אין די צפֿון־בוקאָווינער און גאַליציאַנער שטעטלעך.

פֿון אָט דעם פֿרומען ייִדישן שטייגער נאָך אין סאַמע בלי אין די מאָלדאַווישע שטעטלעך (דערעיקרשט אויף דער גרענעץ פֿון בוקאָ־ווינע און בעסאַראַביע) איז אַרויסגעוואַקסן דער ייִדישער ליריקער יעקבֿ גראָפּער, וואָס האָט געדרוקט זײַנע לידער אַזש אין דער ווילנער „ייִדישער וועלט״.

אין מײַנע עטלעכע שעה אין מיהיילען האָב איך גראָד אָנגעטראָפֿן אויף אַ לוויה. דער שוואַרץ איבערגעדעקטער אָרון — אויף די פּלייצעס פֿון זקנים. נאָכן אָרון — געציילטע עטלעכע מלווים און דאַנעבן שפּאַנט אַ דריבנע ייִדל און שרײַט אַרויס ניט נאָר דעם טרויער פֿון די אבֿלים, נאָר בחוש אויך דעם טרויער פֿון אַן אָפּשטאַרבנדיק שטעטל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל און עס איז געווען ווי אין גראָפּערס פּאָפּולערן ליד „צו אַ חבֿר״:

> פֿאַרלוירן האָט דער הימל זײַן קלאָרקייט, און די בליצן
> זיי סטראַשען מיט דעם שטורעם צו ווערן באַלד אַ פּאָר...

דער הימל האָט געסטראַשעט מיט אַ בייזן רעגן, און ס׳האָט ניט גערעגנט, אָבער דער טרויער איז אונטער די שוואַרצע וואָלקנס נאָך געדיכטער געוואָרן, און איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ס׳איז די לעצטע לוויה אין שטעטל. דאָס האָט אַ שארית הפּליטה געטראָגן צו קבֿר אַ גאַנצע ייִדישע קהילה.

דאָס שטעטל איז געווען גראָפּערס, (הגם קיין משפּחה האָט ער דאָרט ניט געהאַט. טאַטע־מאַמע געשטאָרבן און אַלע קרובֿים און אויך ער אַליין אויסגעוואַנדערט). און אַהין, צו יענעם שטעטל, מיט זײַן גײַסטיקייט פֿון חדר און בית־המדרש, פֿון מאַמעס מעשׂה־ביכלעך און פֿאָלקסלידער האָט געבענקט דער ראַפֿינירטער ייִדישער אינטע־לעקטואַל יעקבֿ גראָפּער. די נאָסטאַלגיע צום ייִדישן אורקוואַל, צום שטעטל, איז געווען דער גרונט־מאָטיוו פֿון גראָפּערס ליד —

„וואָלטן מיר געקאָנט, מײַן חבֿר, אין איינעם דאָרט נאָך זיצן,
און מעשׂיות זיך דערציילן און טײַטלען זיך פֿאַרשניצן
דער הימל וואָלט פֿון ס׳נײַ געוואָרן בלוי און קלאָר".

*

איך האָב יעקבֿ גראָפּערן, וואָס איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיט אים אין גאָענטער פֿרײַדשאַפֿט אין מײַנע בוקאַרעשטער יאָרן, ניט מער געזען זינט מײַן אַרויספֿאָר פֿון רומעניע אָנהייב 1939. איך האָב געהאָפֿט זיך מיט אים צו באַגעגענען, ווען איך האָב מיט צוויי יאָר צוריק פֿאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין ישׂראל. אָבער גראָד דעמאָלט איז גראָפּער, וואָס האָט שוין געוווינט זינט עטלעכע יאָר אין ישׂראל, געווען אויף אַ רײַזע אין בערלין.

מיר האָבן זיך דורכגעשריבן און געפּלאַנעוועט אַ צונויפֿקום אין ווין (לויט זײַן פֿאָרלאַנג) אָדער אין פּאַריז (לויט מײַן פֿאָרשלאָג). אָבער דער צונויפֿקום איז נישט צושטאַנד געקומען. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָט געקלונגען דער טעלעפֿאָן אין מײַן פּאַריזער האָטעל און — איך האָב דערהערט יעקבֿ גראָפּערס שטים. אַז ס׳איז ניט באַשערט אונדזערע פּנימער זאָלן זיך באַגעגענען — האָט ער געזאָגט — זאָלן דאָס כאָטש אונדזערע קולות. דאָס קול זײַנס האָט געקלונגען וואָרעם, ווייך און פֿול מיט בענקשאַפֿט.ביידע רעדער איבערן טעלע־פֿאָן האָבן זיך געשטיקט מיט טרערן. גראָפּער האָט אין עטלעכע מינוט דערמאָנט זײַן איינזאַמקייט (ער איז פֿאַר די לעצטע 34 יאָר געווען אַן אַלמן), די מיחושן וואָס מאַטערן אים און די פֿרייד מיט מדינת ישׂראל, ווו מען האָט אים אויפֿגענומען האַרציק און מיט נאָענטשאַפֿט.

אין דער צוואה האָט ער איבערגעלאָזט געלט אויף אַרויסצוגעבן ירושלים, אין דער עיר הקודש (אַזוי האָט ער זי פֿאַר מיר קאָמפּלי־מענטירט).

די מיחושן האָבן אים געפּלאָגט. אָבער די שאַפֿערישע אַמביציע איז געווען וואַך און ער האָט זיך געגרייט, אַרויסצוגעבן אַ צווייטע

גרויסע זאַמלונג פֿון זײַנע ניט געדרוקטע אָדער איבער זשורנאַלן צעשפּרייטע לידער.

סוף נאָוועמבער איז גראָפּער אַרויסגעפֿאָרן וועגן עסקים ווידער קיין בערלין און איז דאָרט נפֿטר געוואָרן מאָנטיק, דעם 12־טן דעצעמבער 1966. זײַן אָרון האָט מען געבראַכט קיין ישׂראל און אים קובֿר געווען זונטיק, דעם 25־טן דעצעמבער אין חיפֿה, וווּ ער האָט פֿאַרבראַכט דאָס לעצטע יאָר אין אַ סאַנאַטאָריע אויפֿן כּרמל. ער איז אַלט געווען 76 יאָר.

אין דער צוואה האָט ער איבערגעלאָזט געלט אויף אַרויסצוגעבן זײַנע כּתבֿים און אַן אַנטאָלאָגיע פֿון יידישער דיכטונג, אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם שרײַבער אליעזר פּרענקעל.

ק. א. ברתיני

באַגעגעניש פון גײַסטער

(די גראַפּער־פּרעמיע — דעם דיכטער יעקב פרידמאַן ז״ל)

איך בערנג דאָ אַ ברכה. צום גרויסן באַדויערן און ווייטיק, איז די ברכה נישט געווענדט צו דעם וואָס באַקומט די פּרעמיע, מחמת ער איז נסתלק געוואָרן פאַר דער צײַט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליידיקן חלל און אָנגעווייטיקטע הערצער פון זײַן הויזגעזינד, זײַנע פרײַנד, חבֿרים און פאַרערעס, אָבער די ברכה איז געווענדט צו די גרינדערס פון דער פרעמיע און צו די זשורי־מיטגלידער הײַיאָר, פאַר דעם וואָס זיי האָבן צונויפגעבונדן דאָס באַשטימען די פּרעמיע מיט דעם וואָס ער באַקומט זי פּאָסט־מאָרטעם.

און איך וועל מיר דערלויבן צוגעבן צו די מאָטיוון פון דעם זשורי עטלעכע שטריכן בנוגע ביידע יעקבֿן, יעקבֿ גראַפּער און יעקבֿ פרידמאַן, זכרונם לברכה. זיי זענען אַוודאי פאַרשיידן איינער פון דעם אַנדערן מיט זייער וועזן אַלס שאַפערס, פאַרשיידן זענען זייערע שאַפערישע מדרגות, פאַרשיידן איז בעיקר די שאַפערישע שפּע־קראַפט פון יעדן פון זיי — און דאָך וואָלט איך געפּרוווט דורכפירן געוויסע פּאַראַלעלן צווישן די ביידע.

דאַכט זיך, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר ביידע איז דאָס אויספעלן פון אַ גרענעץ צווישן זייער פערזענלעכקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן און זייער שריפטלעכן שאַפן, הגם די פּראָפּאָרץ צווישן לעבן און שאַפן איז ניט געווען די זעלביקע בײַ זיי ביידע. יעדער איינער וואָס קען די ייִדישע גײַסטיקע קולטור אין רומעניע פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אײַנגעשלאָסן ייִדיש־קולטור, ווייסט גאַנץ

גוט, אַז גראַפּער איז געווען ניט נאָר „דאָס ערשטע שוועלבעלע״ אין דער קינסטלערישער, אייגנאַרטיקער ייִדיש־פּאָעזיע אין רומעניע, נײַערט אויך אַ גרודע ייִדיש לעבן, וואָס פֿאָלקס־קוואַלן האָבן אין אים געקוועלט. יעקבֿ גראַפּער דער מענטש, דער ייִדישער מענטש, האָט איבערגעשטיגן זײַן שאַפֿן, איבערגעשטיגן און איינצײַטיק באַשײַנט זײַן שאַפֿן. דאַכט זיך, אַז גראַפּער איז געווען אַ מסתּפּק במועט אין פּרט פֿון זײַן לידער־כּמות, ער האָט אָבער קאָנצענטרירט זײַנע גײַס־טיקע כּוחות אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין זײַנעם און אין לעבן פֿון זײַן ייִדישער סבֿיבֿה.

וואָס שייך יעקבֿ פֿרידמאַן, איז זײַן פּאָעטישע שפּע געווען אין פֿאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו זײַן טאָג־טעגלעכן טון. איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז זײַן פּאָעזיע איז באַשטראַלט געוואָרן פֿון זײַן לעבן, אָבער ס׳איז מיר קלאָר, אַז יעקבֿ פֿרידמאַן דער מענטש איז געווען אין די אויגן פֿון יעדן וואָס האָט זיך געפֿונען אין זײַן מחיצה — אַ דעצידירנדיק און האַרמאָניש דערגאַנצן פֿון יעקבֿ פֿרידמאַן אין דער פּאָעזיע.

יעקבֿ גראַפּער איז געווען אַ מענטש פֿון געמישטער קולטור: מערבֿ־אייראָפּע, די וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דײַטש און אין פֿראַנצייזיש, דער עיקר אין ראָמאַנטיזם, איז אין אים אײַנגעזאַפּט געוואָרן אין איינעם מיטן גײַסטיקן פֿאָלקס־פֿאַרמעגן פֿון די מאָלדאַ־ווישע שטעטלעך, מיטן וואַקסן פֿון די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעאָ־לאָגיעס און מיטן צעבלי פֿון ייִדיש־שאַפֿן אין פּרצישן נוסח — גע־דאַנקלעכקייט און עמאָציאָנאַלקייט — זענען בײַ אים געגאַנגען אין איינעם, אָבער דער דאָזיקער צענויפֿגוס האָט זיך געפֿונען, ווי געזאָגט, אַן אויסלאָד מער אין לעבן און ווייניקער אין פּאָעזיע.

יעקבֿ פֿרידמאַן האָט ביזן לעצטן טאָג געזויגן פֿון זײַן שטאַם, פֿון רביים־גזע, פֿון זייער וווּנדערלעכן וועזן און פֿון זייער ספּעציפֿישן לעבן־באַנעם. די גאַנצע וועלט, דערין אויך די ייִדישע וועלט, האָט זיך בײַ אים תּמיד איבערגעבראָכן אין דער פּריזמע פֿון זײַנע עלטערן

און זײַנע עלטער־עלטערן, און אַלס פּועל־יוצא דערפֿון איז אַלץ געוואָרן אַ געפֿלעכט פֿון מיסטיק מיט טיפֿקייט פֿון באַטײַטן. אָבער די דאָזיקע באַזונדערקייט איז געבליבן אין איר אַבסאָלוטן ייִדישן קאָלאָריט, דהיינו: די רײַכע מעטאַפֿאָריק איז תּמיד אַ רעזולטאַט פֿון אויסגעשפּראָכן ייִדיש זעען, וואָס זײַן עיקר איז — דער באַגריף פֿון קדושה.

און ווירקלעך, ווער ס׳האָט געקענט, אַפֿילו ווייניק, דעם דיכטער יעקבֿ פֿרידמאַן און דעם מענטש יעקבֿ פֿרידמאַן, האָט געוווּסט, אַז דער מענטש און דער שאַפֿער זענען איינס. דאָס לעבן און זײַן פּאָעזיע זענען פֿאַר אים געווען צוויי פּנימער פֿון איין זײַן. די דאָזיקע גאַנצקייט און די דאָזיקע איינציקייט פֿון יעקבֿ פֿרידמאַן האָבן געהאַט אין זיך דעם כּוח פֿון ראַדיִירן אַרום זיך; זײַנע חבֿרים און פֿרײַנד האָבן זיך גלײַך ווי אָנגעזאַפּט מיט זייער קדושה־פּראַכט, פּונקט ווי די חבֿרים און פֿרײַנד פֿון יעקבֿ גראָפּער האָבן געפֿילט זײַן גײַסטיקע איידלקייט.

ביידע פֿלעגן זיך ניצן מיט דער קאַטעגאָריע פֿון אייביקייט. און ווער ווייסט? אין דער איצטיקער צערעמאָניע־שעה און אין אַנדערע שעהען באַגעגענען זיך אפֿשר זייערע גײַסטער אין אַ וועלט, וואָס איז פֿאַרבאָרגן פֿאַר אונדז, און זיי בײַטן זיך איבער מיט פֿערזן. יעקבֿ גראָפּער אינטאָנירט סטראָפֿעס פֿון זײַן ליד „הלל״:

לידער וויל איך, לידער זינגען,
ווײַל דאָס ליד איז שיין און הייליק,
און עס ציטערט מײַן נשמה
ווען זי הערט דאָס ליד.

מיט די לויטערסטע ניגונים
צירט זיך אָן די זעל, די שטילע,
האַלב נאָך אומבאַקאַנטע קלאַנגען
פֿילן אָן די זעל.

באַגעגעניש פֿון גײַסטער

און יעקבֿ פֿרידמאַן ענטפֿערט אים:

די אָבֿות געהערט האָבן גאָטס רייד,
און מיר דיכטן פֿאַרהוילענע לידער,
צו פֿאַרהילן אונדזער נאַקעטע בענקשאַפֿט
נאָך גאָטס אָטעם,
וואָס איז שטילער ווי דער דעך פֿון געשטערן,
איבער שלאָפֿנדיקע אָזיערעס, ווינטערצײַט.

י. גולֶה

יעקבֿ גראַפּער

איך ווייס זייער ווויל אַז מ׳איז זיך נישט נוהג צו שרײַבן מאמרים איבער נשמות פֿון מענטשן. אַוודאי וואָלט איך געקאָנט אַרומשמועסן באריכות און פֿילפֿאַרביק יעקבֿ גראַפּערס ליד, וואָס פֿאַרדינט בלי ספֿק אַ ברייטן אַרײַנקוק און בעט זיך ממש דערצו. אַזאַ אַרומשמועס וואָלט געפֿאָדערט פֿון מיר ווייניקער אָנשטרענג, און דער פּועל־יוצא וואָלט געווען גרעסטענער, וואָרעם פּאָעזיע פֿאַר־מאָגט אַ סך בעלנים, און קריטיק, אַפֿילו ווען זי טרעפֿט נישט אין פּינטעלע, בלײַבט פֿאָרט קריטיק. לחלוטין אַנדערש קומט אָבער אויס, אַז מען נעמט זיך באַלויכטן דאָס סאַמע אייגענע אין אַ מענטשנס נשמה און אַרײַנדרינגען אין אירע פֿאַרהוילענע טיפֿענישן. ביסטו זיך דעמאָלט טועה, בלײַבט שוין דער טעות, און קיינער וועט אים נישט פֿאַרריכטן.

אַ סך מענטשן קענען יעקבֿ גראַפּערס ליד ניט ווינציקער ווי איך, און אַ טייל פֿון זיי פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַ קריטישן חוש אין אַ גרעסערער מאָס פֿון מיר. אַנטקעגן־זשע זענען בלויז ווייניק מענטשן באַהאַוונט אין די טיפֿענישן פֿון זײַן נשמה, אין זײַן פּערזענלעכקייט, הגם ס׳איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף אָ־דער פּערזענלעכקייט מיט יישובֿ־הדעת, נישט ווייניקער ווי אויף זײַן דיכטערישער שאַפֿונג.

די בוקאַרעשטער האָבן אַוודאי אָפֿט מאָל באַגעגנט אין גאַס, צי אויפֿן מאַרק יעקבֿ גראַפּערן — אָ־דעם שטאַלטנעם, אַ ביסל באַלײַבטן מאַן, מיט די תּמיד פֿאַרחידושטע אויגן, וואָס קוקן פֿאַר־גאַפֿטע אויף גאָטס וועלטל; מיט דעם שטעקן זײַנעם, וואָס ער פֿלעג

פּסדר שאָקלען אַהין און אַהער צוליב עפּעס אַ פֿאַרהוילענער סיבה; מיט דעם צעשמייכלטן פּנים און דעם גיכן דיבור. זיי דערמאָנען זיך אַוודאי אין די רייד זײַנע, פֿאַרבראָקטע מיט פּסוקים, מיט מאמרי חז״ל, מיט פּלערליי ציטאַטן (אָנגעהויבן פֿון געטע און ביז אָמאַר כּאַיאַם, און מיט קלוגע אַרויסזאָגן, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, צי זענען זיי באַשאַפֿענע אין יענער רגע, צי אייגנס אין דער פּאַסיקער מינוט אַרויסגעשעפּטע פֿון ערגעץ אַן אוראַלטן ספֿר־חכמה.

לויט אַ באַוווּסטן כּלל אינעם שולחן־ערוך פֿון פּאָעזיע, נייטיקט זיך אַ פּאָעט אין התבודדות, ווײַל דיכטונג פֿאָדערט אַליינקייט און קאָנצענטראַציע. קוקט אויף די פּאָעטן פֿון דער וועלט, צי איז עמעצער פֿון זיי „אויסגעמישט מיטן המון״. שווער, זייער שווער צו געפֿינען אַזעלכן. אין אמתן, טון פּאָעטן זייער עבֿודה אין שטילקייט, אָפּגעצוימט פֿונעם אַרום און אַרײַנגעטאָן אין קאָנצענטראַציע, און דער שווערער אָנשטרענג פֿאַרטראָגט נישט קיין דער־בײַיִקע עדות. בעת אַ דיכטער „אַרבעט״, איז ער מסוגל צו ווערן אויסער זיך פֿונעם מינדסטן שאָרך; און אַזוי ווי אַן אמתדיקער דיכטער הערט ניט אויף אַפֿילו איין־און־איינציקע רגע צו „אַרבעטן״, דערווײַטערט ער זיך טאַקע צוליב דעם פֿון רעש און געפּילדער, און פֿאַרשפּאַרט זיך אין זײַנע אייגענע דלת־אמות. פֿון דאָרט רירט ער זיך בלויז בעל־כּרחו אַרויס, בלית ברירה, און קריצנדיק מיט די ציינער.

ביז גאָר אַנדערש פֿירט זיך יעקבֿ גראַפּער, און זײַנע דלת־אמות באַטײַטן אין דער אמתן פֿינף הונדערט מײַלן־תּק־פּרסה — צי גאָר מער. פֿאַר גראַפּערן איז די וועלט פֿון דער גאַס, די אײַנדרוקן פֿונעם דרויסנ־דיקן אַרום, פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי פֿאַר אַ הונגעריקן שפּײַז. דער דאָרשט נאָך לעבן, נאָך איבערלעבענישן, נאָך אימפּרעסיעס, און דאָס כּסדרדיקע גאַפֿן און חידושן זיך איבער אַלץ וואָס טוט זיך אין דרויסן — אָ דאָס זענען די גרונטשטריכן פֿון גראַפּערס נשמה, דער סוד פֿון זײַן אייביקער פֿרישקייט. די אינעווייניקסטע וועלט גראַפּערס שטעלט

זיך צונויף פון אוצרות אָנגעפּראָפּטע מיט פֿאַרהויללענע אימפּרעסיעס, און ער שפּילט זיך מיט זיי, פֿאַרוועבט זיי אין איינעם און פלעכט זיי צונויף, הערט נישט אויף צו טראַכטן פון זיי קיין איין ווײַלע. ווען נישט דער דרויסן, וואָל גראָפּערס מוזע זיך געשלעפּט אַ הינקענ־דיקע, צי בכלל גאָר נישט באַוויזן זיך צו רירן פונעם אָרט. ווען גראָפּער שפּרײַזט אין גאַס, דרייענדיק זײַן שטעקן אַהין און אַהער, דוכט זיך אַז מען זעט אַ געניטן יעגער, וואָס איז מסוגל צו כאַפּן זײַן געיעג מיטן בלויזן קוק. ער פֿאַרטראָגט בפּירוש נישט די פֿאַר־שפּאַרטע פיר ווענט. ווער ס׳איז אַ מאָל אַרײַנגעקומען אין דער דירה זײַנער אויפן צווייטן גאָרן פון אַ צניעותדיקן, עטוואָס גראָען בנין אין דעם קרומען, שמאָלן געסל פונעם ייִדישן קוואַרטאַל, האָט אים גע־פונען דאָרט שפּרײַזנדיק אין דער לענג און אין דער ברייט, און דרייענדיק דערבײַ זײַן שטעקן. אָפּט האָט ער גאָר געדרייט נישט דעם שטעקן, נײַערט וואָס ס׳איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין דער האַנט, מעג זײַן אַפילו עפּעס אַ שבֿרי כּלי פון אַ געוועזענעם שטעקן. גראָפּער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער געפינט זיך אין דרויסן, אַפילו ווען ער איז געזעסן אין זײַן צימער. אָט זענען זײַנע אייגענע ווערטער: „גייענדיק אין גאַס, דוכט זיך מיר, אַז אַלץ וואָס איך זע איז נײַ, אַפילו זאַכן וואָס איך קען אינעווייניק און אויסנווייניק. אַפילו סתּם אַ פענצטער צי אַ בלומענטאָפּ, פון אַ שטיין אויפן ברוק שוין אָפּגע־רעדט — אַלץ רופט אַרויס בײַ מיר חידוש...״

אַ טיפער סוד, אפשר גאָר דער סאַמע סוד פון גראָפּערס שאַפן, ליגט אין זײַן אייגנשאַפט, אַרײַנצופאַלן אין פֿאַרגאַפונג איבער אַלץ וואָס די אויגן זעען און די אויערן האָרכן. אינעם לעבן פונעם מענטשן איז פֿאַראַנען בײַם אַנהייב אַ תּקופה פון חידושן זיך. ווזהין מען טוט אַ קוק, זעט מען דעמאָלט עפּעס נײַעס, און סע דוכט זיך, אַז אַלץ איז נאָר וואָס באַשאַפן געוואָרן אין יענער רגע. אין גיכן געוווינט זיך דער ייִנגער מענטש צו, ער הערט אויף צו שטוינען, און אַלץ ווערט פֿאַר אים פּשוט און קלאָר. ווען דער מענטש דערגרייכט דערנאָך

אַ באַשטימטע ריַיפֿקייט, איז שוין כּלל גאָרנישט מער מסוגל אים צו חידושן. דערמיט בין איך אויסן איבערפֿלאַכיקע מענטשן פֿון אַ גאַנצער וואָך. אַ קינסטלער טאָר זיך נישט צוגעווינען צו זעונגען און צו קלאַנ־גען. אַ קינסטלער מוז זיַין אויסגעשטאַט מיט דער מידה פֿון אַ וויַיסן בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכען סע בליַיבן האַפֿטן די סימנים פֿון יעטוועדן שאָרך, פֿון יעטוועדן ריר, אַנדערש איז ער גאָר קיין קינסטלער נישט, אויב זיַין האַרץ ווערט נישט אויפֿגעטרייסלט פֿון די דרויסנדיקע אימפּרעסיעס, פּונקט ווי אַ כּלי־זמר מוז כּסדר אָנצי'ען די סטרונעס פֿונעם פֿידעלע, כּדי זיי זאָלן אויפֿציטערן בײַם מינדסטן אָנריר. לאָמיר דאָ דערמאָנען לאה גאָלדבערגס שיינע שורות, וואָס זאָגן אַרויס אי מיט אימפּעט אי ליריש דעם אָנגעצייכנטן געדאַנק — אַ געדאַנק פֿון וואָגיקער וויכטיקייט פֿאַרן דיכטער:

למדני אלהי ברך והתפלל
על סוד עלה קמל, על נגה פרי בשל
על החרות הזאת: לראות, לחוש, לנשום
לדעת, ליחל, להיכשל.

למד את שפתותי ברכה ושיר הלל
בהתחדש זמנך עם בוקר ועם ליל
לבל יהיה יומי היום כתמול־שלשום
לבל יהיה עלי יומי הרגל.

(שירי סוף הדרך ג׳)

(לערן מיך, גאָט בענטשן און תּפֿילה טון
פֿאַרן סוד פֿונעם פֿאַרוויאַנעטן בלעטל,
פֿאַרן שימער פֿון ריַיפֿער פּרוכט
פֿאַר דער פֿריַיהייט פֿון קוקן, שפּירן, אָטעמען
פֿון וויסן, גאַרן, שטרויכלען.

לערן מײַנע לעפּצן דאַנקען און זינגען און לויבן
פֿאַר באַנײַען דײַן צײַט אין מאָרגן, אין אָוונט
כּדי מײַן הײַנט זאָל אַנדערש זײַן פֿון נעכטן,
מײַן טאָג זאָל נישט ווערן אַ גראָער אַלץ־איינס).

אין גראָפּערס אויגן באַנײַען זיך הימל און ערד בפּירוש יעדן טאָג, ווי סע שטייט געשריבן, און אַלץ וואָס סע אַנטפּלעקט זיך פֿאַר זײַנע אויגן, דוכט זיך אים אויס לגמרי אַנדערש ווי אַ מאָל. זאַכן וועלכע ער זעט טאָג־טעגלעך ווײַזן אים כּסדר אַ נײַ פּנים, אַ פֿאַר־שיידנס פֿונעם נעכטיקן, און אוודאי פֿונעם מאָרגנדיקן.

דער הימל איז נאָך דעמאָלט געווען גלײַך ערשט געצויגן
אין לויטער קלאָרער בלויקייט — אַ קינדערבליק פֿאַרטראַכט —
די נאַכט — אַ לץ וואָס פּאַכט זיך, פֿון קילן שלאָף באַפֿלויגן,
דער שטורעם — אַ ריז, פֿאַרסאַפּעט מיט בליציק־ווילדע אויגן —
ער קומט פֿון הרי־חושך פֿאַרשפּרייטן טויט און נאַכט.

(צו אַ חבֿר)

כּאַפּנדיק מיט גראָפּערן אַפֿילו אַ גיכן שמועס, שפּירט מען ווי סע שפּאַרן פֿון אים אַרויס די אַלע אימפּרעסיעס, נאָך נישט גענוג איבערגעגאָסענע. ער וועט אײַך אָנווײַזן אויף אַ סך קלייניקע, און־אין־פֿלוג־אַפֿילו נישטיקע פּרטים, וואָס איר קענט זיי שוין אויף אויסנ־ווייניק, אָבער פּלוצעם כאַפּט איר אײַך, אַז איר פֿאַרמאָגט גאָר בכּלל נישט קיין יסודותדיקע און וואָרצלדיקע ידיעה דערינען, און אַז איר האָט זיי גאָר ביז הײַנט נישט אויף אַן אמתן דערקוקט.

אַ משל צו איינעם, וואָס זיצט אין אַ פֿינצטערן חדר, און דאָרט זענען דאָ אַ סך דימענטן און בריליאַנטן און טײַערע בלישטשענדיקע אוצרות. כּל זמן דער חדר איז אײַנגעהילט אין חשכות, דוכט זיך, אַז ער איז פּוסט און ליידיק. ערשט ווען ס׳קומט עמעצער אַרײַן מיט

אַ ברענענדיק ליכט, הייבן פּלוצעם אָן די אוצרות צו שעמערירן און אַרויסצושטראַלן.

אַזאַ עמעצער מיט אַ ליכט אין האַנט איז יעקבֿ גראַפּער. לעכצנדיק נאָך בילדער און נאָך חידושים, (און וואָס איז דען נישט אין זײַנע אויגן אַ חידוש!...) שפּרײַזט ער פֿון גאַס צו גאַס, זאַפּט אַלץ אַרײַן, גלײַך ער וואָלט געוועזן אַ נעץ פֿון פֿישערס וואָס נעמט אין זיך אַרײַן פֿון די טיפֿענישן כּלערליי געפֿינסן, און היט זײַנע מציאות ס'זאָל זיך חלילה קיין שום פּרט נישט פֿאַרלירן. טרעפֿט זיך און ער פֿאַר־קניפּט מיט אײַך אַ שמועס, ציט ער פֿאַמעלעך עפּעס אַרויס פֿון זײַן אוצר (צו מאָל, אין פֿלוג, אַ מין סאַמע גאַרנישט) און הייבט אָן אויסשיילן פֿונעם שאָלעכץ דעם אַנטיק זײַנעם. און אָט אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אײַך דער אמתדיקער פּרצוף פֿונעם אַנטיקל, די שעמע־רירנדיקע קאָלירן זײַנע (בײַ אים שעמערירט אַפֿילו גראָ...), דער פֿאַרבאָרגענער און איינמאָליקער תּוך, די היסטאָריע זײַנע פֿון בראַ־שית אָן, די מיט אייגנקייט אָנגעזאַפּטע צורה (און וואָס אין דער וועלט איז דען נישט פֿול מיט אייגנקייט). פּלוצעם ווערט איר פֿאַר־כאַפּט פֿונעם געמעל, און איר הייבט אָן גלייבן פּונקט ווי גראַפּער, אַז אין אמתן ליגט נישט פֿאַר אײַך עפּעס אַ נישטיק זעמדעלע, נײַערט ס'איז גאָר אַן אבֿן־טובֿ, וואָס זײַן שיינקייט און פּראַכט פֿאַרמאָגן נישט זייער גלײַכן אין דער גאָרער וועלט.

נאָך מער: גראַפּער וועט פֿאַר אײַך אויספּרייטן נישט בלויז די היסטאָריע פֿונעם זעמדעלע און די טויזנט חנען זײַנע, נײַערט אויך די אָן אַ שיעור קניפּן צווישן דעם אַ ברעקעלע און די מיליע־מיליאָסן זעמדעלעך בײַ די ברעגן פֿון זיבן ימים, די קניפּן טאַקע צווישן די זיבן ימים אַליין, און דאָס אָנקערעכץ צווישן זיי און די אַרומיקע יישובֿים. ער וועט מיט אײַך אײַנקנעלן די סודותפֿולע פּראָצעסן פֿון מעשׂי־בראשית וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אינעם זעמדעלע, די קאָסמישע עוואָלוציעס בײַ זײַן באַשאַף, וואָס זענען אין תּוך

די אייגענע ביי אַלץ וואָס איז פֿאַראַן אין דער וועלט. און טון וועט ער עס גיך־גיך, „אויף איין פֿוס״.

אַ שמועס מיט גראָפֿערן, זיין שיחת־חולין, באַטייט אַן איבער־לעבעניש, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן. ניין, ער איז נישט אַ מין „גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע״, הגם ער איז אָנגעפּראָפּט מיט ענציקלאָפּעדישע קענטענישן, וואָרעם אַן ענציקלאָפּעדיע מיינט נישט מער ווי אַן אוצר פֿון טויטע אותיות, אָן וועלכער ניט איז קרובֿישאַפֿט צווישן די פֿאַרשידענע קעפּלעך. דערקעגן זשע זענען ביי גראָפֿערן אַלע „קעפּלעך״ פֿאַרפֿלאָכטן איינס מיטן אַנדערן, פֿאַרקניפּט אויף אַן איבערצייגנדיקן דיאַלעקטישן אופֿן. ביי אים קומט אויס, אַז אַלץ פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם מיין, וואָס קער זיך אָבער נישט אָן בלויז מיט אים גופֿא, נייערט מיט אַ היפּשער צאָל אַנדערע זאַכן, פֿון קיינעם נישט אויסגעפֿונען.

אַלץ איז אין זיינע אויגן אַ ריזיק בילד, וואָס ער אַליין זעט אין דעם אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט, ווו יעדעס ברעקעלע געפֿינט זיך אויפֿן פּאַסיקן אָרט, בעת פֿאַר אַנדערע אַנטפּלעקן זיך בלויז איינציקע פּרטים. נישט פֿאַראַן עפּעס אינעם באַשאַף, וואָס ער זאָל האַלטן פֿאַר איבעריק, צי פֿאַר נישטיק. די מילע־מיליאָסן אימפּרסיעס, אויפֿגעכאַפּטע אין גאָטס וועלטל, סטימולירן אים כסדר פֿון ס׳ניי אָנצושפּיצן דעם קוק, פֿון ס׳ניי צו פֿאַרפֿלעכטן די מחשבֿות, פֿון ס׳ניי נאָכצושפּירן דעם צונויפֿגוס פֿון די עלעמענטן, מעשׂה אַלכימיסט וואָס האַלט אין איין צונויפֿגיסן פֿאַרשיידענע פּיטשעווקעס אין זיינע כּלים, מחמת אַזאַ איז שוין זיין טבֿע און ער מוז עס טון, מחמת זיין דאַרשט נאָך חידושים קען נישט אַנדערש געשטילט ווערן.

גראָפֿערס שמועסן באַטייטן תּמיד אַ מין איבעראַשונג פֿאַרן אויסהערער, אפֿשר אַפֿילו פֿאַר אים אַליין. די רייד וואָס גיסן זיך פֿון גראָפֿערס מויל דורך אגבֿ קען מען אַוודאי טרעפֿן, אין אַן אָפּגעענדערטער צורה, ערגעץ אין אַן אַלטער קאָלעקציע פֿון קלוגע אַרויסזאָגן. און פֿאָרט איז פֿאַראַן אַ חילוק: דער אַרויסזאָג פֿון אַ מאָל

איז אַ פֿונק ווי אַ שפּילקע־קעפּל די גרײס, בעת גראַפּערס וואָרט לײַכט אַ מײַל די ווײַט ווי אַ פֿלאַקערנדיקער שטורקאַץ.

די אַ מעלה זײַנע איז גראַפּערן ווייל באַוווּסט, און ער הערט נישט אויף זיך שפּילעוודיק מיט איר צו באַנוצן. ער איז אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זײַנע זעונגען ווי אַ קינד אין אַ שפּילעכל. ווו נאָר סע קלײַבט זיך צונויף אַ בינטל מענטשן באַווײַזט זיך פּלוצעם די סאָסנע־געשטאַלט גראַפּערס, מיטן שטעקעלע און מיטן אייביקן שמייכל זײַנעם. פּראַווען ערגעץ חסידים שלש־סעודות בײַם רביס טיש, וואַקסט אויף דאָרט אויס גראַפּער (אָן אַ שטעקעלע, לכּבֿוד שבת...)‎; אַ חופּה אין הויף פֿון בית המדרש איז גאָר נישט געמאָלט אָן גראַפּערן; און אַוודאי נישט קיין פּראָצעסיע, גאַסן־דעמאָנסטראַציע, כּלערליי פּאַראַדעס, און להבֿדיל לוויות (אַפֿילו גוייִשע...). גראַפּער פֿאַרפֿעלט נישט דערבײַ צו זײַן בײַ דער פּראַוואָסלאַוונער פּסחא־תּפֿילה אין האַלבער נאַכט. ס'האָט זיך געטראָפֿן, אַז ער האָט זיך אין אַ הייסן סוף־זומער געשלעפּט אַ פֿולן מעת־לעת מיט דער באַן, כּדי צו זײַן אַ מחותּן, ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל, בײַ אַ גוייִשער חתונה; דעמאָלט שוין אַ פֿינף־און־זעכציקער, איז ער געווען נאָך אַ שווערן האַרצאַטאַק.

גראַפּערס אומגעשטילטע תּאווה צו זען און איבערצולעבן דער־גרייכט אָפֿט מאָל דעם גרענעץ פֿון אַבסורד. פֿאַראַן אין בוקאַרעשט, ערגעץ מחוץ דער שטאָט, אַ רחבֿותדיקער מאַרק — מען רופֿט אים „טאַלטשאָק”. זונטיק שטראָמען אַהין מחנות מענטשן, כּדי אײַנצו־האַנדלען, צי צו פֿאַרקויפֿן, כּלערליי מציאות — שמאַכטעס אָן אַ ווערט, למשל: שמאַטעס וואָס זענען אַ מאָל געווען מלבושים, פֿאַר־זשאַווערטע רעשטן פֿון אײַזן און בלעך, זאָקן גאָלע לעכער, געלאַ־טעטע הויזן, געשפּרונגענע קריגלעך און כּלים, אַלטע ביכלעך, כּל המינים פּסולת פֿון שטובזאַכן, וואָס זייער פּלאַץ וואָלט געדאַרפֿט זײַן אין מיסט. פֿאַרגלוסט זיך אײַך אין אַ זונטיק צו זען יעקבֿ גראַפּערן, טאָ זוכט אים נישט אין דער היים, מחמת איר וועט אים

נישט געפינען. כאַפּט אײַך ליבערשט אַריבער צום „טאַלטשאַק״, און דאָרט וועט איר זען, ווי ער שפּרײַזט זיך פּאַמעלעך אין דער געדיכטע־ניש פון קונים און סוחרים און בערג שמאַטעס, נישט חלילה מיט דער כוונה אײַנצוהאַנדלען אַ מציאהלע, נײַערט פּראָסט און פשוט כדי צו קוקן און אָנצוזעטיקן דאָס אויג. און הערן וועט איר דעמאָלט פון זײַן מויל: „נישט פאַראַן אין דער גרויסער שטאָט עפּעס, וואָס זאָל זײַן מער פאַרכאַפּנדיק פונעם טאַלטשאַק אין אַ זונטיק. ווײ, ווײ, וויפל וווּנדער און חידושים ס'וואַלגערן זיך דאָ ממש אונטער די פיס!״ ער איז עס דער אייניציקער מליץ יושר פונעם טאַלטשאַק, מחמת קיינעם איז נישט אײַנגעפאַלן אַז דער טאַלטשאַק איז גאָר אויך מסוגל אַרויסצורופן פּאָעטישע אויפטרייסלונגען.

סע ווילט זיך אַגבֿ דערמאָנען דעם פּאָעט נתן אַלטערמאַן, וואָס האָט באַזונגען אין איינעם אַ ליד די פאָרשטאָט און דעם באַזאַר מיט פּראַכט און באַגײַסטערונג, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר גאָר דערהויבענע דערשײַנונגען פון דער נאַטור:

> פרוור צועק צוען, פתוח,
> פרוור מפליא העוויות,
> מצהיל סוסים, משיב מפוח
> ושר מבטן חביות
>
> פרוור הדג ועוף המים
> וצלי האש והקלי —
> גדוש לי יומך מיומיים
> טוב משלך לי ממשלים.

(שלושים שירים בפרוור א׳)

(סע טומלט די פאָרשטאָט, ווי אַ ציגײַנער פאַרסאַזשעט, וויַיזט קונצן, פאַרשיידענע העוויות.

סע הירזשען די פּערד, איינער בלאָזט דעם האַרמאָניק
אַן אַנדערער זינגט אינעם בויך פֿון אַ פּאַס.

יאַריד פֿון פֿיש, פֿון קאַטשקעס און גענדז,
פֿון געבראַטנס, געפּרעגלטס, געקאָכטס —
פֿול דוכט זיך דײַן הײַנט מיר מער פֿון אַלע טעג,
דײַן משל מיר ליבער פֿון אַלע משלים).

מיט די אַ פּערזן בין איך אויסן געווען אַנצווײַזן אי אויפֿן פֿאַרכאַפּנדיקן דמיון צווישןביידע דיכטער, אי אויף דער גרויסער אַנדערשקייט צווישן זיי. ביידע זענען ביז גאָר פֿאַראינטערעסירטע אינעם וואָכעדיקן רעש און גערודער פֿונעם יאַריד אין דער פֿאַרשטאָט, אין דער שעמערירנדיקער פּילפֿאַרביקייט פֿון אַ־דעם וועלטל. איז אָבער דער חילוק: בײַ אַלטערמאַנען ווערן די אײַנדרוקן תּיכף מגולגל אין ליד, און סע נעמט בלויז אַ קורצע ווײַלע ביז די פּערזן און דאָס לירישע געמעל ווערן באַשאַפֿן. אַנדערש אָבער טרעפֿט זיך מיט גראַפּערן, וואָס פֿאַרמאָגט אַ געלײַטערטע לירישע נשמה, און סע זינגט זיך בײַ אים פֿון דער נשמה אינעווייניק אַרײַן. ער איז תּופֿס דעם אַרום דורכויס מיט אַ מין לירישער אינטימקייט, און פֿאַרוואַנדלט אים אין אייגן האָב און גוטס.

סע מאָנט זיך אַ משל מיטן סמיטשיק פֿון אַ פֿידעלע, וואָס נויטיקט זיך פֿון צײַט צו צײַט אין אַ שמיר מיט קאַלאָפֿאָניע. בעת דער פֿידלער פֿירט דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס און ציט אַרויס זיסע טענער, האָרכט מען בלויז די קלאַנגען, אָבער מען פֿילט נישט דעם ריח פֿונעם קאַלאָפֿאָניע וואָס האָט אַ חלק אין דער האַרמאָנישער זיסקייט. און דער נמשל: אין גראַפּערס ליד וועט איר נישט שפּירן דעם בראשיתדיקן טעם פֿונעם שלל געזעענעם, וואָס דער פּאָעט קלײַבט אומעטום צונויף. גראַפּערס נשמה איז געגליכן צו אַ שמעלצ־אויוון, וואָס פֿאַרשלינגט בערג מיט שטיקער אײַזן, יעדעס שטיק

מיט זײַן פֿאַרשײדענער צורה און גרײס, צעשמעלצט זײ אין דער גלײַענדיקער היץ, און אָט שטראָמט אַרויס אַ טײַך מיט אַ נײַער, אײנפּנימדיקער מאַסע, װעלכע דער געניטער בעל־מלאכה פֿורעמט אויס לויט זײַן אײגענעם רצון.

די פֿאָרעם, װאָס גראַפּער גיסט אַרײַן אין איר זײַנע זעונגען, איז לגמרי אַ פּערזענלעכע. מיט אַ געניטער האַנט ציט ער אַראָפּ דאָס העמדל פֿונעם פּראָסטן פּשט און אַנטפּלעקט גאָר אין אַלץ און אין אַלעמען אַ פֿאַרהוילענעם אינעווײניק, װאָס קײנער זעט אים נישט, כאָטש ער איז פֿאַראַן. דער דיכטער גיסט צוזאַמען אײנס מיטן אַנדערן, שײלט אַרויס דאָס קערל פֿון זײַן אײַנהילעכץ און װיקלט עס אין נײַע מלבושים, גיט יעדער זאַך צו אַ נײַעם באַטײַט, אַ װאָגיקן מיין. פּלוצעם דערװיסט איר זיך, אַז די פֿאַרשײדענע אָביעקטן קערן זיך גאָר נאָענט אָן, זענען אַ חלק פֿונעם קאָמפּלעקס פֿון העכסטע פּראָבלעמען: פּאָעזיע, מוזיק, געשיכטע פֿון דער מענטשהײט און פֿון דער אומה.

אַ גילגול אַזאַ פֿון זעונגען און אימפּרעסיעס פֿאַרהידושן דעם צוהערער, און צו מאָל באַװײַזט מען נישט צו דערגרונטעװען דעם שורש פֿון די אָביעקטן, און צו אַנטפּלעקן זײער אמתדיקע אידענטיטעט. סע לײגט זיך שװער אויפֿן מוח צו דערגײן, אויף װעלכן אופֿן סתּם רויע אימפּרעסיעס װערן אַזוי אָרגאַניש און פֿולקום אַרײַנגעפּלאָנצט אינעם מעכאַניזם פֿון דענקען און פֿילן בײַ דעם, װאָס האָט זײ אויפֿ־געזאַמלט. צו מאָל דוכט זיך, אַז די דרויסנדיקע אימפּרעסיעס דער־גרײכן זײער פֿון תּמיד געגאַרטן תּיקון ערשט אין גראָפּערס רײד. טרעפֿט זיך אָבער, אַז די אָביעקטן שװימען אַרויף אין זײער כּמעט בראשיתדיקער רויגעשטאַלט, כאַפּט מען זיך, אַז די אימפּרעסיעס זענען מגולגל געװאָרן אין סימבאָלן, די װאָכעדיקע געשעענישן אין בילדער, די סתּם װערטער אין געהויבענע דיבורים, אָנגעזאַפּטע מיט טיפֿן מיין, רמזים, פּאָעטישן שװונג.

אָט למשל אַ פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע „סבֿיבֿה" — אײנע פֿון

גראַפּערס שפּעטע שאַפֿונגען, אפֿשר גאָר דאָס שײַנדל פֿון זײַן פּאָעזיע. פֿון ר׳ מאירלס מויל הערט מען רייד, וואָס מאָלן פּלאַסטיש די דאָליע פֿונעם ייִד אין זײַן דור (און אפֿשר אויך אין אַנדערע דורות):

אַליין און איינער צווישן זיי, און אַנדערש.
און זיי די זיבעציק,
דניאל אין גרוב מיט לייבן,
איינער און ניט קיין שבֿטים צוועלף —
און ז י י די זיבעציק,
און זיבעציק און הונגעריק
און אויפֿגערייצטע וועלף...

און דו אין מיטן מאַרק,
אין מיטן רעש,
און פֿול אַרומגערינגלט,
אָנזיכטיק, ציכטיק, קלוג און... שוואַך
און רײַך אַרומגערינגלט
און שרײַסט, שלעפּסט קונים,
רופֿסט און צינגלסט
אַרומגערינגלט:
סחורות, משקה,
ראַפּטן, פּאַצערקעס
(און פֿרעמדס גאָר העכער העלפּט).

און ער, דער בער איז פּראָסט און דאָרשטיק, גלוסטיק,
פֿון ווײַט אפֿשר צו פֿוס, באַפּראָשעט,
מיסטיק — צו פֿוס געגאַנגען,
זיך מעגלעך בײַ אַ דישעל אָנגעכאַפּט, זיך אָנגעהאַנגען

געשלעפּט מער, ווי געגאַנגען, זיך נאָכגעשלעפּט, זיך אָנגעהאַנגען
און איצט פאַרדראָסיק, — פּראָסט...

היינט זיין זכות־אָבֿות,
אָבֿות זיינע, זיידעס, באָבעס,
זיידע — ווילדער באַרג און גרויער וועלדערוואָלף
חיה רעה און קוק פון פּראָסט

און פריִער פּראָסט און האַרבקייט,
לעבנס־האַרטקייט אויף זיין קאַרק
און דו — אים פאַר די אויגן,
און — אין מיטן מאַרק...

אָט שטייט פאַר אייך אַ מאַרק, ממש ווי אַלטערמאַנס אַ מאַרק, אַ „טאַלטשאָק" פון קאָפּ ביז פוס. אָבער וויפל פילאָזאָפישע טיפקייט שפּאַרט פון אָ־דעם ליד, וויפל אַריינדרינגען אין תּוך פון די זאַכן, וויפל פאַרשטענדעניש פאַר דער אָנגעצויגענער טראַגעדיע אין געזעענעם! אַזאַ טיפע און ווייטע פאַרשטענדעניש באַוויזט צו דערגרייכן בלויז עמעצער, וואָס האָט לאַנג און אַריינ־דרינגלעך באַטראַכט די וועלט, אַזוי ווי זי איז. אינעם ליד פעלט לגמרי די קליינקעפלדיקייט פון אַ „נוגע בדבֿר" (הגם ס'איז אַדורכ־גענומען מיט פאַרשטענדעניש און מיט ליבשאַפט צום „פאַרטריבענעם שעפעלע"), וואָרעם אויך דער בער איז אַ טייל פונעם מאַרק, און מען טאָר אים בשום אופן נישט פאַרקוקן. פאַראַן אין ליד, אויף אַן אַנדערן פּלאַץ, אַ שורה, ווו גראַפּער שרייט מיט ווייטיק: „צי אונדז, צי זיי — ווי!" דאָס מיינט תּופס זיין דעם ענין אין זיין ברייטן, טראַגישן פאַרנעם (טראַגיש פאַרן גאַנצן יאַריד, אי פאַרן שעפעלע און אי — להבֿדיל — פאַרן וואָלף), דערמאָנענדיק אָן גאָטס ווערטער צו די מלאָכים בעת קריעת ים־סוף: „מיינע באַשעפענישן טרענקען זיך אין

ים, און אײַך גלוסט זיך זינגען שירה..." דער מאַרק דאָ האָט געפֿונען זײַן גואל, זײַן דערלייזער.

ווער ס'איז יסודותדיק באַהאַוונט אין ייִדישקייט ווייסט, אַז אונדזער אומה איז נישט געפֿורעמט פֿון „איין שטיק". ווידעראַנאַנדן ווינען אין איר אין די זעלביקע דלת אמות, (חוץ באַשטימטע תּקופֿות פֿון יוירונג) דווקא ווי גוטע שכנים וואָס גלוסטן נישט זיך משׂיג גבֿול צו זײַן. די אומה אונדזערע איז געגליכן צו אַ בנין, אויספּלאַנירט איינצײַטיק פֿון אַ סך אַרכיטעקטן, און יעדער פֿון זיי האָט אויסגעפֿורעמט לויט אַ באַזונדערן סטיל אַן אַנדערן טייל פֿונעם געבוי. אונדזערע פּאָעטן האָבן דערזען אין ייִדישקייט סאַמע פּאָעזיע, אונדזערע נבֿיאים סאַמע נבֿואה, אונדזערע פֿילאָזאָפֿן סאַמע פֿילאָ־זאָפֿיע, אונדזערע דאָגמאַטיקער סאַמע פּאַרפּילפּולטע פּשטלעך, אונ־דזערע מיסטיקער סאַמע סודות, און אונדזערע טרוימערס סאַמע אגדה. אין אמתן שטעלט ייִדישקייט מיט זיך פֿאָר אין אַ גלײַכער מאָס אי פּאָעזיע און נבֿואה, אי פֿילאָזאָפֿיע און מיסטיק, אי הלכה און אגדה. אָ־די אוניווערסאַלע בייגעוודיקייט, וואָס טיילט אויס ייִדישקייט, דער־הויבט זי העכער פֿון אַנדערע רעליגיעס, און דערינען ליגט אפֿשר דער סוד פֿון איר קיום. אויב אַ קריסטלעכער דיכטער האָט באַזונגען די ליבע פֿון אַ מאַן צו אַ פֿרוי, האָט ער דערמיט זיך געשטעלט מחוץ דעם רעמל פֿון דער קריסטלעכער אמונה (אין אַ באַשטימטער מאָס האָט ער זיך אַפֿילו קעגן איר פֿאַרזינדיקט). אַנטקעגן זשע האָט אַ ייִדישער פּאָעט געשעפּט די געשטאַלטן פֿון זײַן עראָטישער פּאָעזיע דווקא פֿונעם תּנ"ך. קיינעם איז נאָך נישט געקומען אויף דער מחשבֿה, צו פּסלען, צי אַפֿילו בלויז חושד צו זײַן די פֿרומקייט פֿון רבי יהודה הלוי, למאַי ער האָט געזונגען:

> צבית־חן, שביתיני בצביך
> ופרך העבדתי בשביך

י. גולה

ומיום הנדוד בא בין שנינו
דמות לא אמצאה נמשל ליפיך
ואסעד בתפוח אדמדם
אשר ריחו כמור אפך ועדיך
ותבניתו כשדיך, ועינו
כעין אודם אשר נראה בלחייך.

(חנעוודיקע הירשין, דײַן חן האָט מיך געפֿאַנגען
און שווער האָסטו מיך געמאַכט אַרבעטן אין געפֿאַנגענשאַפֿט
און זינט וואָגל האָט אונדז צעשיידט
נישט געפֿינען קען איך אַ געשטאַלט שיין ווי דו.
אונטערלענען טו איך מײַן האַרץ מיט אַ רויטן עפּל
ווײַל זײַן ריח איז ווי דײַנער! נאָז און צירונג,
ווײַל געפֿורעמט איז ער ווי דײַנע בריסטן, און זײַן קאָליר
ווי דער קאָליר וואָס רויטלט דײַנע בעקלעך).

די ייִדישע קולטור האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט אויך פֿרעמדע השפּעות, אָבער ס׳איז פֿאַראַן איין קעמערל פֿון ליטעראַרישער יצירה, וואָס געפֿינט זיך בלויז בײַ ייִדן: די אַגדה, ווי זי אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אין תּלמוד און אין די מדרשים. די וועלט פֿון דער אַגדה מיינט די וועלט פֿון געלײַטערטער ייִדישקייט, אַ וועלט אָן פֿרעמדער שליטה און אָן פֿרעמדע שותּפֿים. אַוודאי באַגעגנט מען אין אַלע תּחומים פֿונעם קולטורעלן לעבן שעפֿערישע כּוחות מיט אַ בולטן ייִדישן כאַראַקטער, אָבער די באַשאַפֿערס פֿון אַגדה זענען דורכויס מקורעדיקע ייִדן און אין זייערע שאַפֿונגסקוואַלן איז נישט פֿאַראַן קיין איין איינציקער פֿרעמדער טראָפּן.

דער מאָלדאָווישער ייִדישער קיבוץ פֿונעם סוף נײַנצנטן יאָר־הונדערט, ווו גראָפּער איז געבוירן געוואָרן, שטעלט מיט זיך פֿאָר

דעם פּראָטאָטיפּ פֿון אַ ייִדישן שבֿט, וואָס איז ביז אין די טיפֿעניש פֿון דער נשמה פֿאַרקניפּט מיט דער אַגדה. דאָרט האָבן נישט געווינט די באַשאַפֿערס פֿון אַגדה, דערקעגן זשע איז דאָס ייִדישע לעבן געווען סאַמע אַגדה. אין די ייִדישע ייִשובים פֿון מאָלדאָווע האָט מען נישט אַרויסגעריסן קיין בערג פֿון זייערע וואָרצלען מיט דער הילף פֿון פּילפּול און מען האָט נישט אַראָפּגענידערט אין די אָפּגרונטן פֿון פֿילאָזאָפֿישע טראַכטונגען; דערקעגן זשע האָט מען דאָרט געקאָנט אָנטרעפֿן לויטערקייט און גלאַנץ און תּמימות, אַדורכגעזאַפּטע מיט פּאָעזיע; בלאָע, ווײַטע האָריזאָנטן; אַ לעבן פֿון אַגדה, פּראָסט און צעזונגען, אַדורכגענומען מיט ליבשאַפֿט און מיט רחמנות אָן אַ שיעור, ווי די תּלמידי־חכמים, אייגענע און אויך פֿון צווישן די אומות העולם, וויסן עס אָפּצושאַצן.

„די וועלט פֿון אַגדה" — אָט אַ פּאַסיקער נאָמען פֿאַר דער סבֿי־בֿה פֿון גראָפּערס יוגנטיאָרן: די וועלט פֿון די אַגדות וואָס שטייען אין תּלמוד און אין מדרש, מיט וועלכע ס'פֿלעגן זיך קוויקן די ייִדן אין גראָפּערס שטעטל שבת און יום־טובֿ, שפּרײַזנדיק בײַם שײַן פֿון די שבת־יום־טובֿדיקע שטראַלן. נישט קיין ייִדן צונויפֿגעסקופּעטע אין געטאָס האָבן דאָרט געהאַט זייערע היימען, נײַערט ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין די ברייטקייטן, צווישן פֿעלדער און סעדער, פּשוטע, גוטהאַרציקע פּויערים, טיף און נאַטירלעך פֿאַרוואָרצלט אין דער פֿעטער ערד. אַ רויִק אָבער אַ דורכויס ייִדיש מקורדיק לעבן האָבן זיי דאָרטן געפֿירט, וואָס איז בנוגע וואָרצלדיקייט נישט געבליבן הינטערשטעליק לגבי דעם ייִדישן שטייגער אָנגעפּראָפּט מיט ש"ס און פּוסקים אין גאַליציע צי אין ווילנע.

אַזאַ איז געווען די סבֿיבֿה, ווו גראָפּער האָט פֿאַרבראַכט זײַנע קינדעריאָרן און זײַנע ייִנגליאָרן, און די דאָזיקע תּקופֿה שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם פֿונדאַמענט פֿון זײַן נשמה־בנין. אַ לויטערע, אַ דורכ־זיכטיקע, אַ תּמימותדיקע איז זי, די נשמה גראָפּערס, אַ ריינע, קלאָרע און צעזונגענע; בלויז דער מרחק פֿון צײַט צעשיידט זי פֿון די נשמות

פֿון זײַנע זײדעס און עלטער־זײדעס, ביז העט־װײַט צו די פֿאַרצײַטיקע באַשאַפֿערס פֿון דער אַגדה. פּרוװט אים אױסטאָן זײַן געװאַלדאָװנע אײראַפּעיִשע ערודיציע, די טיפֿקײט פֿון זײַנע מחשבֿות און זײַנע ציכטיק־זױבערע מלבושים, און איר װעט זען פֿאַר אײַך אַ פֿאַרצײַטיקן ייִד, װאָס פֿלעג לערנען „עין־יעקבֿ" מיטן עולם אין די װינטערדיקע שבתים אינעם גרױסן בית־המדרש פֿון מיהײלען. ער אַלײן שפּירט אַ שטאַרקע נאָענטשאַפֿט צו אַ־דעם מין ייִדן. װי עפּעס אַ פֿרעמדער פֿילט ער זיך אין טעאַטערס, אױף קערמעשלעך, צי אַפֿילו בײַ ליטע־ראַרישע צונױפֿקומען. זײַן התנהגות בײַ די אַ שׂימחהלעך איז גלײַך װי דער גאַנצער בלישטשענדיקער אַרום װאָלט אים געװען פֿרעמד און נישט צום האַרצן, מחמת ער איז נישט מסוגל זיך אַרײַנצופֿלעכטן אין דער קלײנבירגערלעכער װעלט פֿון אונדזער אינטעליגענץ. אַנט־קעגן זשע לױכט פֿרײד פֿון זײַנע אױגן, בעת ער זעצט זיך אַװעק אױף אַ באַנק העט הינטן אין בית־המדרש און הערט זיך אײַן צו די שמועסן פֿונעם פּראָסטן עולם. ער אַלײן חידושט זיך דעריבער, און זאָגט: „אין תּוך איז דאָך גאָר קײן שום דמיון נישט פֿאַראַן צװישן מיר און זײ; יעדער יחיד צװישן דאָזיקן עולם איז מיר פֿרעמד בתּכלית הפֿרעמדקײט. טאָ פֿאַר װאָס־זשע בענק איך פֿאָרט נאָך זײ...?"

קומט אױס, אַז ס'איז בכלל נישט קײן פּוסטע בענקעניש נאָך די אַ טײַערע ייִדן, געגליכענע צו אַ פֿידלע, װאָס יעטװעדעס לײַכטע װינטל באַװײַזט אַרױסצוציִען פֿון די סטרונעס זײַנע אַ ניגון. גראָפּער בענקט נאָך זײ, װײַל ער אַלײן איז אַ זײעריקער. דער דאָזיקער דיכטער, אָן אָנגעזאָפּטער מיט חכמה (און נאָך סאַראַ חכמה!), אַ פֿאַרשטײער פֿון אַזױ פֿיל סודות װאָס קײנער האָט זײ נישט פֿאַרשטאַנען פֿריִער, אײנער װאָס האָט אַרײַנגעקוקט אין די טיפֿסטע פֿאַרבאָרגענישן און איז אַרױס בשלום, יסודותדיק באַהאַװנט אין כּמה ליטעראַטורן, איז נאָך פֿאַרקניפּט מיט טױזנט פֿעדעם מיטן מיהײלענער ייִד פֿונעם סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט. אױף אים רוט נאָך די שכינה פֿונעם אַלטן בית־המדרש, און נאָך אַלץ דוכט זיך אים אױס, אַז אָקערשט איז ער

אײַנגעדרימלט אויפֿן טאַטנס שויס, בעתן אײַנהערן זיך, ווי ר׳ מרדכי דבורהס לייענט פֿיר פֿונעם „תנחומא״ מיט אַן אײַנשלעפֿערנדיקן נוסח. ער, זײַן ליד און זײַנע רייד זענען נאָך אַלץ אײַנגעהילטע אין דער אַטמאָספֿער פֿונעם דאָרפֿישן בין־השמשות, ווען ער פֿלעג ליגן נאַזנדיק אויפֿן קינדערבעטל זײַנעם גאָר נאָענט צום פֿענצטער („בײַ אונדז, אין דער היים, פֿאַרשטייט איר, איז די שטוב געווען גאָלע פֿענצטערס...״) און זיך אײַנהאָרכן ווי זײַן מוטער די צדקת שעפּטשעט שטיל מיט קאַטערינען, דער אַם זײַנער; דעמאָלט האָט ער געזען בחוש די שטערן אַרויפֿדראַפּען זיך אויפֿן לויטערן הימלקײַלעך, די גאָרע וועלט אַרײַנזינקען אין אַ זיסן דרימל מיטן ריח פֿון בשׂמים, אײַנגעשלעפֿערט מיט גרילנגעזאַנג און באַהויכט מיט חלומות אָן אַ שיִער:

ס׳איז שפּעט פֿאַר נאַכט, פֿון דרויסן הערן זיך
דרימל־רייד; ס׳רוישט ווי פֿריד...

(פֿאַרקלונגען)

זײַן מאַמע די צדקת, אין ליכטיקן גן־עדן, אַ יידענע אַ צנועה און פֿאָרט דורכגענומען מיט אימפּעט און מיט אַמביציע („זי האָט געוואָלט מאַכן פֿון מיר אַ בוכהאַלטער...״), און להבֿדיל די אַם זײַנע, קאַטערינע איזאָפּעסקול — אַ גוטע און ווייכהאַרציקע רומענערין, סאַמע פֿאָלקלאָר (אויך זי האָט פֿאַרמאָגט אירע אַמביציעס: „איך וועל דיך אַריבערפֿירן אין שטעטל פּוטנע און וועל פֿון דיר מאַכן אַ גרויסן פּריץ; דו וועסט יעדן טאָג גיין פּאַשען די ציגן...״) — זיי ביידע האָבן עס אַרײַנגעגאָסן אין גראַפּערס נשמה יענע קינדישע ווייכקייט, וואָס טיילט אַזוי בולט אויס זײַן גאַנצן כאַראַקטער; פֿון אַ ווייכקייט אַזאַ ביז צום ליד איז דער מרחק בלויז איין איינציקער שפּאַן. זיי ביידע האָבן עס אים אויסגעלערנט קוקן אויף אַלץ דורך לירישע שפּאַקולן, און פֿילן די אין־סופֿיקע ווײַטקייטן פֿונעם אַרום — די מאַמע מיט דער הילף פֿון „צאינה וראינה״, און להבֿדיל קאַטערינע

מיט די ווייטיקלעך־זיסע „דוינעס״, וואָס זי פֿלעג אים זינגען, ווי למשל:

אינעם סעדעלע יאַנ׳ס
שלאָפֿן שוין אַלע פֿייגעלעך;
איינס בלויז פֿאַרמאַכט נישט די אייגעלעך
הערט נישט אויף סווישטשען: יאַן...

און אויסלאָזן פֿלעגט זי מיט אַ זאָג: „איצט דערלאַנג דײַן פּיסקעלע, און שלאָף געזונט!״.

אין גראָפּערס נשמה, אין די רייד און אין די מידות זײַנע לעבן ביז צום הײַנטיקן טאָג, מיט דער גאַנצער פּרימיטיווער און סטיכישער פּראַכט, דער מאַמעס מעשׂהלעך און די פּשטות פֿון קאַטערינעס דוינעס. דער שלל מיט נסיונות זײַנע און די טיפֿקייט פֿון זײַן טראַכטן (אַ טיפֿקייט, וואָס גאָר ווינציקע יחידים האָבן צו איר זוכה געווען), האָבן נישט באַוויזן צו פֿאַרוואָלקענען די הימלען פֿון די יוגנטיאָרן, און ער אַליין שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ לויטערן, שמייכלענדיקן הימל, אָן אַ סימן פֿון אַ חמאַרעלע.

דאָס זענען די אייגנקייטן פֿון אַגדה, און גראָפּער פֿאַרמאָגט זיי אַלע. דערמיט בין איך נישט אויסן בלויז דעם סאַמע אינעווייניקסטן נשמה־תּוך, מחמת אַגדה איז דורכגעוועבט אויך מיט בולטע סאָציאַלע יסודות, און אויך די דאָזיקע יסודות האָבן צוגעשטײַערט צום אויס־פֿורעמען גראָפּערס געשטאַלט. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויפֿן חילוק צווישן הלכה און אַגדה. די הלכה איז מסוגל זיך מצמצם צו זײַן אין די דלת־אַמות פֿונעם בית־המדרש און זי באַנוגנט זיך מיטן אָנשטרענג פֿון צוויי לומדים, וואָס באַווײַזן חריפֿות און באַהאַוונט־קײַט; אין אירע אויגן איז איין איינציקער תּלמיד־חכם מער פֿון דער גאַנצער וועלט. (ס׳איז טאַקע דערפֿאַר נישט קיין פּוסטער זאָג: די דלת־אַמות פֿון הלכה...). אַנדערש איז די אַגדה. זי נייטיקט זיך

דווקא יאָ אין צוהערערס און קען אָן גאַטס ברייטער וועלט קיין קיום נישט האָבן. דער אַגדה זענען גרענעצן און פּלויטן דערווידער, און זי קומט נישט מיט קיין שאלה: ווער זענען עס מײַנע צוהערערס? זי איז געגליכן צו דער לופֿט, וואָס יעדער איינער קען בשפֿע אײַנאָ־טעמען און זיך מיט איר זעטיקן, וויפֿל זײַן האַרץ גלוסט. צי איז נישט אי די מאַמע, אי די אָם פֿון דער אַגדה יענע איבערגעגעבענע ליבשאַפֿט צו אַ ל ע באַשעפֿענישן, אָן שום אויסנאַם? און אַ־די ליבשאַפֿט פֿון דער אַגדה צום גאַנצן באַשאַף איז דער סאַמע כאַראַק־טעריסטישער שטריך אין גראַפּערס נשמה. זײַן ליבשאַפֿט נעמט אַרום וועלטן, איז אייביק אַ הונגעריקע, און קער זיך בכּלל נישט אָן מיט רעזולטאַטן פֿון עטישער דערציִונג, פֿון וועלכע ניט איז מאָראַ־לישע אָנשטרענגען, צי פֿון גובֿר זײַן דעם יצר־הרע; ס'איז אַ ליבשאַפֿט וואָס באַטײַט דעם יסוד פֿונעם וועלט־קיום, אַ נאַטירלעכער, סטיכישער אימפּולס וואָס אָן אים איז גאָר דער באַשאַף נישט לעבנספֿעיִק. אָט וואָס ער אַליין זינגט פֿון דער ליבשאַפֿט:

פֿון אורווײַט ביז דאַנען
איין פֿאָדעם פֿאַראַנען
א י י ן טיפּטרוים, א י י ן פֿלאַמען,
און סע וויגט אויף דעם פֿאָדעם
אי חיה אי אָדם...
(אין שווערסטע טעג)*

נישט פֿאַראַנען אַ מענטש אַזאַ, און מעג ער זײַן פּראָסט שבפּראָסט, וואָס זאָל נישט אַרויסרופֿן בײַ גראַפּערן קיין פֿאַראינ־טערעסירונג; וואָס גראַפּער זאָל זיך מיט אים ניט אָפּשטעלן און כאַפּן אַ שמועסל. אין זײַנע אויגן איז קיינער נישט אומוויכטיק, צי

* די שורות זענען אַ פּריִערדיקער וואַריאַנט פֿון דער סטראָפֿע וואָס דער דיכטער האָט אַ סך געענדערט. (רעדאַקטאָר־הערה).

נישטיק. איר וועט אים טרעפֿן אין פּאַליש פֿון בית־המדרש, אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן מיט יישוב־הדעת אין אַ וויכוח מיט שלעפּערס און אַרחי־פּרחי, מיט כּלערליי עמי־הארצים, פּונקט ווי איר וועט אים זען צו מאָל פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס פֿון תּורה און חכמה מיט תּלמידי־חכמים, צי מיט כּל המינים משׂכּילים און געלערנטע. פּראָווען ערגעץ ווו אַ מנין נעבעכדיקע ייִדן שלש סעודות אַרום אַ צעלאָמעט טישל מיט אַ הערינג און אַ קאַפּעלע בראָנפֿן, און עמעצער בעט גראַפּערן „עפּעס צו זאָגן", וועט ער מיט אימפּעט אויפֿשטיין און אָנהייבן שיטן פֿלאַמפֿײַערדיקע דיבורים איבער תּנ"ך, איבער תּהילים, איבער מדרשים, איבער פּאָעזיע, און איבער וואָס נישט? (גראַפּערן פֿעלן נישט אויס קיין טעמעס). באַגעגנט אים צומאָרגנס איינער פֿון די שלש־סעודותניקעס און איז זיך מודה, אַז ער האָט פֿונעם זאָגעכץ הנאה געהאַט, איז גראַפּער דעמאָלט ממש אין זיבעטן הימל, ווי גלײַך ער וואָלט באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז.

איז טאַקע גראַפּער קודם כּל דער באַזינגער פֿון אָט די טײַערע, וואָרצלדיקע ייִדן, און דאָס איז אים אַליין תּמיד קלאָר. אָפֿט מאָל וועט איר הערן פֿון זײַן מויל שבֿחים און ליבגעזאָנגען אויפֿן מדרש און אויף די אַגדות פֿונעם תּלמוד, אין וועלכע ער איז גאָר ווײַט באַהאַוונט, הגם ער האָט אַ טבֿע צו זאָגן: „ווען איך וואָלט עס מיר געקאָנט פֿאַרגינען, וואָלט איך זיך אָוועקגעזעצט מיט אַ ייִדן אַ תּלמיד־חכם און פֿון ס'נײַ אין איינעם אײַנגעקנעלט עין־יעקב פֿאַרטײַטשט אויף היימישלעכן ייִדיש, ווי אין די אַלטע צײַטן". נישט פֿאַראַן אין זײַנע אויגן עפּעס טײַערערס ווי אַגדה־ספֿרים פֿאַרן „פּראָסטן עולם". די „צאינה־וראינה" און אַנדערע ספֿרים פֿונעם גלײַכן שניט, וואָס זענען אַזוי נאָענט צום האַרץ פֿונעם פֿאָלק און ברענגען אים טרייסט און דערהייבונג, האַלט ער פֿאַר די טײַערסטע אוצרות פֿון ייִדישקייט, פֿאַרשטייט זיך חוץ תּנ"ך. („וואָלט איך געלעבט מיט הונדערטער יאָרן קריק, וואָלט איך אפֿשר זוכה געווען, אַז ווײַבער זאָלן לייענען מײַנע

איבערזעצונגען פֿון קאַפּיטלעך תהלים, פּונקט ווי זיי לאָבן זיך מיט דער צאינה־וראינה און מיט די תחינות פֿונעם קרבן־מנחה...״).

ברייט אויפֿגעפּראַלט איז גראָפּערס האַרץ, גרייט אײַנצושלינגען אַלץ וואָס סע טרעפֿט זיך אין וועג. אויך דאָס איז אַ בולטע אַגדה־אייגנקייט. וואָס סע קער זיך אָן מיט ייִדישקייט, איז אים גלײַך נאָענט צום האַרצן. זײַן ליבשאַפֿט צו מענטשן און צום פּראָסטן עולם מיינט אין תוך ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק. („איך בין ווי אַ שיכּור, וואָס אַלע ווײַנען זענען אים ליב...״). קומט אים טאַקע שווער אָן צו זען דעם חילוק פֿון איין ייִדישער דערשײַנונג צו דער אַנדערער, צו גוטן צי פֿאַרקערט, פּונקט ווי איר וואָלט אים וועלן נייטן ער זאָל אײַך זאָגן, וואָס סע געפֿעלט אים בעסער בײַ אַ געליבטער: איר אויער צי איר אויג. קען מען דען אַ לעבעדיקן גוף צעשנײַדן? ייִדישקייט מיינט פֿאַר אים אַ לעבעדיקער גוף, אַ פֿילפֿאַרביקע מאָזאַיִק מיט אַ סך שעמערירנדיקע שטיינדלעך, און יעדעס שטיינדל ליגט אויף זײַן פּאַסיקן אָרט. אַרײַנדרינגענדיק אין מהות פֿון זאַכן, פֿאַרמאָגט גראָפּער אַ מין פֿילאָסאָפֿישע הייך, פֿון וווּ אויס סע אַנטפּלעקט זיך פֿאַרן קוקער דער בשותּפֿותדיקער שטריך פֿון די דערשײַנונגען — אַ שטריך וואָס ווישט אָפּ גרענעצן און מחיצות. דער דאָזיקער חוש וואָס דערמעגלעכט דעם קאָמפּאָזיטאָר אויפֿצוהיטן אינעם אָרקעסטער דאָס קול פֿון יעדער כּלי באַזונדער און אויסצוטיילן יעדעס אויף זײַן פּאַסיקן אָרט. נישט אומזיסט פֿאַרגלײַכט גראָפּער די קולטורן פֿון פֿעלקער מיט אַ פֿילהאַרמאָניע. „אַלץ איז אַ געוואַלדאָוונער אָרקעסטער, אין וועלכן טויזנטער מוזיקאַנטן גיסן זיך צונויף און שאַפֿן איין אייניציקן רײַכן, פֿילפֿאַרביקן און קאָסמיש ברייטן ניגון. יעדער מוזיקאַנט שפּילט פֿאַר זיך עפּעס אַנדערש, לויט זײַן פּאַרטיטור, אָבער ווער סע זיצט אין זאַל הערט בלויז איין געזאַנג, אַ צונויפֿגאָס פֿון פֿידל און טשעלאָ, פֿון פֿלייט און טרומייטער. יעדער פּאָעט — סע מעג זײַן אַפֿילו ביאַליק גופֿא — שטעלט מיט זיך פֿאָר נישט מער ווי אַן איין אייניציקן

מוזיקאַנט. ער איז, מעגלעך, אַ ווירטואָז אויף זײַן כּלי, און די קלאַנגען זײַנע זענען געטלעך־זיסע, און פּאָרט קען ער זיך נישט באַגיין אָן די אַנדערע מוזיקאַנטן וואָס לעבן אים״.

צו די סאַמע וויכטיקסטע אייגנקייטן גראַפּערס באַלאַנגען ליב־שאַפט פאַר סינטעז און אַ סינטעטישער קוק אויף אַלץ. צוליב דעם שטייט ער, אַוודאי, אַזוי נאָענט צו אַלע שטרעמונגען פון דער אומה און האַלט זיך אין אַ גלײַכער מאָס פאַר אַ שותּף מיט ייִדישיסטן און העברעיִסטן, מיט פרומע און פרײַע ייִדן, מיט אינטעלעקטואַלן און פּראַסטאַקעס. גראַפּער באַווײַזט בכלל נישט, עמעצן מ ע ר ליב צו האָבן, וואָרעם זײַן ליבשאַפט דערגרייכט תּמיד דעם ברעג, ווו ס'איז קיין „מער״ שוין נישט פאַראַן.

דעם מקור פון גראַפּערס סינטעטישן חוש דאַרף מען זוכן דאָרט, ווו סע געפינט זיך דער מקור פון זײַנע אַנדערע אייגנקייטן: אין מיהיילען, דאָס שטעטל פון זײַנע קינדער־און יוגנטיאָרן. פאַראַן עפּעס וואָס כאַראַקטעריזירט גראַפּערס ליד און די אייגנקייטן זײַנע אויס־שעפנדיק און אויפן יסודותדיקסטן אופן: זײַן געפיל פאַר מרחקים, אין פּאָעזיע און אין טראַכטן. אָ־די אייגנקייט איז אַ ביז גאָר זעלטענע אין דער ייִדישער וועלט. די העברעיִשע פּאָעזיע, פון זינט ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן דער תּנ״ך און ביז אונדזערע טעג — איז אַרומ־גערינגלט מיט זיבן מויערן. סע טראָגט זיך אַ ריח פון פאַרשפּאַרטע ווענט אַפילו פון דער פרייִלעכער און שטיפערישער פּאָעזיע, אָן אויסגעזונגענע פון די האַפּערדיקע פּאָעטן אין שפּאַניע, און אַפילו פון די לידער וואָס האָבן אָנגעזאָגט אין פאַריקן יאָרהונדערט דעם ווידעראויפלעב פונעם פאָלק. דאָס זעלבע איז חל אויף ביאַליקס נאַטור־לידער, שניאורס „ה ח י ל ו ה ח ו ס ן״־ציקל, און אַנדערע פּאָעטישע ליבגעזאַנגען פאַר דער נאַטור אין דער מיטצײַטישער העברעיִשער דיכטונג. אונדזערע דיכטער, אַפילו די ריזן, האָבן די נאַטור און די וועלט באַנומען מיטן אויג פון שטאָטמענטש. זיי האָבן וויל באַווײַזן צו אַכפּערן די שיינקייט פון דער נאַטור, צו פאַלן פאַר איר „כּורעים״

און אַרײַנצופּאַלן אין התפּעלות; אַנטקעגן זשע איז זיי נישט געראָטן, זיך צו אידענטיפיצירן מיטן באַשאַף. אַט לייענט למשל שניאורס אַ ליד:

צמאים נצאה לבוקר
צמאים לזוהר
ונכונים אנחנו לבלוע
את שמש השחקים
בערבון ענקים,
ולרוות את רגשות הנוער.

ויומם כי תך על ראשנו
רק קרן בוערה
נפשנו הקטנה מרוב אור
נכנעת, מתייגעה
ולחושך מתגעגעה
וכבושה בצל נסתתרה...

(דאָרשטיקע שפּרײַזן מיר צום מאָרגן
דאָרשטיקע נאָך גלאַנץ
און גרייט אײַנצושלינגען
די זון הויך אין הימל
ווי הונגעריקע ריזן
און צו זעטיקן דעם אויפברויז פון יוגנט.

בײַ טאָג אָבער טוט אַ טשמעל אין קאָפּ
איין איינציקער צעגליטער שטראַל,
אונדזער קלייניקע נשמה פון צופיל ליכט
גיט זיך, אַ מידע, אונטער

י. גולה

בענקענדיק נאָך פּינצטערניש
און באַהאַלט זיך דערשלאָגן אין שאָטן...)

צי וועט איר מיר גלייבן, צי נישט — כ׳האָב אַרויסגעשריבן פון אַ באַנד לידער שניאורס דאָס ערשטע ליד וואָס ס׳איז מיר אַרײַן אין דער האַנט. גראַפּערס ליד האָט אַרײַנגעטראָגן אין אונדזער פּאָעזיע דאָס געפיל פון ברייטקייט, די ווײַטע האָריזאָנטן ניט־באַגרענעצטע:

וואָס גלאָגעט דאָס וואָסער
און רודערט און שאַלט?
— מיר טראָגן דעם ווינטער
צעטאָפּעט און קאַלט...

און ווײַטער:

מיט זאַפּטיקע כוחות
זאַפּט אָן זיך דער וואַלד,
פון ווײַטנס צעלאָזט זיך
אַ ניגון און שאַלט
און וויגט זיך אויף וועלן
און פלאַטערט און רופט —
אַ שוידער פון ליבשאַפּט
צעגייט אין דער לופט...

(פרילינג)

גרינג קומט עס אָן גראַפּערס טײַכן, צו טראָגן דעם גאַנצן ווינטער אין זייער שויס. קיין סימן פון „פעלדזן", „שטראָמען", „סטעשקעס" וכדומה, ווי סע פירט זיך אין דער קאָנווענציאָנעלער פּאָעזיע; אַנט־קעגן זשע שפּאַרן אַרויס קאָסמישע דימענסיעס, וועלטן מיט געוואַל־דאָוונע ווײַטקייטן, וואָס נייטיקן זיך אין אַן אויסנעמלעכן אָנשטרענג כדי צו דערגרייכן צימצום און צופּאַסונג צום קלאַסישן פערז.

אַזאַ איז אויך גראַפּער דער מענטש: אַ ברייט צעפּראַלטע נשמה, אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף; ס'איז אים צו ענג די ווײַטקייט פֿון פֿעלדער, און ערשט אַוודאי די פֿיר ווענט פֿון דער שטוב. אַ שלל מיט ווערטן האָט גראַפּער געזען, אַ שלל מיט ביכער האָט ער געלייענט, ימען מיט מחשבֿות האָט ער מיט גרויס פֿאַרשטענדעניש אין זיך אַרײַנגעזאַפּט — און פֿאַרט האָט זײַן בראשיתדיקער כאַראַקטער זיך נישט אונטערגעגעבן. אַ געבענטשטע טבֿע פֿון לויטערקייט פֿאַרמאָגט יעקבֿ גראַפּער. ער איז אַ מענטש, וואָס די וואַנדערונגען זײַנע צווישן די אומות און דאָס אַריבערקוקן זײַנס אויף יענער זײַט פּלויט האָבן נישט באַוויזן צו שעדיקן כהוא־זה זײַן מקורדיקע תּמימות; אַדרבא, די תּמימות זײַנע איז גאָר אַרויס דערפֿון אַ געלײַטערטע און שלמותדיקע, טראָט בײַ טראָט, און האָט זיך אײַנגעהילט מיט אַ שלייער פֿון מאָדערניזם, וואָס גיט איר צו זיבן חנען.

נישט די הויכע און פֿאַרצווײַגטע ערודיציע זײַנע, נישט די וואָגלענישן אין דער פֿרעמד און נישט די פֿאַרשיידענע נסיונות אין לעבן האָבן געקאָנט בײַקומען דאָס קינד אין גראַפּערן. פֿאַרקערט, דאָס קינד אין אים געוועלטיקט, בעת די ערודיציע, די וואַנדערונגען און די נסיונות דינען אָ־דעם קינד מיט פֿאַרכטיקער הכנעה.

ס'איז שווער צו דערפֿירן אַזאַ מאמר צום סוף־פּסוק. וואָס מען זאָל נישט אָנשרײַבן, דוכט זיך אַז פֿאָרט איז פֿאַרבליבן עפּעס נישט דערזאָגטס, אַז דער סאַמע עיקר פֿעלט. מען שטייט פֿאַר אַ טעמע, וואָס מ'איז נישט בכּוח אויסצושעפּן ביזן גרונט; ווער סע קען גראַפּערן, אַפֿילו ווייניקער פֿון מיר, וועט אײַנזען, אַז כ'האָב אָנגערירט קוים אויפֿן שפּיץ מעסער דעם שלל גײַסטיקע אייגנקייטן וואָס באַצירן זײַן גרויסע נשמה. וואָלט דערפֿאַר אפֿשר כּדאַי געווען, צו פֿאַרענדיקן מיט גראַפּערס אייגענע ווערטער איבער זײַן פּלאַץ אין דער ייִדישער פּאָעזיע:

„איר דערמאָנט אײַך אַוודאי אָן אַלטן מינהג, אויפֿצורופֿן שׂימחת־

תורה אין שול דאָס גאַנצע קליינוואַרג אין איינעם צו אַן עליה, „כל הנערים". נישט פֿאַראַן אין ייִדישן שטייגער־לעבן עפּעס, וואָס איז מסוגל מיך מער אויפֿצוטרייסלען ווי דאָס בילד, ווען אַ מחנה קינדער שטופּן זיך צו דער בימה, די אויגן גלאַנצנדיק מיט שׂימחה און שטאָלץ, שטעלן זיך אַוועק אונטער אַ טלית אַן אויסגעשפּרייטן איבער זייערע קליינינקע קעפּעלעך, און דער בעל־קורא לייענט פֿאַר זיי המלאך הגואל. כ'מיין, אַז לעתיד לבֿוא, ווען סע וועט קומען די שעה פֿון אויפֿרופֿן ייִדישע שרײַבערס און פּאָעטן צו דער בשותּפֿותדיקער עליה „כל הנערים" אויף יענעם גרויסן באַלעמער, וועל איך אויך זוכה זײַן אַרײַנצושטופּן לכל הפּחות איין איינציקן אויער מײַנעם אונטערן אויסגעשטערנטן טלית, אַ קליינעם חלק פֿון מײַן גוף. ווויל און גוט וועט מיר זײַן, אויב איך וועל עס זוכה זײַן".

(פון העברעיִש: ל. קונשטאַט) בוקאַרעשט, 1958

י. גולה

צום געשטאַלט

(צום צווייטן יאָרצײַט)

דער פּאָעט און ליטעראַט יעקבֿ גראָפּער ז״ל איז אַוודאי ראוי מען זאָל וועגן אים זאָגן אַן אויסערגעוויינטלעך, ניט־קאָנווענציאָנעל, נײַ, באַפּליגלט וואָרט, ווי סע פּאַסט פֿאַר זײַן אויסערגעוויינטלעכער, ניט־קאָנווענציאָנעלער, באַפליגלטער פּערזענלעכקייט. ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס אָבער טאָן, מיר וואָס טראַכטן און רעדן אין געוויינטלעכע פֿאַר־מען פֿון באַנאַלער טאָגטעגלעכקייט, מיר וואָס באַמיִען זיך אַזוי אָפֿט אומזיסט צו דעפֿינירן דאָס טאָגטעגלעכע און געוויינטלעכע?

יעקבֿ גראָפּערן האָבן געקענט ווייניק מענטשן. אמתע דיכטער רישע וואָרט, דער מעטאַפֿאָר; אַפֿילו זיי קענען ניט באַשרײַבן דאָס אומבאַשרײַבלעכע, געלינגט זיי כאָטש אָפֿט דאָס צו סוגערירן. כ׳וויל דאָך פּרווון רעדן וועגן אים אין פּשוטע ווערטער, ווײַל מיר דאַכט זיך אַז דאָס וואָלט געוועזן אויך זײַן אייגענער רצון און ווײַל, אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופֿן, לאָזט זיך אין אַ סך פֿאַלן דאָס סובלימע און אומדורכדרינגלעכע גרינגער אײַנפֿאַסן אין באַשיידענע ווערטער.

יעקב גראָפּערן האָבן געקענט ווייניק מענטשן. אמתע דיכטער זענען שטענדיק איינזאַם און אומבאַקאַנט, אַפֿילו ווען זיי ווײַזן אויס להיפּוך — ווי אין יעקבֿ גראָפּערס פֿאַל — געזעלשאַפֿטלעך, באַרע־דעוודיק, צוגעלאָזט און פֿאַלקסטימלעך.

ווייניק מענטשן האָבן אין דער אמתן געקענט יעקבֿ גראָפּערן. זײַנע בני־דור זענען תּמיד געוועזן צו הײַנטצײַטיק, כּדי אים צו זען מחוץ זײַן אויסטערלישער ביאָגראַפֿיע, און, על אחת כּמה וכמה, מחוץ

זייער אייגענער ביאָגראַפֿיע. די גרענעצן האָבן זיך ערגעץ באַגעגנט און האָבן אויפֿגעבראַוויזט; אָפֿט מאָל צעשיידן מענטשן דווקא יענע וועגן וואָס זיי האָבן אויסגעטראָטן אין איינעם. מיט די שפּעטערע דורות איז אין רומעניע ניט מער מעגלעך געווען, אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, אַ ברייטער קאָנטאַקט. אין פּערזענלעכע באַציִונגען איז יעקבֿ גראָפּער געווען אָפֿט מאָל צושטייִק, פֿאַרפֿלייצנדיק, פֿאַרמאַטערנדיק מיט גוזמאדיקער חשיבֿות לגבי געוויסע אידעען, וואָס זענען געוואָרן בײַ אים אַן אָבסעסיע אויף דער עלטער. ער איז ניט געווען דער פּאַרשוין וואָס „כאַפּט", ווי מע זאָגט, בײַ דער יוגנט. ער איז געווען זשעדנע נאָך קאָנטאַקטן, ווי אַלע דיכטער און אפֿשר מער ווי אַלע דיכטער — אָבער ער האָט זעלטן ווען געהאַט דעם געהעריקן טאַקט צו כאַוּוען מאָסיק און רויִק די דערגרייכטע באַציִונגען. אויפֿגעקאָכט פֿון דער טראַגישער איינזאַמקייט אין וועלכער ער האָט פֿאַרבראַכט זײַנע טעג, האָט ער אָפֿט מאָל שווער געקענט אָפּשטעלן דעם פֿאַר־פֿלייצנדיקן שטראָם פֿון דאַנקבאַרקייט וואָס ער פֿלעג אויסגיסן איבער דעם וואָס פֿלעג אים אויסלייזן, כאָטש פֿאַר אַ קורצער צײַט, פֿון דעם גיהנום צו זײַן מיט זיך אַליין.

מען קען, דאַכט זיך, ציילן אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט די וואָס זענען נאָענט געווען צו אים אין די לעצטע יאָרן, אָדער צענדלי־קער יאָרן און נאָר דאָס געפֿיל אַז איך האָב געהאַט די זכיה צו זײַן איינער פֿון אָט די ווייניקע — דערלויבט מיר איך זאָל מיך דערוועגן צו רעדן אַצינד וועגן אים אויפֿריכטיק און אָפֿן, פֿון יענעם מרחק וואָס ווערט פֿאַרזיכערט נאָר אַ דאַנק אמתער נאָענטקייט.

*

כ'גלייב ניט אַז איך האָב דעם רשות אָפּצושאַצן דעם ווערט פֿון יעקבֿ גראָפּערס דיכטונג; איך ווייס בכלל ניט, לויט וואָס פֿאַר אַ מאָסשטאַב מען שאַצט פּאָעטן און אין וועלכע קאַטעגאָריעס מע דאַרף זיי אײַנטיילן. איך בין אָבער זיכער לחלוטין, אַז מיר איז ניט באַשערט

געווען צו באַגעגענען אַזאַ אינטערעסאַנטן, אינספּירירטן, קאָמפּלעקסן און שיינעם גײַסט ווי יעקבֿ גראָפּער. יעקבֿ גראָפּער איז בלי ספֿק דער פּאָעטישסטער פּאָעט וואָס איך האָב געקענט. ער איז ניט געווען דאָס וואָס מע רופֿט אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט. לעבן אים האָט מען זיך ניט געמוזט פֿילן קליין, אָן חשיבֿות. ער פֿלעג ניט רעדן אין נוסח פֿון דעקלאַראַציעס און פֿלעג ניט פֿאָרמולירן קיין עקסקלוסיווע אידעען, וואָס דאַרפֿן באַלויכטן די פֿאַרבלאָנדזשעטע מענטשהייט. ער פֿלעג ניט קלאַפּן מיט דער פֿויסט אין טיש און פֿלעג ניט מבֿטל זײַן יענעמס מיינונג. ער האָט ניט פּרעטענדירט אַז ער ווייסט דעם איין און איינציקן, הייליקן אמת און האָט זיך ניט געהאַלטן פֿאַר אומטעותדיק. להיפּוך, גראָפּער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ גאָר גרויסע מאָס נאַיִווע, ריינע און אויטענטישע באַשיידנקייט, אַ שעמעוודיקייט וואָס האָט — אין איינעם מיט זײַן סובטילער און באַפֿליגלטער אינטע־ליגענץ — אים געבראַכט דערצו, ער זאָל קוקן אויף אַלץ, כּולל זײַן אייגענער פּערזאָן, מיט ספֿקות.

די דאָזיקע שעמעוודיקייט — קאָמבינירט אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופֿן מיט זײַן קאָרפּולענטער געשטאַלט — האָט אַוודאי געהאַט איר חן, אָבער ניט מיט דעם האָט ער אויסגענומען. יעקבֿ גראָפּער האָט פֿאַרכאַפּט דער עיקר מיט זײַן פֿליאהדיקער — איך וואָלט געזאָגט אַקראָבאַטישער מוחישער טעטיקייט, וואָס ער פֿלעג אונטערהאַלטן אין זיך ווי אַ פּערפּעטום מאָבילע, אָן אויפֿהער, אָן אַן איבעררײַס, אָן אַ ליקוי חמה, שטענדיק אויפֿן זעלבן ניוואָ פֿון אינטענסיווקייט און שפּאַנונג.

יעקבֿ גראָפּער איז בלי ספֿק, געווען דער אַקטיווסטער מוח וואָס כ׳האָב ווען אַ מאָל באַגעגנט. בײַ אים האָט מען ניט געדאַרפֿט טרעפֿן „אַ גוטע מינוט”, כּדי אים צו זען „אויף דער הייך”; סײַ ווען און סײַ ווו מען האָט אים באַגעגנט, איז ער געווען אין זעלבן „ברען”, אינספּי־רירט, פֿאַרטאָן אין הויפּט־פּראָבלעמען, בליצנדיק מיט איינמאָליקע, ליכטיקע, באַפֿליגלטע, פֿילפֿאַרביקע פֿאָרמולירונגען. ער פֿלעג אײַנ־

טויִרן פּראָבלעמען מיט אַ מיַסטערישער געניטקייט, אַרײַנטאָן אין זיַ גליַכגעוויכט און האַרמאָניע דורך ווירטואָזע דעפֿיניציעס, אַפֿילו ער פֿלעג זיי ניט לייזן, וויַל ער פֿלעג ניט פּרעטענדירן צו געבן אַ פּתרון.

אָבער מער נאָך ווי מיט זיַן צערעבראַלן פּאָטענציאַל און מיט זיַן אומפֿאַרגליַכלעכן פֿאָרמולירונגס־טאַלאַנט, פֿלעג גראָפּערס פּער־זענלעכקייט פֿאַרכאַפּן מיטן פּאָעטישן מהות פֿון זיַן געדאַנקען־גאַנג. אין אָט דער פֿאָרמעל וויל איך אַריַננעמען אַ ברייטע גאַמע תּכונות, וואָס זענען אָפּט מאָל ניט בנמצא ביַ מענטשן מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ. גראָפּערס געדאַנקען־גאַנג האָט ניט געפֿינקלט ווי שטאָל, נאָר געגלעט ווי זיַד; געשפּילט אין מינאָרע טאָנאַליטעטן; געהאַט אַקוואַרעל־פֿאַרבן און געווען שיין און וואַרעם ווי ברויט. חוץ דעם ריזיקן געדאַנקלעכן פּאָטענציאַל, האָט ער פֿאַרמאָגט — אַ זעלטענע זאַך — אַ גליַך ריזיקן פּאָטענציאַל פֿון ליבשאַפֿט, פֿון באַשיידענער, סענטימענטאַלער, שעמעוודיקער נאַיִווער, טראַגישער, איַנגעשפּאַרטער ליבשאַפֿט, אַן אומגערעכטע, איך וויל זאָגן אַן אומבאַרעכטיקטע, איינזיַטיקע ליבשאַפֿט.

איין גאָט ווייסט ווי אַזוי אָט די צוויי בדרך כּלל סתּירהדיקע עלעמענטן האָבן צוזאַמען געלעבט אין יעקבֿ גראָפּערס נשמה! אַ פֿאַקט איז אַז זיי האָבן צוזאַמען געלעבט און דערצו נאָך אין אַ ליכטיקער האַרמאָניע, פֿול מיט ליריזם, הומאָר און פּאָעזיע. איבער דעם אומרו פֿון זיַן שטענדיק וואַכן און שעפֿערישן אינטעלעקט — האָבן געשפּילט פֿידלען און די אויסטערלישע האַרמאָניע פֿון אָט דעם דועט האָט פֿאַרכאַפּט דעם צוהערער.

ווער ס'האָט זיך צוגעהערט צו יעקבֿ גראָפּער, סיַ ווו, סיַ וויפֿל און סיַ ווען, איז פֿון אים אַוועקגעגאַנגען גיַסטיק באַריַכערט. איך קען, אַן אַ גוזמא, הונדערטער פּאָעטן און ווערטפֿולע אינטעלעקטואַלן, אָבער דאָס קען איך זאָגן אפֿשר נאָר וועגן איינעם פֿון זיי.

דאָס וואָס איז געווען באמת אויסערגעוויינטלעך און איינמאָליק

ביַי יעקבֿ גראַפּער איז, מיין איך, אַוועק מיט אים אין איינעם, אויף אייביק, די קומענדיקע דורות, וואָס וועלן זיך מיט אים באַקענען נאָר דורך זיַינע שריפטן, וועלן זיך בשום אופן ניט קענען פאָרשטעלן ווער ס׳איז געווען יעקבֿ גראַפּער, דער דיכטער, דער אינטעלעקטואַל, דער מענטש.

דער פאַרלענדנדיקער מבול פון אונדזער תקופה האָט פאַרשלונגען ריזיקע ווערטן און שיינקייטן; אונדזער דור וועט ניט באַוויַיזן צונויפ־צושטעלן אַן אינווענטאַר פון דעם וואָס איז געגאַנגען לאיבוד. אויב יעקבֿ גראַפּערס אָנדענק קען פון דעסטוועגן צונויפבֿרענגען אַזאַ עולם אויף אַן אָוונט, מעגן מיר אפשר גלייבן אַז זיַין ליכט האָט ניט געבֿרענט אומזיסט. טיף אין אונדזער נשמה, ציטערן נאָך שטיל, ווי תּמיד, די סטרונעס פון זיַין שטומער האַרף.

ייִדיש: א. שפּיגלבלאַט

ד״ר ת. לבֿיא־לעוונשטיין

יעקבֿ גראָפּער עסייִסט בעל־פּה

מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין סך אמתע ווערטן אין אונדזער ייִדיש קולטור־לעבן. פֿון דעסטוועגן פֿאַרגינען מיר זיך ניט אין אַכט צו נעמען באַשטימטע מעגלעכקייטן, ווײַל מיר זענען צו קורצזעיִק זיי צו אַנטפּלעקן און צו באַקוועם זיי צו אַקטיוויזירן.

אָט איז יעקבֿ גראָפּער. מחמת פֿוילקייט צו טראַכטן, האָבן מיר אים צוגעקלעפּט אַ פֿאַרטיקן עטיקעט: אונדזער גרויסער דיכטער. דער ייִדישער דיכטער, פֿאַרקנסט מיט דער לאַנדשאַפֿט פֿונעם מאָל־דאַווישן שטעטל און מיט זײַן מאָראַלישן קלימאַט. גראָפּער איז אַוודאי דער פֿאָרשטייער פֿון דער ספּעציפֿיש ייִדיש־רומענישער ליריישער וויברירונג, דער רעפּרעזענטאַנט פֿון אונדזער סענסיביליטעט. מיר דאַרפֿן זיך ניט איבערשאַצן, אָבער פֿון דעסטוועגן זענען מיר ניט נאָר „רענדאַרעס״ ווי ס׳וויל האָבן אַ גרינגשאַציקע קוואַליפֿיקאַציע. מיר וועלן גראָפּערן ניט אויסטאָן דעם קעניגלעכן דיכטער־געוואַנט און אים ניט אָפּגטן פֿון דער מוזע, אויב מיר וועלן זאָגן אַז ס׳איז פֿאַראַן אויך אַן אַנדערער גראָפּער, דער וואָס מיר אַנטפּלעקן אים אין די שמועסן און אויף זײַנע רעפֿעראַטן.

דאָס איז גראָפּער דער דענקער: געמאָטערט, לײַדנשאַפֿטלעך, צעקאָכט און באַזעסן פֿון געדאַנקען. כ׳האָב אים אַנומלט געהערט רעדן אויף אַן „עונג־שבת״ און צומאָרגנס בײַ דער גרינדונג פֿונעם לערנקרײַז אין ייִדישן קולטור־אינסטיטוט פֿון פּלאָיעשט. איין רעפֿעראַט וועגן דער שבת־פֿילאָסאָפֿיע און אַ צווייטן וועגן דער שליחות פֿון ייִדישן אינטעלעקטואַל אין אונדזערע צײַטן. בײַ נאַכט און אין דער

פּרי, צווישן די צוויי רעפֿעראַטן, האָבן מיר געמאַכט אַ דיאַלעקטישע אָרגיע אין אַ קרײַז פֿון חבֿרים.

איך ווייס ניט צי גראַפּער איז אַ טענאָר אין אָראַטאָריע. איך האַלט אַז מוזיקאַליש — געהערט ער ניט צו „בעל־קאַנטאָ" און דאָס איז זײַן גרויסע מעלה. אין זײַנע רעפֿעראַטן לאָזט גראַפּער זיך טראָגן פֿונעם שטראָם אַסאָציאַציעס. אָבער וואָסערע אַסאָציאַציעס! אַן אַנעק־דאָט פֿאַרבינדט זיך מיט אַ ציטאַט פֿון דער גמרא; אַ קאַטרען פֿון הײַנע מיט אַ מאָלערישער דערמאָנונג; אַ טיפֿער פֿילאָסאָפֿישער געדאַנק מיט אַ שוימיקן מעטאַפֿאָר. דאָס איז דער אמתער עסייִסט, וואָס ציט זיך פֿון מאָנטען, מאָנטעסקיע און דער עיקר — פֿון תּלמוד. גראַפּערס רעדן האָט ניט די רעזאָנאַנץ פֿון אויסגעדראָשענער רעטאָריק, ניט דעם שטרענגן, אַרכיטעקטוראַלן געבוי פֿון אַ קאָנפֿערענץ, ניט די ספּעציפֿישע געלערנטקייט פֿון אַ רעפֿעראַט, ניט די ליידיקע און שפּילעווודיקע עלעגאַנץ פֿון קאַזערי. גראַפּער שאַפֿט אַ נײַעם זשאַנער פֿון רעטאָריק.

גראַפּער איבערראַשט מיט זײַן צונויפֿפֿלעכטן אַ גרונטיקע ייִדישע קולטור, אַ פֿאַראַנקערטע אין העברעיִשער קלאַסיק און אין העברעיִשן הומאַניזם, מיט אַ מאָדערנעם האָריזאָנט. די טעכניק איז אַן עסייִסטי־שע — אָבער פֿון אַ גערעדטן עסיי, אַן עסיי בעל־פּה. פּונקט ווי דער עסיי שטייט אויף דער גרענעץ צווישן מחשבֿה און קונסט, גייט מען אויך פֿון גראַפּערס אַ רעפֿעראַט אַוועק ניט נאָר מיט אַ ריי טיפֿע געדאַנקען, נאָר אויך מיטן רושם פֿון אַ קונסטווערק. דאָרט וווּ דער ריינער דענקער ניצט אַ מוסר־השׂכּל, סוגערירט גראַפּער אַן אימאַזש. דאָרט וווּ דיאַלעקטיק הייבט אַרויס דעם געדאַנק, ניצט גראַפּער לעבעדיקע קאָלירן פֿון זײַן פֿילפֿאַרביקער פּאַליטרע. דער דענקער איז אַ המשך פֿונעם דיכטער און דאָס איז נאָר לטובֿת דעם אידעיִשן תּוכן.

מען מוז איבערצײַגן גראַפּערן אַז אויך זײַנע עסייען בעל־פּה דאַרפֿן פֿאַרפֿיקסירט ווערן, אַז ער דאַרף אָנשרײַבן אויך וואָס ס׳מאַ־

טערט אים אין פֿילאָסאָפֿיע. דאָס וועט זײַן מער ווי אַ רעוועלאַציע: דער דענקער יעקבֿ גראָפּער. דאָס וועט זײַן אַ סיסטעם פֿון קולטור־פֿילאָסאָפֿיע — פֿילאָסאָפֿיע פֿון געשיכטע און פֿון רעליגיע אין דער זעלבער צײַט. און אַז ער וועט ניט פֿאָלגן, וועל איך באַניצן גוואַלד: איך וועל זײַן אַן עקערמאַן וואָס וועט אויסדערציילן אַלץ. ווערבאַ וואָלאַנט — ווערטער בלײַבן ניט. דערפֿאַר דאַרף מען פֿאַרפֿיקסירן בכּתבֿ, מיט אַלע מיטלען, יעקבֿ גראָפּערס מחשבֿות.

„טריבונאַ עווריאַסקע״, יאַס, 16טער אַפּריל 1939.

פּ״ס 1973: חטאתי. איך האָב ניט געהאַלטן וואָרט און בין ניט געוואָרן גראָפּערס עקערמאַן. הײַנט וואָלט מיר געווען שווער אויפֿצושטעלן פֿון זכּרון אַזוי פֿיל שמועסן מיט יעקבֿ גראָפּער. אפֿשר וואָלטן מיר זיך אָבער דאָך געדאַרפֿט אַוועקזעצן, עטלעכע פֿרײַנד, בײַ אַ מיקראָפֿאָן און דערציילן וועגן גראָפּער בעל־פּה.

פֿון רומעניש: אַלעקסנדר שפּיגלבלאַט

ישראל לבֿנון

מיהיילען

וועגן אַ ייִדיש שטעטל אין דער מאָלדאָווע

ווען איך קום דערציילן וועגן מײַן שטעטל מיהיילען, זע איך פֿאַר מײַנע אויגן סײַ די לאַנדשאַפֿט, סײַ דעם מענטשלעכן פּייסאַזש. איך געדענק די גאַסן און געסלעך פֿון שטעטל, און די מענטשן וואָס פֿלעגן אַרומגיין איבער זיי — פּשוטע ייִדן, תּלמידי־חכמים און חסידים. איך געדענק אויך די ניט־ייִדן וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען מיט ייִדן, געקענט זייערע מינהגים; געווען צווישן זיי שונאי־ישׂראל און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט דרך־ארץ פֿאַר ייִדן.

איך בין ניט קיין היסטאָריקער און האָב ניט בדעה צו שרײַבן אַ פֿאָרשערישע אַרבעט וועגן מיהיילען און זײַנע ייִדן; איך וויל ניט מער ווי דערמאָנען עטלעכע שטריכן, פֿון דאָ און פֿון דאָרט, וועגן לעבנס־שטייגער פֿון שטעטל, וועגן די געשטאַלטן וואָס זענען דאָרט געווען, וועגן דער ייִדישער קהילה און איר צוזאַמענשטעל, כאָטש אירע יסודות זענען געווען די זעלבע ווי אין אַנדערע קהילות פֿון יענער געגנט. עפּעס איז פֿון דעסטוועגן געווען דאָרט יחיד־במינודיק.

דאָס רובֿ מיהיילענער ייִדן זענען געווען יגיע־כפּיימניקעס: שנײַדערס, רימערס, שמידן, בעל־עגלות, קיזשנערס, שוסטערס — וואָס האָבן מיט שווייס פֿאַרדינט דאָס אויסקומעניש זייערס. די קרעמערס איז אויך ניט בעסער געגאַנגען; זיי האָבן אויך קוים אַרויסגעשלאָגן די פּרנסה. עס זענען געווען אַ קליינע צאָל גבֿירים און זיי האָבן געגעבן דעם טאָן פֿאַר דעם קהילה־לעבן אין שטעטל.

מיהיילען איז געווען אַ באַשיידן שטעטל, סײַ וואָס שייך די

לאַנדשאַפֿט, סײַ וואָס שייך די מענטשן. די לאַנדשאַפֿט איז געווען אַ גרויע, אַ ביסל אַ טרויעריקע, ווי אין דער גאַנצער סבֿיבֿה. קיין גוואַלדיקע שפֿע איז דאָרט ניט געווען; דער מיסחר האָט ניט איינ־געריסן קיין וועלטן. ס׳איז אָבער בולט געווען דער זעלבשטענדיקער, זאַפֿטיקער כאַראַקטער פֿונעם פּשוטן מאָלדאָווער ייִדן, וואָס איז טאַקע ניט געווען קיין גרויסער למדן און חריף, אָבער זײַן האַרץ איז געווען פֿול מיט אמונה. אין אָט דער סבֿיבֿה האָט געשפּראָצט די גאולה־נאָסטאַלגיע צו אַ וועלט וואָס איז כּולו טובֿ, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די ווונדערלעכע מעשׂיות, מיט זייער טיף־פּאָעטישן אָטעם.

עס זענען אָבער אויך געווען אין שטעטל תּלמידי־חכמים, וואָס זענען געווען בקי אין ש״ס און פּוסקים. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געבאָדן אין חסידות און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געקענט די השׂכּלה־ספֿרים און די קלאַסישע ליטעראַטור, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרק נאַציאָנאַל באַוווסטזײַן און זענען געווען איבערגעגעבן דער אידעע פֿון שיבֿת־ציון און דעם פּראַקטישן ציוניזם.

אַ ביסל געשיכטע

מיהײַלען ליגט אין צפֿון־מאָלדאָווע, אין דער דאָראָהאָיער געגנט, אַ צוואַנציק קילאָמעטער פֿון דער קרײַזשטאָט. ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די געגנט געווען בײַ דער בוקאָווינער גרענעץ, די גרענעץ פֿון דער עסטרײַכישער אימפּעריע. זיבן קילאָמעטער פֿון דער גרענעץ איז געווען דאָס עסטרײַכישע שטעטל סערעט און דאָס האָט געהאַט אַ גוטע עקאָנאָמישע השפּעה אויף מיהיילען.

דאָס שטעטל איז אויפֿגעקומען אין 1792, מיט דער דערלויבעניש פֿונעם פּרינץ אַלעקסאַנדרו מאָרוזי, אויפֿן שטח פֿון דעם אַדעליקן קאָסטאַקי מאַרעש. עס האָט געהייסן וולאַדעני און אין די גטן פֿון ייִדן אין יענע ערטער שטייט געשריבן: „מיהיילן דמתקרי ולאדן מתא דייתבא על נהר מולניצה ועל מי מעיינות״.

מיהיילען

אין יאָר 1834 איז דאָס שטעטל איבערגעגאַנגען אין רשות פֿונעם פּרינץ מיהאַיל סטורזאַ, וועלכער האָט געגעבן די ייִדישע סוחרים הלוואות כּדי צו אַנטוויקלען די אָרטשאַפֿט. פֿון דעמאָלט האָט דאָס אָרט אָנגעהויבן הייסן מיהיילען.

פֿון יאָר 1897 איז אין שטעטל געווען אַן אָרגאַניזירטע קהילה און אין יאָר 1899 איז עטאַבלירט געוואָרן אַ ייִדישע שול וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן די העברעיִשע שול און האָט עקסיסטירט ביזן יאָר 1940, ווען די ייִדן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שטעטל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען בעסאַראַביע איז צוריק־געקומען צו רומעניע און די בוקאָווינע איז אויך געוואָרן אַ רומענישע טעריטאָריע, האָט מיהיילען אויפֿגעהערט צו זײַן אַ גרענעצשטאָט און דאָס האָט פֿאַרערגערט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון די ייִדישע אײַנוווינערס.

דער פּויערים־אויפֿשטאַנד

דער פּויערים־אויפֿשטאַנד אין מאָלדאָווע פֿון יאָר 1907 האָט שטאַרק אויפֿגעטרייסלט די מאָלדאָווישע ייִדן בכלל און די מיהיילע־נער ייִדן בפֿרט. אָט דער אויפֿשטאַנד האָט געקאָסט אַ סך ייִדישע קרבנות אין דער געגנט און האָט איבערגעלאָזט אַ טיפֿן רושם אין די ייִדישע הערצער. כאָטש דער אויפֿשטאַנד איז פֿאָרגעקומען איידער איך בין געבוירן געוואָרן, האָב איך נאָך פֿאַרכאַפּט די שרעקלעכע מעשׂיות און זיי האָבן מיך באַגלייט אַ סך יאָרן.

די סיבה פֿון אויפֿשטאַנד איז געווען דער אומגליקלעכער מצבֿ פֿון די רומענישע פּויערים, וואָס האָבן באַאַרבעט די ערד פֿאַר גאָר אַ קליינעם לוין.

בלויז אַ גאָר קליינע צאָל ייִדן זענען געווען ערד־בעלי־בתּים, אָבער געהעצט האָט מען דער עיקר קעגן די ייִדן „וואָס נוצן אויס און דערנידעריקן דעם רומענישן פּויער". די אַנטיסעמיטישע העצע איז געוואַקסן יעדן טאָג און די ייִדן זענען געווען דער שׂעיר לעזאזל.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און די פּויערים האָבן פאַרשטאַנען אַז מ׳האָט זיי ניט געשיקט צו דעם ריכטיקן אַדרעס. זיי זענען גאָר גיך אַריבער דאָס „פישער־לאַנד״ (אַזוי האָבן די אַנטיסעמיטן גערופן די געגנט וואָס האָט געהערט צו די ברידער פישער) און דער אויפ־שטאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט אין מונטעניע און אָלטעניע ווו עס זענען בכלל ניט געווען קיין יידישע רענדאַרעס. דאָרטן האָבן די אויפשטאַנדלערס זיך נוקם געווען אין די פּריצים. זיי האָבן ניט מער געוואָלט קיין ערד, נאָר די קעפּ פון די רענדאַרעס.

אין יענער צייט איז מיהיילען געווען אונטערן שיץ פון די ברידער פישער. זיי פלעגן אָפט קומען אין שטעטל, געבן געלט פאַר צדקה־מוסדות, און זיך אַריינגעמישט אין קהילה־לעבן. זיי האָבן זיך אַריינגעמישט אין אַלץ און בפרט אין ענין פון רבנים, פון שוחטים און אַנדערע כלי־קודש.

אויב עמעצער האָט ניט נושא־חן געווען ביי זיי, האָבן זיי אים אַפילו געקענט פאַרטרייבן איבער דער גרענעץ. זיי האָבן אַלץ גע־פועלט, אַ דאַנק זייערע פאַרבינדונגען מיט דער מאַכט. קיינער אין מיהיילען האָט זיך ניט דערוועגט אויפצוהייבן דאָס קול קעגן די דאָזיקע תקיפים, אָבער די יידן אין שטעטל האָבן געטראָגן אין האַרץ אַ טיפע פאַרביטערונג און אַ כעס קעגן אָט די „אַדונים״. אַן אויסדרוק פון דעם דאָזיקן כעס איז געווען די מעשה וואָס מ׳האָט דערציילט אין שטעטל און וואָס איר העלד, ר׳ אליעזר פרענקעל, האָב איך אויך געקענט.

ר׳ אליעזר פרענקעל איז געווען אַן ערלעכער ייד, אַ למדן און אַ ירא־שמים. ער איז געווען דרדיקי־מלמד און שמש אין דער גרויסער שול. פוןביידע פּרנסות האָט ער קוים געהאַט פון וואָס צו לעבן; ער האָט אַ סך געליטן אָבער אַלץ אָנגענומען באַהבה. אָט דער טייערער ייד איז אויך געווען אַ צייט־לאַנג מיין רבי, איידער איך בין אַריין אין חדר פון ר׳ אהרן־לייב, וואָס האָט צוגעצויגן די תלמידים מיטן ניגון פון זיין לערנען און מיט זיינע שיינע חומש־מעשיות. אין דער

גרויסער שול ווו ר׳ אליעזר איז געווען שמש, האָבן צו מאָל געדאַווענט אויף די ברידער פּישער. איין מאָל נאָך שחרית, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען און אין שול זענען געבליבן נאָר עטלעכע „יושבים״ איבער די גמראות, האָט ר׳ אליעזר זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אָנגעצייכנט אויף אַ פּאַפּיר די געשטאַלט פון מאָטי פּישער, דאָס פּאַפּיר צוגעקלעפּט צו דער טיר און אָנגעהויבן צו רעדן צו אים בזה הלשון: דו, מאָטי פּישער, ביסט אַ גרויסער עושר. גאַנצע דערפער געהערן צו דיר, טויזנטער אָרעמע מענטשן אַרבעטן פאַר דיר און דו האָסט צונויפגעשאַרט אַ גרויס פאַרמעגן. מיטן געלט דײַנעם האָסטו אָפּגעקויפט די רומענישע טיראַנען און זיי טון וואָס דו הייסט זיי. די נאַכט האָבן זיי פאַרטריבן פון שטעטל דעם שוחט אונדזערן, און זײַנע קינדער זענען אַוודאי הונגעריקע. צי גיסט דו דיר אָפּ דין וחשבון פאַר דײַנע מעשים? צי ווייסטו ניט אַז דער גיהנום איז פאַר דיר אָפן, און פאַר דעם האַר פון דער וועלט וועסטו מוזן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר די חטאָים און די פאַרברעכנס דײַנע? ס׳איז פאַראַן אַ דיין און ס׳איז פאַראַן אַ דין; הײַנט ביסטו דאָ און מאָרגן ביסטו אין קבֿר. ווײ צו דיר אויב דו וועסט ניט טון קיין תשובֿה!

די „יושבים״ האָבן זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד און פון זייערע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. אַזוי פאַרענדיקט זיך די מעשׂה. וויפל איך האָב זיך ניט באַמיט געוויר צו ווערן וואָס ס׳איז געשען ווײַטער, אומזיסט! ווי גלײַך די ייִדן האָבן זיך באַנוגנט מיט אָט דעם אויסדרוק פון צאָרן, און דער ערשט איז זיי ניט מער אָנגעגאַנגען.

די מיהיילענער שולן

אין מיהיילען זענען געווען נײַן שולן: די שול פון די וויזשניצער חסידים, פון די סאַדעגורער חסידים, פון די קאָסאָווער חסידים, פון ר׳ לויס חסידים, פון די הערצער חסידים, די הילצערנע שול, די שנײַדערישע שול, די טערקישע שול און אַחרון אַחרון — די גרויסע שול.

ס׳רוב שולן זענען געווען אָפֿן פֿאַר לערנערס, וואָס האָבן זיך געגריבלט אין פּוסקים, אין ראשונים און אַחרונים. געווען ייִדן וואָס האָבן נאָר אַרײַנגעקוקט אין דער סדרה פֿון דער וואָך, וואָס האָבן זיך נאָר אײַנגעהערט אין אַ שיעור פֿון „עין יעקבֿ״, אין די מעשׂיות־חז״ל, און געווען ייִדן וואָס זענען נאָר געקומען אַרײַנכאַפּן אַ קאַפּיטל תּהילים, כאָטש זיי האָבן ניט תּמיד פֿאַרשטאַנען וואָס זיי זאָגן, אָבער געזאָגט האָבן זיי מיט כּוונה.

אין די שולן האָט מען ניט נאָר געדאַוונט און געלערנט; דאָרטן האָט מען אויך געפֿירט שׂיחת־חולין, גערעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן שלום און וועגן מלחמה, וועגן די ענינים און די באַדערפֿענישן פֿון דער קהילה. מער פֿון אַלץ האָט מען אָבער אַרומגערעדט דעם ציוניס־טישן רעיון, דעם בנין פֿון ארץ־ישׂראל און אַלץ וואָס איז מיט דעם פֿאַרבונדן.

אין דער גרויסער שול האָט געדאַוונט דער הויפּט־פּרנס פֿון שטעטל, ר׳ שלום ראַפּאַפּאָרט, אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט. ער איז געווען אַ פֿלאַמיקער ציוניסט, דער ראש־המדברים אויף אַלע ציוניסטישע אַסיפֿות, מיט ברייטע קענטענישן אין ייִדישקייט, און אַ קעמפֿער פֿאַרן פֿאַרשפּרייטן די העברעיִשע שפּראַך. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ רײַכע ביבליאָטעק און איז געווען דער איינציקער אין שטעטל וואָס האָט באַקומען העברעיִשע צײַטונגען. אַ דאַנק אים האָט מען אין דער ייִדישער שול אָנגעהויבן לערנען עבֿרית אויף עבֿרית.

אַחוץ ר׳ שלום ראַפּאַפּאָרט, האָבן אין דער גרויסער שול אויך געדאַוונט למדנים און משׂכּילים, ווי מאיר שעכטער (אַ שרײַבער), יעקבֿ קאַפּולאָוויטש (אַ ייִד מיט הומאָר וואָס האָט באַגײַסטערט די צוהערערס מיט זײַנע שמועסן), דער דיכטער יעקבֿ גראַפּער. צווישן די אַנשי־הדור אין מיהיילען איז צו דערמאָנען ר׳ שלמה ראַבינאָוויטש, אַ פּוסק אין הלכה־ענינים, ר׳ נתן ווערנער, ר׳ שלמה וועוויק און זײַן

איידעם מיכאל לייבא, וואָס איז געווען אַ פּלאַמיקער ציוניסט און אַן איבערגעגעבענער עסקן.

יעקב גראַפּער

דער דיכטער יעקבֿ גראַפּער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״ן — 1890, אין מיהיילען. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטוב וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה און ייִדישקייט. נאָך אין וויגל האָט ער געהערט דאָס קול פֿון זײַן פֿאָטער, ר׳ מרדכי, וואָס האָט דורך די נעכט געניגונט קאַפּיטלעך תּהילים און געוויינט אויפֿן חורבן פֿון בית־המקדש. די מאַמע איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער דער צאנה וראינה און געלייענט אויף עבֿרי־טײַטש די מעשׂיות פֿון די אָבֿות, בעת אַרום איר זענען געזעסן פֿרומע ווײַבער און זיך אײַנגעהערט פֿאַרכטיק אין אירע רייד.

דאָס צאַרטע קינד מיט דער פּאָעטישער נשמה האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די הייליקע קלאַנגען פֿון שטוב און דעם לעבנס־שטייגער פֿון דער סבֿיבֿה און אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער דיכטער. צו די צען יאָר האָט ער שוין אָנגעשריבן זײַנע ערשטע שורות שירה און האָט זיי דעקלאַמירט פֿאַר חבֿרים און פֿרײַנד. אין שטעטל האָט מען אים גערופֿן „דער קליינער דיכטער״.

די ערשטע סטאַנציע נאָך דעם ווי גראַפּער איז אַוועק פֿון מי־היילען — איז געווען די שטאָט יאַס. דאָרט איז ער באַקאַנט געוואָרן צווישן די יונגע שרײַבערס. שפּעטער איז ער אַוועק קיין בוקאַרעשט און זיך דאָרט באַזעצט. יעדעס יאָר, אין די זומער־חדשים, פֿלעגט ער אָבער קומען אין זײַן געבוירנשטאָט און איז געווען אַ צוציִונג פֿאַר אַלע די וואָס האָבן אים פֿאַרערט, און בפֿרט פֿאַר דער יוגנט, וואָס האָט מיט דאָרשט געטרונקען זײַנע רייד.

אין זײַנע שמועסן האָט ער אַרומגענומען עולם ומלואו, ווײַל ער איז געווען בקי אין אַלעמען: אין ייִדישער געשיכטע און אין דער געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער, אין די ווערק פֿון ייִדישן גײַסט

און אין די ווערק פֿון אוניווערסאַלן גײַסט. ער האָט געהאַט טיפֿע קענטעניש און איז געווען שפּירעוודיק פֿאַר יעדער אָריגינעלער ליטעראַרישער שאַפֿונג; אַזוי אַרום פֿלעגט ער דערהייבן זײַן פּאַרטנער פֿון דעם גרויען וואָכעדיקן לעבן צו די הייכן, צו אַ ברייטער פּערס־פּעקטיווע, צו אַ ניט־באַגרענעצטן האָריזאָנט.

אין גראַפּערס פּאָעזיע זענען מיר פֿאַרכאַפּט געווען פֿון זײַן יכולת צו זײַן אַזוי ייִדיש און גלײַכצײַטיק אַזוי כּלל־מענטשלעך. לויט מײַן געפֿיל, איז ער געווען איינער פֿון יענע דיכטערס, וואָס אָן זייער שאַפֿונג וואָלט די וועלט געווען אָרעמער. אָבער ניט וועגן דער גרויסקייט פֿון זײַן דיכטונג האָב איך בדעה צו שרײַבן. דאָס האָבן געטאָן די בר־סמכאס אין ייִדישער פּאָעזיע. איך וויל נאָר דערמאָנען דעם פּאָעט, ווי איינעם וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אין דער וועלט פֿון זמירות נעים־ישׂראל, האָט פֿון דאָרט געשעפּט פּערל, קאַפּיטלעך תּהילים, און זיי איבערגעזעצט אויף ייִדיש. דאָס איז ניט געווען סתּם אַן איבערזעצונג, נאָר אַ ווונדערלעכער פּירוש, אַ מין דער־גאַנצונג צו מדעם וואָס ווערט ניט בפּירוש געזאָגט אין תּהילים. צו אַ טייל פֿון אָט די שאַפֿונגען האָט הרבֿ ש. ז. האָכמאַן אָנגעשריבן מוזיק און מיר פֿלעגן זיי זינגען מיט בענקשאַפֿט און גײַסטיקער דערהויבנקייט.

זאָל מיר דערלויבט זײַן אַ פּערזענלעכע דערמאָנונג: ווען איך האָב חתונה געהאַט און בין געווען אין פּולן גליק מיט מײַן אויס־דערוויילטער, צפּורה, איז יעקבֿ גראַפּער געקומען און אונדז געבראַכט אַ מתּנה: דעם תּרגום און פּירוש פֿון תּהילים כּ״ג — ה׳ רועי לא אחסר. אָט זענען די ווערטער וואָס ער האָט צוגעשריבן ווי אַ הייליקונג:

צו מײַנע זייער ליבע פֿייגעלע און ישׂראל לײַוואַנדמאַן, צוליב און לכּבוד זייער חתונה־טאָג, געווידמעט זיי, יעקב גראַפּער.

מיר האָבן זיך מער געפֿרייט מיט דער דאָזיקער מתּנה, ווי מיט אַלץ וואָס ס׳האָבן אונדז געבראַכט אונדזערע חבֿרים און פֿרײַנד. מיט מײַנע גײַסטיקע אויגן זע איך גראַפּערן שטיין בײַ זיך אין

דער היים, צווישן די ווענט מיט ביכער. ס׳האָט געשוועבט דאָרטן דער גייסט פֿון דורות חכמים, דענקערס און גאונים, פּאָעטן און פּראָזאַיקערס. דאָס זענען ניט געווען קיין שטומע ביכער, וואָס דעקן צו די ווענט. פֿון יעדן ספֿר האָט אַרויסגעקוקט די געשטאַלט פֿון מחבר און גראַפּער האָט כּאילו גערעדט מיט יעדן איינעם פֿון זיי, מסכּים געווען אָדער ניט מסכּים געווען מיט זײַנע געדאַנקען און השׂגות.

לעאָן בערטיש

אין אונדזער שטעטל איז געווען נאָך אַ דיכטער, מיט אַכט יאָר ייִנגער ווי יעקבֿ גראַפּער, — לעאָן בערטיש. זײַנע קענטעניישן אין שפּראַך און ליטעראַטור זענען געווען באַגרענעצטער, אָבער ער איז געווען געבענטשט מיט טאַלאַנט און אײַנגעלעבט אין דער אַטמאָספֿער פֿונעם שטעטל. זײַנע ייִדישע לידער זענען אַרויס אין אַ קלייגער זאַמלונג, אין בוקאַרעשט, אונטערן נאָמען שטילע ווינקלען.

איינס פֿון זײַנע לידער — „אויפֿן קלויסטערדאַך״ — האָט אַרויס־גערופֿן באַגײַסטערונג בײַ די ליבהאָבערס פֿון ייִדישער פֿאָלקסדיכטונג. אין ליד ווערט באַשריבן די געשטאַלט פֿון אַהרן בלעכער, דער בלעכער פֿון שטעטל, איינער פֿון די ייִדן וואָס פֿלעגט אין דער פֿרי און אויף דער נאַכט גיין אין שול אַרײַן. אַ ספֿק צי ער האָט געקענט דעם טײַטש פֿון די ווערטער, אָבער די תּפֿילות האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק און ער האָט געהאַט אַ שטאַרק, קלינגענדיק קול. ווען ער פֿלעגט זיצן אויף די דעכער און זיי דעקן מיט בלעך (אין מיהיילען זענען אַלע דעכער געווען פֿון בלעך), אָדער ווען ער פֿלעגט אָפּפּאַרבן רויט די דעכער, פֿלעגט ער בײַ דער אַרבעט זיך צוזינגען די תּפֿילות. די תּפֿילות פֿון אַהרן בלעכער, באַגלייט פֿון זײַן העמערל, זענען דער־גאַנגען ביז ווײַט און האָבן געהאַט אין זיך אַ וווּנדערלעכן ניגון, יחיד במינו.

בערטיש באַשרײַבט אין זײַן ליד דעם בלעכער אַהרן, ווי ער שטייט אויפֿן שפּיץ פֿונעם קלויסטער מיטן גרויסן צלם און זינגט,

אָבֿינו מלכּנו, אָדער תּפֿילות פֿון ראש־חודש, אָדער פֿון מוסף פֿון ראש־השנה. די גויִים פֿלעגן פֿאַרבײַגיין, זיך איבערצלמען און זיך אײַנהערן אין דעם געזאַנג: שׂאו שערים ראשיכם והנשׂאו פּתחי עולם ויבוא מלך הכבוד, מי הוא זה מלך הכבוד, ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה...

אַזוי ווי אַהרן האָט כּמעט דעם גאַנצן זומער געאַרבעט אויף די דעכער, האָבן אַלע שוין געקענט זײַנע תּפֿילות, אַפֿילו די גויִים. פֿאַר די ייִדן אין שטעטל איז דאָס ניט געווען קיין חידוש, אָבער מ׳קען זיך פֿאָרשטעלן די געפּלעפּטקייט פֿון ייִדן אין אַנדערע מקומות ווען זיי האָבן פּלוצעם געהערט אַ מיהיילענער גוי זינגען אתּה נגלית בענן כבודיך על הר סיני. וועגן דעם וויל איך דערמאָנען אַ חסידישע מעשׂה וואָס איך האָב געהערט פֿון מײַן פֿאָטער ז״ל.

דער רוזשינער איז אַ מאָל געפֿאָרן קיין לעמבערג צו אַ דאָקטער און איז אויך געגאַנגען באַזוכן דעם גאון ר׳ יעקבֿ אָרנשטיין, וואָס איז געווען מרא דאתרא און אַ בפֿירושער מתנגד. דער גאון האָט געמיינט אַז דער רבי וועט מיט אים רעדן בחידות דאוריתא און האָט זיך צוגעגרייט. אָבער צו זײַן גרויסער איבעראַשונג, איז דעם רוזשינערס ערשטע שאלה געווען: פֿון וואָס מאַכט מען די דעכער אין לעמבערג? פֿון בלעך — האָט געענטפֿערט דער גאון. פֿאַר וואָס דווקא פֿון בלעך? — האָט ווײַטער געפֿרעגט דער רבי. כּדי זיי זאָלן זײַן באַוואָרנט קעגן שׂריפֿות — האָט געזאָגט דער גאון. אויב אַזוי — האָט געזאָגט דער רבי — האָט מען זיי דאָך געקענט מאַכן פֿון ציגל. און מיט דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט דער וויזיט.

ווען ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען קיין לעמבערג, האָט מען אים דערציילט וועגן דעם וויזיט און וועגן דעם שמועס. ווען ר׳ מאירל האָט געזען אַז די חסידים זענען צערודערט ווײַל זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם רבינס מיין, האָט ער געזאָגט: בכּיוון האָט דער רבי געפֿרעגט די שאלה, ווײַל אַ רבֿ דאַרף דאָך האָבן אַ צעבראָכן האַרץ, ווי ציגל וואָס קענען גרינג צעבראָכן ווערן.

מ י ה י י ל ע ן

פֿאַר וואָס זשע איז זײַן האַרץ האַרט ווי בלעך, ווי אײַזן? צי האָט
דער גאון ניט פֿאַרשטאַנען דעם רבינס רייד?
און אָט איז דאָס ליד פֿון לעאָן בערטיש:

אויפֿן קלויסטערדאַך

אויפֿן שפּיץ פֿון קלויסטערדאַך
זיצט זיך אַהרן בלעכער,
ער זינגט זיך צו אַ ניגונדל
און פֿאַרקיטעט לעכער.

ווען ער זאָגט דעם „יהי רצון"
פֿון ראש־חודש־בענטשן
הערן פֿייגעלעך זיך צו
און אין גאַס — די מענטשן.

גייט ער איבער מיט דער פֿאַרב,
זאָגט ער „השכּיבֿנו"
און קלאַפּט אויס מיטן העמערל
„אָבינו מלכּנו".

בײַם געוויין פֿון יום־הדין
בלײַבן שטיין ערלים,
טוען אַ קוק, טוען אַ זיפֿץ
און מאַכן זיך דעם צלם.

קלויסטערגלאָקן קלינגען שפּעט
און בעטן ווי מחילה.
דער דרויסן קומט מיר דעמאָלט פֿאָר
עפּעס ...ווי צו נעילה.

חסידים און אַנשי־מעשׂה

פֿון די מיהיילענער חסידים און אַנשי־המעשׂה געדענק איך ר׳ יוסף טײַלינזער, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער בוהושער ישיבֿה און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע גוטע מידות: ר׳ אהרן־שמואל כּהן, אַ פֿלאַמיקער חסיד, וואָס בײַ יעדער געזעל־שאַפֿטלעכער אָקאַזיע פֿלעגט ער אַרויף אויפֿן טיש און משׂמח זײַן דעם עולם מיט זינגען און טאַנצן; מײַן זיידע, ר׳ יעקב שוב׳, וואָס איז געווען אַ גרויסער לערנער און אַ שקדן. בײַ אים האָב איך און מײַן חבֿר אידאָוו כּהן געלערנט גמרא. עס קומען מיר אויפֿן געדאַנק די סוגיות פֿון „חזקת הבתים" וואָס מיר האָבן בײַ אים געלערנט, זײַנע טיפֿע סבֿרות, בעת מיר זענען אין גאַנצן אַלט געווען צוועלף יאָר. איך געדענק אויך די ברידער באַימאַן און ר׳ גבֿריאל ראַכמוט — אַלע חסידים פֿון שטעפּאַנעשט־סאַדעגורע. געדאַוונט האָבן זיי אין שטעפּאַנעשטער קלויז. דאָרט האָט אויך געדאַוונט פֿישל דער בעל־עגלה, וואָס איז געווען אַנדערש ווי אַלע איבעריקע מיט זײַן פּשטות און עניוות. ער האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון די טאָג־טעגלעכע נסיעות זײַנע מיטן צווייִשפּענער קיין דאָראָהאָי, די קרײַזשטאָט. ער איז געווען אַ גאָטפֿאָרכטיקער מענטש, פֿלעגט אויפֿשטיין גאַנץ פֿרי, דאַ־ווענען מיט מנין און דערנאָך זיך אַרויסלאָזן אין וועג מיטן פֿולן וואָגן מענטשן און געפּעק און צוריקקומען אין אָוונט.

ווען ס׳איז געקומען ערבֿ שבת האָט אָט דער פֿישל זיך איבער־געביטן, ניט צו דערקענען: ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די וואָכעדיקע קליידער און אָנגעטאָן די שבתדיקע מלבושים מקבל צו זײַן די מלכּה שבת מיט שׂמחה, און ער האָט אויסגעזען טאַקע ווי אַ מענטש וואָס גייט אַרויס פֿון דעם גרויסן שווערן וואָכעדיקן לעבן און גייט אַרײַן אין אַ וועלט וואָס איז אין גאַנצן פֿרייד און הייליקייט.

שׂמחת־תּורה פֿלעג מען אויסקלײַבן פֿישלען פֿאַר גבאי פֿון דער שול און אים איבערגעבן די הנהגה. ער פֿלעג דערפֿולן די שליחות

מיט כּבֿוד און געניטונג, אַרויפֿגיין אויף דער בימה און מכבד זײַן די בעלי־בתּים מיט הקפות, יעדן לויט זײַן מעמד, יעדן מיט זײַנע טיטלען: הנגיד, הגבֿיר, פּלוני בן אַלמוני מתכּבד בכבוד התורה... אַזוי פֿלעגט ער פֿאַרבעטן אַלעמען, ביז צו דער זיבעטער הקפה, ווען עס פֿלעגט אַרויף אויף דער בימה דער שטענדיקער גבאי און אויסרופֿן: און איצט זענען מיר מכבד מיט דער הקפה דעם נגיד החסיד ר׳ פֿישל בעל־עגלה. פֿישלס פּנים פֿלעגט שײַנען פֿאַר נחת און שׂמחה פֿון דעם כּבֿוד וואָס מ׳האָט אים צוגעטיילט; ער איז געגאַנגען דער ערשטער און זיך געגאָרגלט מיט התלהבֿות: אנא השם הושיעה נא...

דעם אַנדערן טאָג איז פֿישל אויפֿגעשטאַנען ווי זײַן שטייגער איז געווען, צוגעגרייט דעם וואָגן און זיך געלאָזט אין וועג מיט זײַנע פֿאַרשוינען און זייערע פּעקלעך. צו מאָל איז דאָס געווען אַ רעגנעריישער טאָג, און ס׳האָבן געבלאָזן שטאַרקע ווינטן איבער די פֿעלדער, און אויפֿן הימל זענען געהאַנגען שווערע וואָלקנס און אין מיטן וועג איז דער וואָגן אַרײַן אין אַ בלאָטע און די פֿערד האָבן אים ניט געקענט רירן פֿונעם אָרט; דעמאָלט פֿלעגט פֿישל בעטן די פֿאַרשוינען זיי זאָלן אַראָפּגיין פֿונעם וואָגן און ער אַליין פֿלעגט צולייגן די פּלייצע און מיט אַלע כּוחות אַרויסשלעפּן די רעדער פֿון דער בלאָטע. בעת־מעשׂה פֿלעגט ער שרײַען: דאָס בין איך דאָך, פֿישל, הנגיד, החסיד, הגבֿיר, זיך מתכּבד מיט דער הקפה לכּבֿוד התּורה... שווער געווען צו וויסן צי לאַכט ער אָפּ פֿון זיך אַליין, צי איז עס אַ מין שלום־מאַכן מיטן גורל, צי איז עס אפֿשר אַ טענה קעגן דער ביטערערווירקלעכקייט: ערשט נעכטן איז ער געווען דער גבֿיר און דער נגיד וואָס צעטיילט די הקפות פֿאַר די בעלי־בתּים פֿון שטאָט און הײַנט איז ער נאָר אַן אָרעמער בעל־עגלה וואָס פֿאַרדינט דאָס שטיקל ברויט מיט שווערער האָרעוואַניע.

דאָס קהילה־לעבן

איך געדענק די ייִדישע קהילה פֿון מיהיילען ווען ס׳האָבן דאָרט

געלעבט בערך 1500 נפשות און ס'רובֿ פֿון דער באַפֿעלקערונג זענען טאַקע געווען ייִדן.

מײַנע ערשטע זכרונות גייען צוריק ביזן יאָר 1918, אַ צײַט פֿון שווערע ראַנגלענישן, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָר וואָס פֿאַרענדיקט און איבערגעלאָזט נאָך זיך קרבנות און יסורים.

בעת דער מלחמה זענען די ייִדן אויפֿגעטרייסלט געוואָרן ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז 36 ייִדישע יינגלעך פֿון מיהײַלען זענען געפֿאַלן; ניט אין קאַמף זענען זיי געפֿאַלן, נאָר דערשאָסן געוואָרן פֿון אַן אַנטיסעמיטישן רומענישן אָפֿיציר, בעתן גיין אויפֿן פֿראָנט. אַנדערע ייִדישע סאָלדאַטן זענען פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן און נאָר ווייניקע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים גאַנץ און געזונט.

אין אָנדענק פֿון די געפֿאַלענע האָט מען אויפֿגעשטעלט אַ מאָנו־מענט אויפֿן מיהײַלענער בית־עלמין און אײַנגעקריצט די נעמען פֿון די קרבנות, בראש מיט דעם יונגן רבֿ געצל באַימאַן, אַ געוועזענער תּלמיד אין דער בוהושער ישיבֿה און אַ זון פֿון אַ מיוחסדיקער משפּחה פֿון שטאָט. אַזעלכע שרעקלעכע מעשׂים זענען פֿאָרגעקומען אויף אַלע פֿראָנטן. עס זענען געווען אַ סך ייִדישע קרבנות צווישן די סאָלדאַטן — און דאָס איז געווען מיט 25 יאָר פֿאַר היטלערס מלחמה.

די אַלמנות און יתומים זענען געבליבן מיט אַ טיפֿן צער; אַחוץ דעם האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו עסן און די אָרעמע קהילה האָט געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר זייער קיום.

נאָך דער מלחמה האָבן די רומענישע ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל בלוט, געשטעלט גרויסע האָפֿענונגען אויף די גרויסמאַכטן וואָס האָבן זיי צוגעזאָגט גלײַכהייט און גערעכטיקייט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין אַ נײַ קהילה־לעבן און זיך באַמיט גובֿר צו זײַן דעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן חורבן.

בראש פֿון דער קהילה איז געשטאַנען דער אויבן דערמאָנטער ר' שלום ראַפּאַפּאָרט, אַן אַקטיווער, מוטיקער מענטש און אַ בעל־השפּעה. ער האָט אָרגאַניזירט די קהילה, האָט געזאָרגט פֿאַרן חינוך

פֿון דער יוגנט, האָט געלייגט דעם יסוד פֿאַר אָער העברעיִשער שול, האָט אָרגאַניזירט די רעליגיעזע באַדערפֿענישן און האָט אויפֿגעשטעלט צדקה־אַנשטאַלטן.

צווישן די אַקטיווע מענטשן אין דער קהילה איז אויך כּדאַי צו דערמאָנען ר׳ שמעיה הכהן, וואָס איז נאָך געווען טעטיק אין דער תּקופֿה פֿון רומענישן פֿעאָדאַליזם. אָט דער ייִד פֿלעג פֿאָרן יעדעס יאָר קיין יאַס צו דעם פּרינץ מיכאַיִל גריגאָרי סטורדזאַ, וואָס צו אים האָט געהערט מיהיילען. ער פֿלעגט אָפּטראָגן די שטײַערן פֿון די ייִדן און מען פֿלעגט אים בכּבֿודיק אויפֿנעמען אין פּאַלאַץ. ער האָט דאָרט געהאַט אַ ספּעציעל צימער, ווו ער האָט געוווינט כּל־זמן ער איז געווען אין יאַס. איינער פֿון די מיהיילענער זקנים האָט מיר דערציילט וועגן אָט דעם ר׳ שמעיה, אַז ווען ער פֿלעגט זײַן בײַם פּרינץ אין יאַס, פֿלעגט ער אויפֿשטיין בײַ נאַכט און אָפּריכטן תּיקון־חצות. איין מאָל האָבן אים די שומרים געהערט וויינען און קלאָגן און זענען אַרײַן צו אים פֿרעגן וואָס דאָס באַטײַט. האָט זיי ר׳ שמעיה דערציילט וועגן חורבן בית־המקדש, צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, וועגן ייִדישן גלות און וועגן דער האָפֿענונג צוריקצוקערן צו דעם לאַנד פֿון די אָבֿות.

פֿון די קהילה־עסקנים געדענק איך אויך די נעמען פֿון ר׳ נתן ווערנער, יעקבֿ שווייצער, משה ראָטענבערג, יהושע חייקיס, מאיר אַרזשינטאַר, אַדאָלף העכט, יעקבֿ וואַגנער, לעאָן וועקסלער. אַ סך אַנדערע געדענק איך שוין ניט.

פֿון די צדקה־מוסדות אין שטעטל, געדענק איך די פֿרויען־אָרגאַניזאַציע פֿאַר קעגנזײַטיקער הילף, אָנגעפֿירט פֿון דער עסקנית טויבע שווייצער, אין איינעם מיט פֿרוי רחל שעכטער, מײַן מוטער, פּעסיע לײַוואַנדמאַן, בעלאַ ווערנער און דינה רייזל. די אָרגאַניזאַציע האָט אַקטיווירט אין פֿאַרשיידענע תּחומים: מעדיצינישע הילף פֿאַר קראַנקע, צדקה פֿאַר אָרעמע און חלוקת קמחא דפּסחא.

מיט דער הילף פֿון דזשוינט, האָט מען געעפֿנט אין שטעטל אַ קליינע קרעדיטבאַנק, וואָס האָט געגעבן הלוואות פֿאַר סוחרים און בעל־מלאכות צו אַנטוויקלען זייערע געשעפֿטן. מיט דער באַנק האָט אָנגעפֿירט מאיר וועקסלער.

נאָך דעם ווי ס'איז געגעבן געוואָרן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, איז געווען אַ גרויסע אויפֿלעבונג צווישן די ייִדן אין שטעטל; ציוניס־טישע קרײַזן האָבן זיך אָרגאַניזירט; ס'איז אויפֿגעקומען אַ סעקציע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער איבערגעגעבענער עסקנית שושנה ווערנער, וואָס איז שפּעטער עולה געווען און עטאַבלירט אַווירטשאַפֿט אין כּפֿר־חסידים. צווישן די אַקטיוויסטן אין יענער תּקופֿה (1920—1930), זענען געווען: ד"ר דוד גרינבערג מאָלדאָוואַן (וואָס האָט שפּעטער רעדאַקטירט אַ ציוניסטישע צײַטונג אין יאַס), פֿרידע און הילדע האַראָוויץ, יעקבֿ וואַגנער, יעקבֿ שווייצער, יהושע חײַקיס, אַדאָלף העכט, שלמה זוברבר, קאָפּל ריזל, לעאָן בערטיש, לעאָן בירמאַן, אסתּר גראָפּער (דעם דיכטערס שוועסטער), און יעקבֿ גראָפּער.

אין יאָר 1930 זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין מיהיילען צוויי חלוצישע יוגנט־גרופּעס — די באַוועגונג „תּורה ועבֿודה" און „הנוער הציוני", — וואָס האָבן צוגעגרייט זייערע מיטגלידער פֿאַר הכשרה און עליה. אויך די בעל־מלאכות האָבן געהאַט אַ ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע — „אהבת אחים" — וואָס האָט פֿונאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע אַקטיוויטעט אין שטעטל.

מען קאָן זאָגן אַז אַלע ייִדן פֿון מיהיילען האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע צוגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער אידעע, האָבן זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע אונטערנעמונגען און האָבן געגעבן געלט פֿאַרן נאַציאָנאַלן פֿאָנד.

מיהיילען האָט זוכה געווען צו אַ רבֿ אַ בעל שיעור־קומה און

אַ בעל יִחוס־אָבֿות, אַן אייניקל פֿון של״ה הקדוש; ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי איינער פֿון די גרעסטע רבנים אין רומעניע.

אונדזער רבֿ משה האָראָוויץ איז געווען אַ באַשיידענער מענטש און האָט בשלמות מקיים געווען דעם פּסוק: והצנע לכת עם ה׳ אלוקיך. אָבער אין ענינים פֿון הוראה און הלכה איז ער געווען משכמו ומעלה, געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט ביחידות. די גרעסטע רבנים אין לאַנד האָבן זיך צו אים געווענדט מיט שאלות אין הלכה־ענינים. אין זײַן מחיצה האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל אַז מיר אָטעמען אַ הימלישע לופֿט פֿון קדושה און דביקות. איך געדענק ווי שיין ס׳איז געווען דעם רבֿס געשטאַלט ווען ער פֿלעגט גיין ערבֿ שבת אין שול און צוריקקומען, באַגלייט פֿון דעם עולם.

אונדזער רבֿ האָט ניט עוסק געווען אין צרכי־ציבור, ער האָט ניט באַשטימט ווער ס׳זאָל זײַן ראש־הקהילה און ס׳איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען אַחוץ לימוד־תּורה. דאָס איז געווען זײַן יִיחוד און אין דעם איז געווען זײַן גרויסקייט.

נאָך דער פּטירה פֿון רבי משה האָראָוויץ, האָט מען אויסגעקליבן פֿאַר רבֿ דעם יונגן ר׳ מאיר מאַרילוס, און ער איז געווען רבֿ אַלע יאָרן ביז די ייִדן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע און ער בתוכם. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרטן, האָט מען אים אויסגעקליבן פֿאַר רבֿ אין דער שטאָט באַקוי, אויפֿן אָרט פֿונעם גאון בצלאל־זאבֿ שאַפֿראַן. דערנאָך איז ער געוואָרן רבֿ און מורה הוראה אין בוקאַרעשט, דער הויפּטשטאָט.

אויך די רביים, די אייניקלעך פֿון די גרויסע אַדמורים, פֿלעגן קומען צו גאַסט קיין מיהיילען. זיי האָבן געהאַט באַשטימטע שבתים ווען זיי פֿלעגן קומען אין שטעטל. שבת פּרשת לך־לך פֿלעגט קומען ר׳ יעקב מאָשקאָוויטש, דער שאָצער רבי, און ער פֿלעגט אײַנשטיין בײַ אונדז אין שטוב. אַן אַנדער שבת האָט געהערט צו ר׳ מאָטעלע טווערסקי, דער כאָטינער רבי, אַן אייניקל פֿון דעם טשערנאָבילער; ווײַטער פֿלעגן קומען ר׳ חיים ראַבינזאָן פֿון דאָראָהאָי, דער ראַדע־

וויצער רבי, דער רבי ר׳ שמואל יוזעפֿאָוו פֿון יעדענעץ און אַנדערע.

די גרעסטע פֿרייד פֿאַר די מיהיילענער ייִדן איז געווען ווען עס פֿלעגט קומען דער שטעפֿאַנעשטער רבי, דאָס אייניקל פֿון דעם רוזשינער צדיק. אַ גוואַלדיקער עולם פֿלעגט קומען פֿון דער גאַנצער געגנט אים באַגריסן און בעטן בײַ אים אַ ברכה.

די חסידישע אַטמאָספֿער וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַ דאַנק אָט די באַזוכן פֿון רביים האָט אַ סך דערנענטערט דעם עולם צו ייִדישקייט און צו קיום המיצוות שבתורה.

דעם טאַטנס שטוב

מײַן פֿאָטער, דבֿ־בער לײַוואַנדמאַן ז״ל, וואָס די ייִדן אין שטאָט האָבן אים גערופֿן בלשון חיבה „בעראַלע״, איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און אַ סך מעשׂים. ער האָט אַ סך געלייענט און געלערנט, פֿון אַ סך תּלמידי־חכמים. ער איז געבוירן געוואָרן אין מיהיילען, אָבער נאָך דער חתונה האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין יאַקאָבען, אַ קליין קוראָרט אין דער בוקאָווינע. דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, און מײַן ברודער משה ז״ל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן העב־ רעיִשע לערנביכער, און מײַן ברודער דער עילוי בנימין ז״ל, וואָס איז געווען רבֿ אין כאָטין, בעסאַראַביע, און איז דאָרטן אומגעקומען פֿון רוצחישע הענט.

קיין מיהיילען זענען מיר געקומען צום סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מײַן מוטער האָט זיך שווער אַקלימאַטיזירט אין שטעטל וואָס איז געווען אַזוי אַנדערש ווי יאַקאָבען, איר געבוירן־אָרט, ווו אַרום זענען געווען געדיכטע וועלדער, ווו די לאַנדשאַפֿט איז געווען אַזאַ פּראַכטיקע און דער קלימאַט אַזאַ אויסגעצייכנטער. אויך דער עקאָנאָמישער מצבֿ איז געווען דאָרט אַ סך בעסער ווי אין מיהיילען. אין יאַקאָבען האָט זיך געפֿילט די השפּעה פֿון עסטרײַכישער קולטור, די לערנשפּראַך איז געווען דײַטש, בעת אין מיהיילען האָט געהערשט די רומענישע שפּראַך.

אין מיהיילען האָבן מיר זיך געמוזט צוגעווינען צו אַ באַשיידן לעבן. אויך די דירה איז געווען אַן ענגערע. פֿון דעסטוועגן איז אונדזער שטוב געוואָרן אַן אַכסניה פֿון תּורה און אַ בית־ועד של תּלמידי־חכמים. אין די הייסע זומערנעכט און אין די קאַלטע ווינטערנעכט פֿלעגן זיך צונויפֿקומען ביי אונדז למדנים און עוסק זיין אין פֿאַרשיידענע סוגיות פֿון משנה, גמרא, אַגדה און הלכה. אַפֿילו די דברי־חולין האָבן גורם געווען צו התרוממות־הנפֿש.

דער טאַטע איז געווען אַ מענטש מיט אַ באַזונדערן טאַלאַנט און יעדעס וואָרט וואָס ער פֿלעגט אַרויסרעדן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט נגינה, ווייל דאָס לערנען איז ביי אונדז תּמיד געווען באַגלייט מיט אַ ניגון, סיי מ׳איז עוסק געווען אין דיני ממונות, סיי אין זרעים צי אין מועדים — אַלץ איז געווען נגינה. די גייסטיקע ירושה פֿון דורות האָט פֿאַרנומען אַ בכּבֿודיק אָרט אין מיין פֿאָטערס נשמה און אין דעם האָט ער געזען דעם סוד פֿאַרן קיום און דער אייביקייט פֿון אונדזער אומה.

צען יאָר איז דער טאַטע געווען רבֿ אין רבי לויס שול. ער פֿלעגט דאָרטן דאַווענען פֿאַרן עמוד, באַגלייט פֿון אַ כאָר און דאָס איז געווען אַן אמתע גייסטיקע דערהייבונג פֿאַרן עולם. שפּעטער איז ער אַריבער־געגאַנגען דאַווענען אין שול פֿון די וויזשניצער חסידים און אויך דאָרט זענען זיינע תּפֿילות געווען אַ טיפֿע איבערלעבונג פֿאַר די בעלי־בתּים.

מיין מאַמע האָט אַ סך ביי׳געטראָגן צו דער אַטמאָספֿער וואָס האָט געהערשט אין אונדזער שטוב, אַפֿילו ווען דער מאַטעריעלער מצבֿ איז ניט געווען אויף דער הייך. אין די שבתים און יום־טובֿים, ווען זי האָט דערלאַנגט כּיבוד די אָנצאָליקע אורחים, האָט איר פּנים געשטראַלט פֿון חסד. פֿאַר מיין מוטער פּאַסן זיך די ווערטער: ענן קשור על פּתח ביתן של האמהות בישראל ושנר היה דולק בביתן מערב שבת לערב שבת. איך וויל מוסיף זיין אַז די שבתדיקע קדושה איז קענטיק געווען אין אונדזער שטוב אַפֿילו אין די איבעריקע טעג פֿון דער וואָך.

ווען איך דערמאָן זיך אין אָט דער אַטמאָספֿער בײַ אונדז אין שטוב, קומען מיר אויפֿן געדאַנק די ווערטער פֿון נעים זמירות ישׂראל: אשר בנינו כנטיעים הגדולים בנעוריהם, בנותינו כזוויות מחוטבות תבינת היכל אשרי העם שככה לו.

מיר זענען געווען זעקס קינדער אין שטוב — פֿיר זין און צוויי טעכטער; אַ טייל פֿון זיי האָבן מקיים געווען דעם פּסוק „הוא גולה למקום תורה" און אַ טייל האָבן געלערנט אויפֿן אָרט.

איך וויל פֿאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ חסידישער מעשׂה וואָס איך האָב זי געהערט פֿון אונדזער ידיד־בית ר׳ צבֿי גערטנער:

דאָס דאָרף קישילעוויץ אין אוקראַיִנע איז באַקאַנט געווען אין דער חסידישער וועלט צוליב דעם וואָס דאָרט האָט געלעבט דער בעל־שם־טובֿ און איז דאָרט געווען שוחט איידער ער איז נתגלה געוואָרן. שפּעטער מיט יאָרן איז געקומען אין יענעם דאָרף אַן אַלטער חסיד כּדי צו זוכן אַ ייִד וואָס האָט נאָך געקענט דעם בעל־שם־טובֿ. האָט מען אים געזאָגט אַז קיין ייִד וואָס האָט געקענט דעם בעל־שם איז ניטאָ, אָבער ס׳איז פֿאַראַן אַ גוי וואָס האָט אים נאָך פֿאַרכאַפּט. דער ייִד האָט אָפּגעזוכט דעם גוי און האָט זיך אײַנקוואַרטירט נאָענט צו זײַן שטוב, כּדי ער זאָל פֿון אים קענען אַרויסבאַקומען עפּעס וועגן בעש"ט. דער חסיד איז אויך געווען אַ שוחט און בעת ער פֿלעגט שאַרפֿן די חלפֿים איז דער גוי געשטאַנען און זיך אײַנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער ייִד האָט ניט געוווּסט צי טוט ער עס מחמת זיקנה, צי מחמת אַן אַנדער טעם. האָט ער אים איין מאָל געפֿרעגט: פֿאַר וואָס שאָקלסטו מיטן קאָפּ בעת איך אַרבעט? האָט יענער געענטפֿערט: דו טוסט ניט דײַן אַרבעט ווי עס דאַרף צו זײַן. ישׂראלקע (דער בעש"ט), ווען ער פֿלעגט שאַרפֿן די חלפֿים, פֿלעגט ער באַנעצן דעם שטיין מיט טרערן, ניט מיט וואַסער...

מיהיילען האָט אויך פֿאַרזוכט פֿון די היטלעריסטישע גרוילן. דעם 21סטן יוני 1941 האָט מען געהייסן אַלע ייִדן פֿאַרלאָזן די שטאָט

אין משך פֿון אַ האַלבער שעה. דאָס רובֿ זענען געגאַנגען צו פֿוס 30 קילאָמעטער קיין בוטשעטשעאַ און פֿון דאָרט ווײַטער ביז קיין דאָראָהאָי. צווישן 8טן און 21סטן נאָוועמבער האָט מען זיי אַלע אַריבערגעפֿירט אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען, דורך אַטאַקי, קיין מאָגי־לאָוו, טראַנסניסטריע.

ווײַגן די יסורים וואָס די פֿאַרטריבענע זענען אויסגעשטאַנען, ווערט דערציילט אין די אומקום־ביכער. נאָך דער מלחמה האָבן די געראַטעוועטע זיך צוריקגעקערט קיין רומעניע און דער גרעסטער טייל איז עולה געווען קיין ישׂראל.

די מיהיילענער ייִדן האָבן איבערגעלאָזט אַ סך קרבנות אויף דער פֿאַרשאָלטענער אוקראַיִנישער ערד. צווישן זיי געפֿינט זיך אויך מײַן פֿאָטער ז״ל, וואָס זײַן קבֿר איז געגראָבן געוואָרן אין מאָגילאָוו, י״ג אדר ב׳ תש״ג — 1943. אים הייליק איך אָט די שורות, אין אָנדענק פֿון מײַן יוגנט־שטעטל מיהיילען.

שלמה לייבאָוויטש

אַזוי געדענק איך אים

ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט גראָפּערן — געדענק איך ניט, און ניט דווקא צוליבן נעפּל פון די פאַרגאַנגענע יאָרן — ווײַל וואָס באַטײַט אַ דור צווישן מיר און דיר, לייענער? — נאָר בעיקר צוליב דער אינטימקייט וואָס האָט זיך תּיכּף געשאַפן צווישן דעם באַוווסטן דיכטער און דעם ייִנגסטן פון די יונגע, אין וועמענס געזעלשאַפט ער איז געקומען מיט אַזאַ אָפּענער הנאה.

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק די ערשטע שורות פון ליד „די שול״, פון זײַן בן־עיר לעאָן בערטיש, האָט גראָפּער אײַנגעבויגן דעם קאָפּ איבערן שטעקן וואָס ער פלעגט אים האַלטן צווישן זײַנע פיס אַפילו ווען ער איז געזעסן צווישן מענטשן, און ווי גלײַך ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין האָט ער אָנגעהויבן צו וועבן דעם זכרונות־פאָדעם וואָס האָט אונדז תּמיד פאַרכאַפּט, אַפילו ער פלעגט דאָס דערציילטע איבערחזרן אָן אַ שיעור.

גראָפּער דער אינטעלעקטואַל, דער בקי אויף די סטעשקעס פון אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, דער לינקער ציוניסט — האָט געהאַט טיפע וואָרצלען אין ייִדישקייט, און דער בית־המדרש איז געווען זײַן היים. דאָרט האָט ער אָנגעטאַפּט דעם דפק פונעם ייִדישן לעבן פון זײַנע ברידער, פון וועלכע ער האָט זיך אינספּירירט און פאַר וועלכע ער האָט געשריבן.

איך ווייס ניט צי ער פלעגט קומען אין שול אַרײַן צוליבן דאַווענען, צי צוליבן ייִדישן ניגון וואָס האָט געניגונט אין זײַן האַרץ און ער האָט געזוכט פאַר אים די פאַסיקע ראַם. אָבער אָן שום ספק האָט ער ליב

געהאַט אַ גוטן חזן און ער פֿלעגט זיך אַפֿילו אָוועקלאָזן אין מרחקים צו הערן אַ גוטן חזן. ער האָט שטאַרק ניט געהאַט קיין הנאה פֿון חזנים וואָס האָבן אָנגעטאָן די קדמונישע ווערטער אין אָפּערע־קלאַנגען. גראַפּער האָט ליב געהאַט אַ בעל־תּפֿילה פֿונעם אַלטן שניט, וואָס איז געבליבן געטריי דעם „נוסח", אָדער וואָס האָט לפּחות זיך געהאַלטן אין תּחום פֿון „נוסח". ניט איין מאָל האָב איך געזען זיין בפֿירושע הנאה, ווען ער האָט געהערט די תּפֿילות פֿון ר' אַהרן ז"ל, דער שטענדיקער בעל־תּפֿילה פֿון בוהושער קלויז.

ר' יעקבֿ גראַפּער איז געווען אַ מקורבֿ פֿונעם אַדמו"ר ר' יצחק פֿרידמאַן פֿון בוהוש. בײַם רבינס טיש איז ער ניט געזעסן צווישן די ערשטע; ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים. מיטן קאָפּ אײַנגעבויגן אין אַ זײַט, האָט ער כּאילו געדרימלט אין זײַן ווינקל, אָבער ווען ער פֿלעג אַ קוק טאָן אַרום זיך, האָט מען ניט געקענט וויסן צי קוקט ער מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק, צי איז עס נאָר אַ שמייכל און אַ רמז אויף עפּעס וואָס ער האָט ניט געוואָלט מפֿרש זײַן. אין רביס שטוב האָט ער אָבער געפֿונען אַ מקום־מקלט פֿאַר זײַן עלנט. די רביצין שתח' האָט תּמיד דערנענטערט אויסערגעוויינטלעכע מענטשן מיט איר איידעלער באַנעמונג, און גראַפּער איז פֿאַררעכנט געווען ווי אַ בן־בית. דאָרט האָב איך אים כּמעט תּמיד באַגעגנט, ווי גלײַך ער איז קיין מאָל ניט אָוועקגעגאַנגען, זיך געקוויקט מיטן ריח־ניחוח פֿונעם רבינס תּורה, מיטן ניגון און, בעיקר מיט דער אַגדה. ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשׂיות, האָט ער צוגעטראָגן זײַן חלק, אויף זײַן באַזונדערן אופֿן. בײַ גראַפּערן האָבן די מעשׂיות ניט געהאַט קיין אָנהייב, ער האָט ווי ממשיך געווען דאָרט ווו ער האָט איבערגעריסן. קיין סוף האָבן זיי אויך ניט געהאַט. ווי זײַן שטייגער איז געווען, האָט ער גערעדט שטיל, נאָר דאָ און דאָרט, ווו ס'האָט זיך געפֿאָדערט, האָט ער איבערגעחזרט אַ זאַץ, אָדער אַ פּאָר ווערטער, מיט אַ ביסל אַ שטאַרקער קול; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צום פֿריִערדיקן טאָן, וואָס האָט געקאָנט קלינגען מאָנאָטאָן פֿאַר אַ פֿרעמד אויער,

ווי אַ שעפּטשען וואָס האָט זיך פֿאַרלוירן אין חלל. איך ווייס ניט וואָס פֿאַר אַ מאַגנעטישער כּוח האָט אונדז, בדרך־כּלל ברוויזנדיקע און ליאַרמענדיקע יונגע־לײַט, צוגעצויגן אים צו האָרכן, ניט צו פֿאַרלירן אַ קלאַנג, אָבער דער אמת איז, אַז מיר זענען תּמיד אַרויס באַרײַכערט פֿון אָט דער האָרכעניש.

מיט דער צײַט האָבן מיר זיך זייער דערנענטערט, ניט דעמאָנסטראַטיוו, נאָר דורך אַ גוט געפֿיל צו זײַן אין איינעם, און ווען ער איז עולה געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס געפֿיל איז אַ קעגנזײַטיקס.

אַזוי אַרום האָב איך זוכה געווען צו זײַן אַ מין סאָלאָ־פּובליקום וואָס פֿאַר אים האָט ער דעקלאַמירט זײַנס אַ ליד געשריבן, אָדער בעסער געזאָגט אויסגעהאַקט פֿון זײַנע האַרץ־טיפֿענישן, אַלץ זעלטענער און זעלטענער. און גראַפּערס ליד, פּונקט ווי די מעשׂיות וואָס ער פֿלעגט דערציילן, האָט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרענדיקט. נאָר ווער עס קענט זײַנע כּתבֿ־ידן, אָנגעפּיקעוועטע מיט תּיקונים און וואַריאַנטן, קען זיך דערנענטערן צו דעם באַגריף פֿון עבֿודת־הקודש פֿון אַ ייִדישן דיכטער אין דער צײַט נאָכן אומקום.

די זכרונות קומען זיך צונויף און ראַנגלען זיך כּאילו פֿאַר דער בכורה; כּדי אָפּצוהיטן דעם שלום־בית צווישן זיי, וועל איך ניט דערמאָנען קיין וויכּוחים — וויכּוחים זענען געווען — און איך וועל פֿאַרענדיקן דערמאָנענדיק די פּרײַטיק־צו־נאַכטסן פֿון אַ חבֿרתא רעליגיעזע יונגע־לײַט, וואָס האָבן זוכה געווען צו האָבן אַ שטענדיקן אורח — דעם באמת ייִנגסטן פֿון צווישן אונדז, דעם דיכטער יעקבֿ גראַפּער...

פֿון העברעיִש: אַ. שפּיגלבלאַט

דבֿ סדן

צווישן אוניקום און קוריאָז

א

ווען איך וואָלט באַדאַרפֿט צו געבן אַ קורצע דעפֿיניציע פֿון יעקבֿ גראָפּער, דעם פּאַרשוין און זײַן אויפֿטו, וואָלט איך מיך, קודם כל, פֿאַררופֿן אויף הללס קלוגן זאָג: אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו, טײַטש: זאָלסט נישט משפּטן דײַן חבֿר, איידער דו דערשלאָגסט זיך צו זײַן פּלאַץ; און נאָך דעם ווי איך וואָלט דערגרייכט זײַן שטאַנד, און געפּרוווט זיך אין אים סוביעקטיוו אײַנלעבן און אים אָביעקטיוו אַנאַליזירן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער חבֿר מײַנער איז, אין זײַן אָרט, געווען אַן אוניקום, וואָס האָט זיך געוווערט צו ווערן אַ קוריאָז, און האָט זיך פֿון ביידע נישט אויסגעהיט. ער איז געווען אַן אוניקום — דאָס חזרן איבער אַלע זײַנע אָפּשאַצערס, אויפֿן סמך פֿונעם פּשוטן ביאָגראַפֿישן פֿאַקט, אַז ער איז געווען דער ערשטער און איינציקער מאָדערנער יידישער פּאָעט אין אַלט־רומעניע פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דאָס אין אַ סבֿיבֿה, ווו די יידישע אינטעליגענציע האָט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט דער לעבע־דיקער יידישער ליטעראַטור, און אויב זי האָט פֿון איר עפּעס דער־שמעקט, איז עס מכּלי שני, אין רומענישע איבערזעץ־ווערסיעס, און האָט אויך געהאַלטן אין איין פֿאַרלירן דעם צובונד צו דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך, און האָט זי נאָך פֿאַרשטאַנען בעל־פּה, אָבער שוין נישט בכּתבֿ ובדרוק, כאָטש די מאָלדאָווער שטעט און שטעטלעך האָבן פֿאַרמאָגט אַ יאָדערדיקן און זאַפֿטיקן יידיש, וואָס איז גרונטיק געווען אָפּגעהיטענער, ווי אין אַנדערע יישובֿים.

פֿאַר דער דאָזיקער אינטעליגענציע, בעיקר די טיילן וואָס זענען געווען, סײַ נאָסטאַלגיש, סײַ פּראָגראַמאַטיש, ייִדיש־נאַציאָנאַל געשטימט, איז דאָס אוניקום יעקבֿ גראָפּער געווען דאָס גרויסע געווינס. — זײַנע לידער, איבערגעדרוקט, אָדער איבערגעשריבן מיט לאַטײַנישע אותיות, האָבן דאָס זיי פֿאַרהאָלפֿן אײַנצושטילן אָדער אײַנצושלעפֿערן דעם ווידערשטאַנד צווישן גוטן און בייזן געוויסן; זיי זענען דאָס געווען, דאָס ברעקל ייִדישער שבת אין דער גרויסער דייַטשע פֿון זייערע שפּראַכלעך פֿאַרגוייִשטע ששת ימי המעשׂה, און אַזוי האָט מען די לידער געלייענט און גענוגען, מעמאָרירט און דעקלאַמירט, און אַזוי זענען זיי געוואָרן דאָס שײַנדל פֿון כלערליי אַקטן און אַנטראַקטן.

ב

אָבער ער, יעקבֿ גראָפּער גופֿא, האָט זיך געווערט צו ווערן אַ קוריאָז — ווי ווײַט דאָס מענטשלעכע־אַלצומענטשלעכע, וואָס חנפֿעט אונדז אַלע אונטער, זאָל אים נישט געווען ליב און ניחא־מאַכן דעם אויסנעמלעכן מעמד פֿון אַ פֿאַרהעטשלטן בן־יחיד, וואָס אַ גרויסער ציבור איז מיט זײַן געטרײַשאַפֿט מכבד זייער אייגענעם פֿאַרראַט, האָט ער געוואָלט גאָר עפּעס אַנדערש. איז ער דאָך פֿון קינדווײַז אויף נאָכגעגאַנגען פּוסטריט דער לעבעדיקער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, האָט ער זיך דאָך, אַ יונג בחורל, צוגעהערט צו די וויכּוחים פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ און האָט זיך דאָרט אײַנגעקוקט, פּנים אל פּנים, אין די געשטאַלטן פֿון אַ בירנבוים, פּרץ, זשיטלאָווסקי, אַש, נאָמבערג און האָט, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, דורך הרבֿ ד״ר יעקבֿ נאַכט, זײַנע לידער געשיקט צו ביאַליקן קיין אָדעס און געקריגן פֿון אים אַ קאָנסעס, אַז די לידער זײַנע „מעידים בכותבם שהוא בעל כשרון גדול ואוריגינאלי; ילך בכוחו״, טײַטש: זיי זאָגן עדות אויפֿן שרײַבער זייערן, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ גרויסן, אָריגינעלן טאַלאַנט; זאָל ער שפּאַנען מיט דעם כּוח זײַנעם; און וואָס,

אַ יאָר שפּעטער, האָט ער טאַקע גענומען דרוקן זײַנע ערשטלינגען ברשות הרבים, אין ווילנע — אין שמואל ניגערס „יידישע וועלט" — און אין לעמבעריק. הייסט עס, אַז ער האָט זיך געפֿילט ווי אַ פּונקט אויף דער גרויסער יידישער קולטור־מאַפּע, אַ מאַש אין דער קייט פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועלכע די סבֿיבֿה אַרום אים האָט נישט געוווּסט און ממילא פֿאַר איר געהאַט אַ גאָר קנאַפּע פֿאַרשטאַנדעניש.

אין דעם זינען מעג מען אפֿשר אויסטײַטשן די עובֿדא, אַז כאָטש ער האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגעבן זײַנס אַ בוך, האָט ער אויפֿן שוועל פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט אַ גרופּע נאָענטע — מאָטי ראַבינאָוויטש, פֿראַיקע וואַלדמאַן, ראובֿן זעליקאָוויטש — (דאָס איז דער מאָלער ראובֿן רובין) — און יעקבֿ באָטאָשאַנסקי, געפּרוּווט שאַפֿן אַן אָרגאַן פֿאַר דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין אַלט־רומעניע, און די פֿאַר העפֿטלעך „ליכט" און די ערנצטע און הומאָ־ריסטישע אַנעקסן צו זיי, זענען אַן עדות, נישט בלויז דערצו, ווי ווײַט דער אוניקום פֿון אַ מאָלדאָווער מאָדערנעם יידיש־דיכטער האָט געוואָלט אַרויס פֿון זײַן בן־יחידישקייט, און ווי ווײַט דער קוריאָז פֿון אַ מאָלדאָווער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור האָט געוואָלט אַרויס פֿון זײַן אויסטערלישקייט, נאָר אויך דערצו, ווי ווײַט די דאָזיקע יידיש־פּראָווינציע האָט געפּרוּווט זיין לפּחות אַ קליינער געבער, איידער זי איז ראַפּטאָם געוואָרן אַ גרויסער נעמער, ווי עס איז געשען מיטן פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן אויסברייט פֿון רומעניע, ווען עס זענען צו איר צוגעקומען די שכנישע פּראָווינציעס, מיט זייערע מאַסן יידן און יידיש שאַפֿערישע כּוחות.

אַוודאי דאַרף מען זיך אין אָפּשאַץ פֿון די מאָגערע העפֿטלעך „ליכט" היטן פֿאַר אַ גוזמא־לרובא, אַן איבערשאַץ, און זיי נישט אײַנרעדן, וואָס אַ שפּעטער באַמבאַסטישע קאָנסטרוקציע האָט זיי געפּרוּווט אײַנרעדן; אָבער מען דאַרף זיך אויך היטן פֿאַר אַ גוזמא־למיעוטא, פֿאַר אַן אונטערשאַץ, וואָס אַ נאָך שפּעטערע ביטולדיקע

רעוויזיע פֿון דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע פּרוווט זיי אויסרעדן. אַוודאי שפּירט זיך דאָ אַ וואַקל צווישן נאָך און שוין, צווישן דעם חשש אַז בעצם איז עס אַן אָנשטרענג צו דערהאַלטן אַ נעכטן, כּדי די אָרעמע און אײַנגעשרומפּענע ייִדיש־ווירקלעכקייט פֿון דער אינטע־ליגענציע זאָל נישט אָרעמער און אײַנגעשרומפּענער ווערן, און צווישן דעם גלויבן, אַז עס גייט דאָ אין אַן אויפֿשוווּנג צו דערקעמפֿן אַ מאָרגן, כּדי דער אָנהייב פֿון אַ פֿרישער און צעפּליגלטער ייִדיש־מעגלעכקייט זאָל אַלץ פֿרישער און צעפּליגלטער ווערן, און דאָס ווי אַ באַוווסט־אָרגאַנישער טייל פֿון דער ייִדישער כּלל־ליטעראַטור.

די קשיא, צי האָט אים, גראָפּערן, דער „ליכט"־אויפֿטו און די אַטמאָספֿער אַרום אים, וואָס האָט געהאַט בפֿירוש סימנים פֿון אַ שטיק באַוועגונג, באַפֿרײַט פֿון זײַן ״אַליינקייט, לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט פֿאַרענטפֿערן. זי האָט עס באַדאַרפֿט צו טאָן, אָבער די אַליינקייט איז ווי צוגעוואַקסן צו אים, און איז געווען זײַן שטאַרקע און זײַן שוואַכע נאָטע.

ג

די אַליינקייט איז געווען זײַן שטאַרקע נאָטע — אין אַ סבֿיבֿה, וואָס האָט אים, דעם אויפֿגעוועקטן אינטעלעקטואַל און פֿײַנעם ערודיט, וועלכער איז געווען אַ בן־בית אין עטלעכע ליטעראַטורן, ממש פֿאַרבעטן צו זײַן אַ רומענישער דיכטער — ווי עס זענען געוואָרן אַ סך היימישע, רעגאַטער בעלי־טאַלאַנט, אָדער אַ דײַטשישער דיכטער — ווי עס זענען געוואָרן נישט ווייניק שכנישע, בוקאָווינער בעלי־טאַלאַנט. האָט ער גיך אַוועקגעוואָרפֿן זײַנע רומענישע און דײַטשישע אָנהויבן און זיך, אַ יחיד ובֿודד, פֿאַראַנקערט אין ייִדיש און האָט מיט אַ מאָל אַ שטויס אַרויף געטאָן דאָס ייִדישע וואָרט, גאָרנס העכער פֿונעם איכות און ניוואָ אין דער מאָלדאָווער ייִדיש־פּרעסע. און איך בין מודה, אַז איך שטיי נישט אַזוי לײַכט צו צום קאָנצערט פֿונעם כּלל־ביטול לגבי דער דאָזיקער פּרעסע, וואָס וואַרט נאָך אויף איר

היסטאָריקער. געגוג אַ קוק דערלאַנגגען אין ש״ס־ראָמאַנס ביבליאָ־גראַפישן רײַסטער און נאָך מער אין נתן מאַרקס רײַכער און פּרטימ־דיקער בביליאָגראַפיע, כּדי צו זען, אַז דער ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט נאָך דאָ אַ סך צו זאָגן, כאָטש (אָדער: דווקא ווײַל) דעם ליטע־ראַטור־קריטיקער דוכט זיך, אַז ער האָט שוין, מיט זײַנע פּאָר מפּונק־דיקע חוזק־באַמערקן, אַלץ געטאָן. דער ליטעראַטור־קריטיקער, בפּרט ווען זײַנע אַקטועלע טענדענצן שפּאַרן זיך נישט אָן אויף היסטאָרישע פֿאַרשטאַנדענישן איז זיכער, אַז דער טעם פֿון זײַן דור אָדער זײַן שול און גרופּע, דער כאַראַקטער און די מדרגה פֿון זייער שפּראַך זענען אַבסאָלוט, און זענען מחייבֿ וואָס איז געווען און וועט זײַן. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער איז נישט אַזוי זיכער אין דער דאָזיקער זיכערקייט. אָבער דווקא ווײַל איך האַלט נישט, אַז מען מעג די מאַלדאָוועו ייִדיש־פּרעסע אַזוי כּלאַחר־יד מבֿטל־מאַכן, ווי עס האָבן עס געטאָן כּמה בעלי קריטיקן און בעלי מעמוּאַרן, ווייס איך אפּשר גיכער פֿון זיי, ווי ווײַט גראָפּערס שטויס־אַרויף האָט געפֿאָדערט יכולת כּדי גובֿר צו זײַן דעם משׂכּילישן באַהאַנדל פֿון ייִדיש און כּדי, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפֿן פּרימיטיוו פֿון עמך־לשון אין מיהיילען און יאַס, זיך אָריענטירן לויטן ייִדיש־ליטעראַרישן ראָפּינמאַן פֿון דעמאָלטיקן אָדעס, וואַרשע, ווילנע און צו דערקלערן, מיט אייגענע כּוחות, צו אַ מדרגה, וואָס פֿאָדערט אַ מסורה און געניטקייט פֿון עטלעכע דורות. דען אַפּילו מיר זאָלן זיך אָנשליסן צו דער כּמעט באַנאַל־איבערגעחזרטער סבֿרה, אַז גראָפּער געהער מענטאַל, טעמאַ־טיש און קינסטלעריש צום נוסח און ניוואָ פֿון רײַזענס און אײַנהאָרנס ליריק, און נעמען אין באַטראַכט, אַז זײַן איינציק ביכל לידער „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״ איז ערשט אַרויס ווען ער איז אַלט געווען עטלעכע און פֿערציק יאָר (1934), ווען נישט בלויז ווײַט — אין פּוילן, סאָוויעט־רוסלאַנד, אַמעריקע — נאָר אויך נאָענט — אין גרויס־רומעניע — האָט עס געשוויבלט מיט אַ פּילפּנימדיקער, רײַכער, דרייסטער ליריק, פֿרעגן מיר זיך, ווי אַזוי איז עס געשען, אַז גראָפּערס עצם־באַפֿרײַ

פֿון זײַן איזאָלירטקייט, דער צוזאַמענבונד מיט אַ גרויסער קאָליריקער שעפֿערישער סבֿיבֿה, האָט אים נישט אָנגעפֿילט מיט נײַעם מוט און אימפּעט, און נישט אָנגערעגט צו אַ ווײַטערן, באַנײַטן שאַפֿן אין איינעם פֿון די צוויי מעגלעכסטע אופֿנים — איין אופֿן, וואָס וואָלט אים געלאָזט זיך אַרײַנדערוועגן אין דער וועלט און אַטמאָספֿער פֿון נײַעם דור און זיך מיט זיי פֿאַרמעסטן, ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, געזען אין דער ייִדישער דיכטונג בײַ יהואש; דער אַנדערער אופֿן, וואָס וואָלט אים געלאָזט פֿאַרפֿעסטיקן זײַן אייגענעם ביז איצטיקן גאַנג און אים דערהאַלטן אין זײַן קלאַסישער געשפּאַנטקייט ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, געזען אין דער העברעיִשער דיכטונג בײַ יעקבֿ שטיינבערג. גראָפּער איז נישט געגאַנגען — נישט אויף דעם איינעם און נישט אויף דעם אַנדערן דרך; ער האָט זײַן שירה שבכּתבֿ געמאַכט פֿאַר אַ גאָר זעלטענעם אורח, און האָט פֿאַרשטאַרקט זײַן תּורה־שבעל־פּה. און פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף וויפֿל דער באַלערנדיקער מסביר און בליציקער שמועסער זאָל נישט געווען מהנה זײַן ברשות הרבים און ברשות היחיד, האָט די באַרעדעוודיקע שיחת־חולין נישט געקאָנט פֿאַרבײַטן די שווײַגנדיקע שירת־קודש.

ד

די אַליינקייט איז געוואָרן זײַן שוואַכע נאָטע — זי האָט אים ווי צוריקגעטריבן אין די טעג פֿון אוניקום און קוריאָז, כאָטש זיי זענען אָביעקטיוו שוין לאַנג נישט געווען באַרעכטיקט. דער כּבֿוד צו אים און אַרום אים איז געווען אַ גרויסער; פֿאַרערער האָבן אים, דעם הויכן כמעט מאַיעסטעטישן מאַן, טיטולירט: מאַעסטראָ, אָבער עס איז געווען יענע שלאַ־מדעת־אַפּטויטנדיקע פּיעטעט, וואָס דער עלעמענט פֿון סימפּאַטיע אין איר איז די ליבשאַפֿט צום נעכטן, וואָס האָט געוואָלט דעם הײַנט, האָט אים אָבער שאַפֿעריש נישט געקאָנט מיטמאַכן.

ווען שלמה ביקל, וואָס האָט די גרעסטע פֿאַרדינסטן אַרום אָפּשאַץ פֿון גראָפּערס פּאַרשוין און ווערק — די מאמרים זײַנע זענען ווי אַ

ניגון, וואָס חזרט זיך איבער אין כּלערליי וואַריאַציעס — האָט זיך איבער אים צום ערשטן אָפּגעשטעלט, און דאָס אין זײַן ערשטן בוך „אינזיך און אַרום זיך", האָט ער אָנגעוויזן אויף גראָפּערס השפּעה, זאָגנדיק, אַז אָן יעקבֿ גראָפּער וואָלט נישט געווען קיין איציק מאַנגער. דער זאָג, וואָס האָט בעצם געוואָלט זיין אַ שבֿח, מיינט דאָך, אַז די עיקר חשיבֿות פֿון גראָפּער איז נישט אַזוי אין אים אַליין, ווי אין דעם, וואָס ער האָט צוגעגרייט, אים כּבֿיכול מבֿשׂר געווען; און עס איז שווער צו זאָגן, אַז עס געהער צו די לײַכטסטע זאַכן, אַזאַ קאָמפּלימענט אַראָפּצושלינגען. בפֿרט נאָך, אַז שלמה ביקל האָט זיך שפּעטער פֿון דער דאָזיקער סבֿרה אָפּגעטרייסלט, אָנווײַזנדיק, און מיט רעכט, אַז מאַנגער גייט פֿון ערגעץ־אַנדערש און פֿון עמעץ־אַנדערש.

ה

אין דעם טראַגישן מעמד האָט זיך גראָפּער אַרײַנגעלאָזט אין דער מעדיטאַציע; וואָס וואָלט געשען, ווען דער פּאָליטישער גורל פֿון רומעניע, און ממילא פֿון מאָלדאָווע, וואָלט געווען אַן אַנדערער — אַ מעדיטאַציע, וואָס האָט זיך אים צוגעשפּיצט צו אַ טעאָריע וועגן די דורותדיקע אינוואַזיעס פֿון רבנים, למדנים, משׂכּילים, שרײַבער, לע־רער, וואָס זענען געקומען פֿון אַנדערע פּראָווינצן, און האָבן מאָלדאָווע און וואַלאַכיע נישט צוגעלאָזט קריגן איר אייגענעם פּרצוף. און ער האָט בעיקר אונטערגעשטראָכן די לעצטע אינוואַזיע, פֿון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וואָס האָט פֿאַרפּלייצט און אָפּגעהאַקט די מאָלדאָווער אייגענע מאָדערנע אָנהויבן. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ טעאָריע, וואָס האָט נישט קיין האַפּט, און דאָס מחמת, לפּחות דרײַ טעמים;

ערשטנס, געהער עס צו די אינטעגראַלסטע אינטערעסן פֿון אַ יידישן יישובֿ זיך צו געפֿינען אין אַ וואָס גרעסערן קאָמפּאַקטן יידישן קאָמפּלעקס, און דערפֿאַר האָבן ר' עקיבֿא אייגער און שפּעטער ר' דבֿ־בער מייזלש געשטיצט די פּוילישע אויפֿשטאַנדן, פּונקט ווי דער בעל־התּניא האָט געשטיצט רוסלאַנדס עקספּאַנסיע. צווייטנס, נעמט

צו דעם עמיסאַר פֿון אַ קולטורעל־רײַכער ייִדישער פּראָווינץ צו אַ קולטורעל־אָרעמער ייִדישער פּראָווינץ, אָנגעהויבן נאָכן בית שני, דורך אַלע גלותן, פֿון מיטל־עלטער ביז הײַנט, און איר נעמט צו נישט בלויז איינעם פֿון די סודות פֿון אונדזער געשיכטע און קולטור, נאָר אויך דעם באַשייד פֿונעם רעטעניש, ווי אַרום ייִדן האָבן באַוויזן צו דערהאַלטן אַ מיטלמאָסיקן קולטור־צושטאַנד פֿון גאַנצן פֿאָלק אָדער, לפּחות, פֿון זײַן צענטראַלן רובֿ. דריטנס, פּונקט ווי עס האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער געבער איז געבליבן גרעסער פֿונעם נעמער, און אַזוי שטייט עס מיט מאָלדאָווע, אויב נישט אין דער הלכה־ליטעראַטור, ווו זי האָט פֿאַרמאָגט אירע אייגענע גדולים, טאָ אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, אַזוי האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער נעמער איז געוואָרן גרעסער פֿונעם געבער, אַ שטייגער — די בראָדער און טאַרנאָפּאָלער משׂכּילים, וואָס האָבן געמאַכט אַן אינוואַזיע אין וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַיִנע, וואָס זענען זיי שוין לגבי די כּוחות, וואָס זיי האָבן דאָרטן אויפֿגעוועקט, און בעיקר לגבי זייערע גענעטישע יורשים, ווי די חכמי זשיטאָמיר, לאָ כּל שכּן זייערע דיאַלעקטישע יורשים, ווי די חכמי אָדעס.

יאָ, אונדזערע חכמים, ציטירנדיק דעם פּסוק אין שיר־השירים: „אחות לנו קטנה ושדיים אין לה, מה נעשה לאחותנו ביום שידובר בה״, טײַטש: אַ קליין שוועסטערל האָבן מיר און קיין בריסטן האָט זי נישט, וואָס וועלן מיר טאָן אונדזער שוועסטער ווען זי וועט שטיין אין שידוכים, און זיי זאָגן: זו עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד, טײַטש: דאָס איז בבֿל וואָס האָט זוכה געווען צו לערנען פֿון אַנדערע, אָבער נישט זוכה געווען צו לערנען אַנדערע. און ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די גרויסע נעמערין איז געוואָרן אַ נאָך גרעסערע געבערין, וואָס שפּײַזט אונדז ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג.

ו

אָבער כאָטש יעקבֿ גראָפּער, וואָס איז געווען אויסגעבונדן אין ייִדישער געשיכטע, האָט געוווסט ווי עס האַלט, און מוז האַלטן מיט

דער טעאָריע זײַנער און מסתּמא האָט ער זי, אין שעהען פֿון גבֿורת־הדעת, אָפּגעוואָרפֿן (עס איז דאָך געווען געבוג, ער זאָל אַ קלער טאָן וועגן דעם מסופּקדיקן אַריכות ימים פֿון זײַן אייגענער מאָלדאָווישקייט — פֿון טאַטנס צד אַן אייניקל פֿון אַן אונגערישן באַרימטן משכּילישן רבֿ, פֿון דער מאַמעס צד אַ קרובֿ פֿון אַ גאַליצישן באַרימטן חסידישן רבין), אָבער אין שעהען פֿון חולשת־הדעת האָט ער זיך אין דער טעאָריע זײַנער אָנגעכאַפּט.

אָבער מיר דאַרפֿן זײַן זייער געוואָרנט פֿון צו מאַכן אַ פֿאַרגלײַך צווישן יעקבֿ גראָפּערס טעאָריע וועגן דער בעסאַראַבער און בוקאָ־ווינער אינוואַזיע קיין אַלט־רומעניע און צווישן א. מ. ווײַסנבערגס טעאָריע וועגן דער ליטוואַצקער אינוואַזיע קיין קאָנגרעס־פּוילן — ווײַסנבערג האָט זײַן טעאָריע פֿאַרשאָטנט אין אַן ענגהאַרציקער קראַמפּיק־פֿאַנאַטישער שׂינאה, גראָפּער האָט זײַן טעאָריע אויסגע־ליכטיקט אין אַ ברייטהאַרציקער טאָלעראַנט־רעזיגנירטער ליבשאַפֿט, ווי עס ווערט געבראַכט וועגן כּבֿיכול, אַז ער שמייכלט אַזוי צו זאָגן: נצחוני בני, טײַטש: מײַנע קינדער האָבן מיך באַוועלטיקט.

בעצם איז דאָך די טעאָריע בלויז אויסן געווען צו באַמאַנטלען די אייגענע טראַגיק, וואָס לאָזט זיך אַזוי דעפֿינירן: גראָפּערס פֿרייד, פֿון אַ ר ו י ס פֿון דער פֿריִערדיקער איזאָלירטקייט, איז געגאַנגען געאָרעמט מיטן טרויער פֿון אַ ר ײַ ן אין אַ שפּעטערדיקער איזאָלירט־קייט, אַנדערש געזאָגט: פֿריִער אַ ל י י ן אין אַן אומשאַפֿערישן, שפּראַכלעך פֿרעמדן און אָפּגעפֿרעמדטן רבים, און איצט אַ ל י י ן אין אַ שאַפֿערישן, שפּראַך־היימישן און פֿאַרהיימישטן רבים, און דער צוואַנג און דער כּוח צו זײַן אַליין איז געבליבן דער זעלבער.

די קשיא, פֿון וואַנעט ער האָט גענומען דעם כּוח, איז אפֿשר די עיקר קשיא לגבי דעם פּענאָמען גראָפּער — אָבער כּדי זי צו פֿאַר־ענטפֿערן, פֿאָדערט זיך אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס וועט זיך אָנהייבן מיט אַ דרײַלינג: אָפּשטאַם, כאַראַקטער, שליחות, און איך רעזערוויר מיר דערצו אַ באַזונדערע שעה, ווען מיר וועלן זיך נישט באַגועגענען

מיטן לײַכטן פֿאַרגעניגן צו פֿראַווען דעם זכר פֿונעם פֿאַרשוין, נאָר נאָך דעם עס וועט געטאָן ווערן די שווערע מלאכה און מיר וועלן קענען בענטשן דעם גמר פֿון דער התחלה, מיט וועלכער אונדזער פֿרײַנד אליעזר פֿרענקעל האָט אונדז מזכּה געווען — ר׳ יעקבֿס געזאַמלטע כּתבֿים, כּדי מקיים צו זײַן דעם זאָג: „אין עושים נפֿשות לסופרים — ספריהם הם זכרונם״.

אַבֿרהם פֿעלער

יעקבֿ גראַפּער

„אַז מען וויל קענען דעם דיכטער, מוז מען זיך באַקענען מיט זײַן לאַנד״, מיט דער סבֿיבֿה אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפֿן. דאָס איז אַן אַלטער כּלל גדול, וואָס איז ריכטיק בכּלל, און בנוגע יעקבֿ גראַפּער, בפֿרט.

ייִדישע צענטערס אין דער וועלט זענען פֿון תּמיד אָן געווען אַ וועלט פֿאַר זיך; אַ מלוכה אַן אייגענע, אָפֿט מאָל אַ וועלט אַן אָפּגעשלאָסענע, עקאָנאָמיש און גײַסטיק. אין די דאָזיקע צענטערס האָט געלעבט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָס איר טאָג־טעגלעכע שפּראַך איז געווען ייִדיש. האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אַ רײַכע און פֿאַרצווײַגטע ייִדישע פּרעסע; האָט זיך דאָרט צעבליט אַ ייִדישע ליטעראַטור. ייִדישע שרײַבערס האָבן געשריבן ייִדיש פֿאַר ייִדישע לייענערס.

דאָס לאַנד אין וועלכן ס׳איז אויסגעקומען דעם דיכטער יעקבֿ גראַפּער צו לעבן און צו שאַפֿן, איז אין דער דאָזיקער באַציִונג געווען אַן אויסנאַם, אַ יוצא דופֿן.

*

רומעניע, — דאָס לאַנד אין וועלכן יעקבֿ גראַפּער האָט געלעבט און פֿאַרבראַכט זײַנע יונגע און מיטלערע יאָרן, האָט, פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פֿאַרמאָגט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון בערך אַ פֿערטל מיליאָן נפֿשות. כּמעט אַלע, — אַחוץ אַ קליינער ספֿרדישער קהילה, — האָבן גערעדט ייִדיש. דאָס זענען ייִדן וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז אָנגעקומען קיין רומעניע אין די לעצטע צענ־

דליקער יאָרן פֿונעם פֿריִערדיקן יאָרהונדערט, פֿון די גרויסע ייִדישע צענטערס אין פּוילן, גאַליציע און רוסלאַנד. אָבער נאָך דעם אַלעמען איז צו פֿאַרצייכענען אַז קיין ייִדישע פּרעסע אין ייִדיש לשון האָט זיך, צוליב באַשטימטע היסטאָרישע סיבות, נישט אַנטוויקלט, — חוץ דעם דערשײַנען פֿון אייניקע צײַטווײַליקע צײַטשריפֿטן, נישט פֿון קיין באַזונדערער באַדײַטונג, וואָס זענען אפשר אינטערעסאַנט פֿאַר פּרעסע־היסטאָריקער און נישט מער. די ייִדישע אינטעליגענץ — אַפֿילו די ייִדיש־נאַציאָנאַלע, פֿון דער אַסימילירטער שוין אָפּגערעדט — האָט זיך אויסגעלעבט, מיט קליינע אויסנאַמען, אין דער רומע־נישער שפּראַך. דערפֿאַר אָבער האָבן די רומענישע אַנטיסעמיטן פֿאַרגעוואָרפֿן דער דאָזיקער ייִדישער אינטעליגענץ אַז זי האָט „פֿאַר־פֿלייצט” די רומענישע פּרעסע און זי „פֿאַרייִדישט”. דאָס זעלבע איז געשען אין דער ליטעראַטור. ייִדישע שרײַבער האָבן באַרייכערט די רומענישע ליטעראַטור, אָפֿט מאָל אַפֿילו מיט ייִדישער טעמאַטיק, געשריבן אויף רומעניש, און נישט אויף ייִדיש. אַפֿילו די איינציקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע טאָגצײַטונג „מינטויִרעאַ” („די גאולה”), וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1919—1921, איז אויך אַרויס אויף רומעניש. איך מוז דאָ צוגעבן אַ פּיקאַנטן פּרט: בעת די רומענישע פּרעסע איז געווען „פֿאַרייִדישט”, האָט די ייִדיש־נאַציאָנאַלע טאָגצײַטונג געמוזט אָנקומען צו נישט־ייִדישע זשורנאַליסטישע כּוחות, ווײַל ייִדישע זשור־נאַליסטן — אַחוץ יוצאים מן הכּלל — האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיט־צואַרבעטן אין דער דאָזיקער טאָגצײַטונג, כּדי זיך נישט צו „קאָמ־פּראָמיטירן”.

פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי געשען? ווײַל היסטאָרישע סיבות, אויף וועלכע דאָ איז נישט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן, האָבן געפֿירט צו אַ כּמעט טאָטאַלער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, וואָס איז נאָר אַ חלק פֿון אַ כּוללדיקער אַסימילאַציע. איך האָב דאָ נאָר אָנגעגעבן דעם פֿאַקט, כּדי צו אונטערשטרײַכן די קולטור־סבֿיבֿה אין וועלכער עס איז אויסגעקומען גראָפּערן צו שאַפֿן דווקא אויף ייִדיש.

*

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די ייִדיש־רומענישע באַפעלקערונג באַקומען אַ שטאַרקן בלוטצופלוס. נאָך דעם וואָס רומעניע האָט זיך פאַראייניקט מיט די שכנישע פּראָווינצן: בוקאָ־ווינע, בעסאַראַביע און טראַנסילוואַניע, איז די ייִדישע באַפעלקערונג מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן ביז קרוב צו אַ מיליאָן נפשות. אַ גרויסער טייל פון דער צוגעקומענער ייִדישער באַפעלקערונג איז געווען אַ ייִדיש־רעדנדיקע, אָבער נאָר אין בעסאַראַביע איז דעמאָלט דערשינען אַ טאָגצייטונג אויף ייִדיש. אין די אַנדערע פּראָווינצן זענען דער־שינען פאַרשידענע וואָכנבלעטער און חודשלעכע צייטשריפטן אויף ייִדיש, — זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אריכות־ימים. אַפילו נישט די טעגלעכע צייטונג אין בעסאַראַביע. די נייגונג צו שפּראַכ־לעכער אַסימילאַציע האָט געהערשט אין די דאָזיקע פּראָווינצן גענוי ווי אין „אַלט־רומעניע", צוליב די זעלביקע היסטאָרישע סיבות וועלכע כ'האָב אויבן דערמאָנט.

*

אויפן פּסוק אין בראשית: נח איש צדיק היה בדורותיו, זאָגט רש"י, אַז מ'קאָן דעם פּסוק אויסטייטשן הן לשבח, הן לגנאי. בנוגע גראַפּער קאָן דער אויסטייטש זײַן נאָר לשבח. אין אַ זאַ דור, אין אַ זאַ קולטורעלער סביבה, ווו שפּראַכלעכע אַסימילאַציע האָט גע־האַלטן אין איין שטײַגן, זאָל אַ דיכטער ווי יעקב גראַפּער וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ברייטע אַלגעמיינע קולטור צונויפגעפּאָרט מיט אַ טיפן ייִדישן וויסן; אַ מענטש וואָס האָט באַהערשט עטלעכע אייראָפּעיִשע שפּראַכן און איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, — זאָל אַלע זײַנע יאָרן שרײַבן לידער נאָר אויף ייִדיש און דווקא אויף ייִדיש, באַווײַזט ווי טיף פאַרוואָרצלט גראַפּער איז געווען אין דער ייִדישער שפּראַך און אין איר קולטור; ווי ענג פאַרבונדן ער איז געווען מיטן ייִדישן שורש און מיט די אוצרות פון דורותדיקער ייִדישער יצירה.

*

גראַפֿער, הגם אַ „פֿרעמד״־שפּראַכיקער פֿאַר דער ייִדישער אינ־טעליגענץ אין רומעניע, איז דאָך געווען זייער באַליבט און פּאָפּולער צווישן די ייִדן אין אַלט־רומעניע. געוויינטלעך וועט אַ דיכטער באַקאַנט, נאָך דעם וואָס ער פּובליקירט זײַנע לידער אין ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן, אין ליטעראַרישע זאַמלונגען אָדער אין אַ בוך. מיט גראַפֿערן איז דאָס נישט פּינקטלעך אַזוי געשען, ווײַל עס איז בכלל נישט געווען ווו צו פּובליקירן, אין יענע יאָרן. אָנגעהויבן האָט ער צו פּובליקירן זײַנע לידער אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, אין דער ערשטער ייִדישער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט „ליכט״, וואָס איז דער־שינען אין יאַס, די געוועזענע הויפּטשטאָט פֿון דער מאָלדאָווע, — אַ פּראָווינץ מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפֿעלקערונג וואָס האָט גערעדט און געלייענט ייִדיש. די צײַטשריפֿט „ליכט״ האָט אָבער אויך געהאַט אַ קורצן אָטעם, — מער ווי פֿיר העפֿטן זענען נישט דערשינען. שפּעטער מיט יאָרן האָט גראַפֿער אַרויסגעגעבן אַ קליין, צניעותדיק ביכל: „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״, — אַ נאָמען וואָס האָט געהאַט אַ פּערזענלעך־סימבאָלישן באַטײַט. דאָס איז געווען אַן אָפּקלײַב פֿון זײַנע ערשטע יוגנט־לידער, מיט אַ צאַרטן לירישן קלאַנג און אינהאַלט. אָבער נישט „ליכט״ און נישט „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״, זענען נישט דערגאַנגען צו ברייטע און ווײַטע קרײַזן פֿון ייִדיש־לייענערס.

פֿון וואַנעט־זשע נעמט זיך זײַן גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן ייִדישן עולם אין רומעניע?

דאָס איז אפֿשר דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער דאָזיקער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט. גראַפֿער איז נישט געווען קיין „פֿאָלקס־דיכטער״, ער איז אָבער געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער „פֿאָלקס־מענטש״. ער האָט געפֿונען אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך מיטן פֿײַנעם און אָפּגעפֿײַנטן, ראַפֿינירטן אינטעליגענט, מיטן פּשוטן ייִד אויף דער גאַס און מיטן תּמימותדיקן מענטש אין בית־המדרש און אין חסידישן קלויז. ער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער

ייִד, ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשלאָסן אין זײַנע ד׳ אַמות, נאָר ער האָט זיך אויך געחבֿרט מיטן אידעאָלאָגישן קעגנער, וועלכן ער האָט געפּרוּווט, מיט איבערצײַגנדיקע רייד, אים מחזיר־למוטב זײַן.

זײַן דרך נתגלה צו ווערן צווישן ייִדן אין רומעניע, דערמאָנט דעם אָנפֿאַנג־פּעריאָד פֿון דער ייִדישער דיכטונג בכלל, — די עפּאָכע פֿון די בראָדער־זינגער, וועלוול זבאַרזשער און גאָלדפֿאַדען. זײַנע לידער האָט גראַפּער אַליין פֿאָרגעלייענט — אָדער עס האָבן דאָס געטאָן חבֿרים — בײַ ליטעראַרישע אָוונטן, מסיבות און סתּם פֿאַרווײַלונגען אין פּריוואַטע הײַזער פֿון חבֿרים. באַשטימטע לידער, תּהילים־נאָכדיכטונגען למשל, האָט גראַפּער פֿאָרגעלייענט אין בתּי־מדרשים און קלויזן, צו שלוש־סעודות אָדער מלווה־מלכּה. אַזוי אַרום זענען אייניקע פֿון זײַנע לידער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן כּמעט אין פֿאָלקס־לידער. צו אייניקע פֿון זײַנע לידער האָט מען אויך צוגעפּאַסט האַר־ציקע ניגונים און זענען געזונגען געוואָרן פֿון דער ייִדישער יוגנט בײַ פֿאַרשידענע ליטעראַרישע אָוונטן און אַזוי אַרום געוואָרן אַ פֿאָלקס־קנין. אין ייִדישע קרײַזן וואָס זענען געווען ווײַט פֿון ייִדישן לשון, האָט מען זיך באַנוצט מיט געלונגענע רומענישע איבערזעצונגען וואָס זענען דערשינען אין דער ייִדישער פּרעסע אויף רומעניש.

*

יעקבֿ גראַפּער איז געווען דער ערשטער און איז געבליבן כּמעט דער איינציקער ייִדישער דיכטער וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה אין אַלט־רומעניע. די אַנדערע אָנגעזעענע ייִדישע דיכטער וואָס האָבן געלעבט און געשאַפֿן אין רומעניע, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, — ווי, למשל, אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנ־גער, יעקבֿ שטערנבערג, און די שפּעטערדיקע יונגע גוואַרדיע וועלכע שלמה ביקל האָט באַקאַנט געמאַכט אין זײַנע פֿאַרשידענע קריטישע עסייען און אין זײַן בוך „רומעניע״, — האָבן אַלע געשטאַמט פֿון די צוגעקומענע פּראָווינצן. גראַפּערס רומעניש־ייִדישער אָפּשטאַם, שפּיגלט

זיך אָפּ אין זײַנע לידער אויך אין זײַן יאָדערדיקער לאָקאַלער ייִדישער פֿאָלקס־שפּראַך, אין זײַן אויסדרוק־פֿאָרעם און אין זײַן גאַנצן צוגאַנג צו ייִדישע ליטעראַטור־פּראָבלעמען וואָס האָבן באַשעפֿטיקט דעם „רומענישן שבֿט”, — ווי גראָפּער האָט געשטעמפּלט דאָס רומענישע ייִדנטום.

*

איך אונטערנעם זיך נישט דאָ צו אַנאַליזירן קריטיש, אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם, גראָפּערס לידער. איך וועל זיך נאָר פּרוּוון אָפּצושטעלן אויף אַ ווײַלע אויף דער שטימונג, אויפֿן געמיט, וואָס קוועלט אַרויס פֿון גראָפּערס יוגנט־דיכטונג, און אויף די סיבות וואָס האָבן אַרויסגערופֿן די דאָזיקע שטימונג.

עס וואַרפֿט זיך פּשוט אין די אויגן, דער טרויער און דער אומעט מיט וועלכע ס'זענען דורכגעווייקט גראָפּערס יוגנט־לידער. זײַן צאַרטער ליריזם פֿון יענער עפּאָכע איז אָנגעזאַפּט מיט ווייטיק ביז ייִאוש.

אין איינעם פֿון די דאָזיקע לידער: „אַלטע חלומות” — דאָס דאַרף זײַן פֿון די גאָר ערשטע לידער זײַנע (דער געבוירן־טאָג פֿון זײַנע לידער איז, צום באַדויערן, בכלל נישט אָנגעצייכנט) — הערט זיך דווקא אַן אָפּטימיסטישער טאָן וואָס דערקוויקט און דערפרישט:

אַלטע חלומות,
גיך כאַפּט אײַך אויף,
לעבן און פֿרײלינג
האָט ניט קיין סוף.

נעכטן ערשט איז נאָך
סמוטנע געווען,
הײַנט איז שוין פֿרײלעך
און לעבעדיק שיין.

לוילעך צעגיסט זיך
פֿון הימל אַ שטראַל,
וואַסערלעך רינען,
אַ גאָלדענער קוואַל.

און זיי פֿאַרפֿלייצן
מיט ברכות דאָס פֿעלד;
אייביק דאָס לעבן,
יונג איז די וועלט״. (אַלטע חלומות)

אַזעלכע לידער, מיט לעבן אָנגעזאַפּטע, מיט בטחון און פֿרייד פֿאַרפֿלייצטע, זענען אָבער זייער זעלטן ביַי גראָפּערן. גאָר ביַים אָנהייב קומט שוין דער איבערבראָך.

אין דער פֿריסטער יוגנט זיַינער פֿילט זיך שוין דער דיכטער אַ מידער, אַן אַנטוישטער און ווענדט שוין דעם בליק זיַינעם צום פֿאַרפֿלויגענעם נעכטן:

„מערער מאָל פֿון יענעם ניגון
רוף איך נאָך דעם טעם צוריק,
און מיַין האַרץ עס ווערט פֿאַרשוויגן...
פֿריִע שיינקייט, נעכטיק גליק... (ביַים ברעג)

אַפֿילו ביַים אָנבליק פֿון בליִענדיקע צאַרטע בלומען, וואָס דערפֿרייען תּמיד דעם דיכטערס נשמה, ווערט די פֿרייד ביַי אים פֿאַרשטערט פֿון טרויער און שרעק פֿאַרן קומענדיקן מאָרגן:

„...וויַיל דער מאָרגן פֿליט,
בליט זשע בלומען, בליט,
שפּעטער וועט איר וועלן בליִען

א ב ר ה ם פ ע ל ע ר

קאַלטע ווינטן וועלן ציִען
און עס וועט שוין זײַן צו שפּעט... (מאַרגנבלומען)

די אַלטע חלומות זײַנע, וואָס ערשט נעכטן האָט ער זיי צוריק־גערופן און זיי פאַרזיכערט:

„...גיך כאַפּט אײַך אויף
לעבן און פרילינג
האָט ניט קיין סוף... (אַלטע חלומות)

אויך זיי פאַרשווינדן אויף דער גיך:

„וואָס כ׳האָב הימליש גאָר געחלומט
ווערט מיט וואָלקנס שוואַרץ באַשווערט
אויף דעם הימל שטאַרבט די קלאָרקייט
שטאַרבן בלומען אויף דער ערד...״ (אויף צו להכעיס)

און נישט נאָר די קלאָרקייט אויפן הימל און די בלומען אויף דער ערד שטאַרבן אַוועק, נאָר אויך דעם דיכטערס יוגנט־אידעאַלן וויאַנען שנעל, און יִיאוש הייבט אָן נאָגן אין האַרצן:

„אין האַרצן ערגעץ, פרײַהייט שוין דערשלאָגן,
דער אמת — שלאָף, דאָס וואָרט — פאַרשטומט זײַן כּוח,
מחשבֿות־ברעקלעך פלאָנטערן זיך אין מוח
און ווילדער יִיאוש וויל מײַן האַרץ דערנאָגן — —״
(באַלאַדע פונעם נבֿיא)

זײַן פרייליעכקייט קוועלט נישט מער פון האַרצן נאָר פון מוח, פון טיפער ביטערקייט, פון שווערן קאַמף מיטן טרויער:

יעקב גראַפּער

„ווײַל דו ווילסט מיך טרויעריק מאַכן
וועל איך דווקא פֿריילעך זײַן — — —"
(אויף צו להכעיס)

די סיבה פֿון דעם טיפֿן טרויער זײַנעם, וואָס נאָגט זײַן נשמה און ברענגט אים ביז יאוש, וועלן מיר זיך פֿון זײַנע לידער נישט דערוויסן, ווײַל גראַפּער האַלט אַז:

„ווונדן מאַכן לײַטן עקל
און פֿאַרמיאוסן דיך בײַ פֿרײַנד" (בײַם געזעגענען)

דערפֿאַר איז קלאָגן זיך — כּמעט אַ זינד און אַן אומזיסטיקער נשמה־אויסגאָס:

„קלאָג זיך נישט און וויין פֿאַר קיינעם
טרערן זענען איידלשטיינער,
ס'איז אַ שאָד זיי צו פֿאַרגיסן
און פֿאַרשטיין זאָל זיי נישט קיינער — — —"
(בײַם געזעגענען)

ווי געזאָגט, פֿון זײַנע לידער וועלן מיר זיך נישט דערוויסן די סיבות פֿאַר וואָס גראַפּער איז, כּמעט פֿון דער יִינגסטער יוגנט זײַנער, געוואָרן „דער זינגער פֿון זײַן (אייגענעם) טרויער". אייניקע פּרטים פֿון זײַן לעבן וועלן אפֿשר באַלײַכטן די דאָזיקע פֿאַרהוילנקייט.

*

גראַפּער איז געבוירן און אויפֿגעוואַקסן געוואָרן אין אַ קליין ייִדיש שטעטל, מיהיילען, אין צפֿון־מאָלדאָווע (רומעניע), אויף דער גרענעץ פֿון דער בוקאָווינע, אין הויז פֿון אַ בעל־הבתּישער משפּחה, אַ באַשיידענע. אין דער היים און אינעם אַרומיקן שטעטל, האָט גע־

הערשט — ווי אין ייִדישע שטעטלעך בכלל — די זאָרג פֿאַרן מאָרגנ־דיקן טאָג און די אומזיכערקייט פֿאַרן אומבאַקאַנטן עתיד. די דאָזיקע זאָרג און אומזיכערקייט האָבן זיך פֿון קינדוויַיז־אָן אַריַינגעשליַיכט אין גראָפֿערס צאַרטער נשמה און האָבן אים געפּיַיניקט, ווי אַ שווערער קאָשמאַר, זיַין לעבן לאַנג, אַפֿילו ווען דער קאָשמאַר איז מער נישט געווען באַרעכטיקט. אין זיַין יוגנט האָט ער געמאַכט אַלע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען נישט דאַרפֿן אָנצוקומען צו קיינעם, זיַין אַ פֿריַיער אומאָפּהענגיקער מענטש, — דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען, דער יוגנט־קאָשמאַר האָט איבער אים געהאָנגען און אים נישט געגעבן קיין רו. געווען צוערשט אַ באַנק־באַאַמטער, — דאָס האָט בכלל נישט געפּאַסט מיט זיַין צאַרט־פּילבאַרן כאַראַקטער; ער האָט אַפֿילו גע־פּרוווט זיך פֿאַרנעמען מיט... מיסחר, — אַ דורכפֿאַל. זיַין ציל זיך צו שאַפֿן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע אין לעבן, כּדי זיך צו באַ־פֿריַיען פֿון טאָג־טעגלעכער מאַטעריעלער זאָרג און זיך אין גאַנצן ווידמען זיַינע ליטעראַרישע שאַפֿונגס־פּלענער, — האָט זיך אים צום באַדויערן נישט איַינגעגעבן אין די יונגע יאָרן. דאָס האָט ביַי אים אָפּגענומען דעם מוט און פֿאַרביטערט זיַין לעבן. זיַין נשמה איז געבליבן אַ פֿאַרסמטע, — און דאָס איז משפּיע אויף זיַין שפּעטערדיק לעבן און שאַפֿן. זיַין משפּחה־לעבן וואָס ער האָט פֿאַרוועבט בערך שפּעט, האָט זיך געענדיקט אויף אַ טראַגישן אופֿן. דאָס האָט ביַיגע־טראָגן אַז גראָפֿערס לעבן זאָל אין גאַנצן צעבראָכן ווערן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן אין אַן עולם־התּוהו, אויסשעפּנדיק זיַינע לעצטע כּוחות אין קאַמף מיט זיַין יוגנט־קאָשמאַר: די שרעק פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

אָט די דאָזיקע שרעק האָט געווירקט אויף אַ צעשטערנדיקן אופֿן אויף זיַין געמיט און האָט געשאַפֿן דעם אונטערגרונט פֿאַר זיַין עלעגיע־טאָן, און האָט ביַיגעטראָגן צו זיַין טרויער און ייִאוש וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיַינע לידער.

*

יעקבֿ גראַפּער איז געווען נישט נאָר אַ צאַרט־לירישער דיכטער, נאָר אויך אַן אינטערעסאַנטע קולטור־דערשײַנונג אין רומענישן ייִדנטום. נישט אַ קולטור־ע ס ק ן, נאָר אַ קולטורעלער כּוח פֿון עלע־מענטאַרער פּאָטענץ. ער איז געווען — אָן קיין שום מליצה — אַ תּלמיד־חכם פֿון אַ ברייטן פֿאַרנעם, מיט אַ גרויסן באַגאַזש פֿון וויסן. און נישט אַ סטאַטישער תּלמיד־חכם, נאָר פֿול דינאַמיק, אַ מעין המתגבר.

זײַנע שׂיחות־חולין האָבן געשפּרודלט מיט תּורה און חכמה. האָט ער גערעדט וועגן אַ באַנאַלער טאָג־טעגלעכער דערשײַנונג, אָדער וועגן אַ קאָמפּליצירטער קולטורעלער פּראָבלעם, האָט זיך בײַ אים געעפֿנט און צעגאָסן אַ קוואַל פֿון באַהאַוונטקייט און פֿון אָריגי־נעלער אויספֿאָסונג; בשעת דעם רעדן און אויסטײַטשן זײַנע געדאַנקען האָט ער געשפּינט גאַנצע עולמות פֿון אידעען, מיט וועלכע זײַנע צוהערער האָבן געמעגט מסכּים זײַן אָדער נישט, — אָבער צוהערן־זיך און זיך פֿאַרטראַכטן האָט מען געמוזט. ווײַל גראַפּערס רייד, — הן זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן בקול דממה דקה, הן זיי האָבן גע־שפּריצט מיט פֿונקען — האָבן תּמיד באַרײַכערט דעם צוהערער און באַפֿרוכפּערט זײַן דענקען. ער האָט אים געצוווּנגען איבערצופּרוּוון זײַנע איבערצײַגונגען.

*

עס איז פֿאַראַנען געווען אין בוקאַרעשט אַן אָריגינעלע ליטע־ראַרישע קיבעצאַרניע. נישט ווי עס פּירט זיך „בײַ לײַטן“, ערגעץ אין אַ קאַפֿעהויז אָדער חלילה אין... אַ שענק, נאָר דווקא אין אַ ייִדישער דרוקערײַ, אין צענטער פֿון דער שטאָט. דאָ האָט געהויזט דער ייִדישער „פּאַרנאַס“, — דער ייִדישער און צו מאָל אויך דער נישט־ייִדישער. פֿון גאַנץ פֿרי־אָן ביז אין די שפּעטע מיטאָג־שעהען, האָבן דאָ אַרומשפּאַצירט ייִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן און פּובלי־ציסטן, און סתּם־ייִדן אָדער גויִים וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות צו ליטעראַטור. דאָ האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן, כּמעט טאָג־טעגלעך,

דער עסייִסט און ליטעראַטור־קריטיקער ד״ר שלמה ביקל, דער דיכ־טער יעקבֿ שטערנבערג, דער נאָוועליסט משה אַלטמאַן, דער זשורנאַ־ליסט, דיכטער גאַלאַ גאַלאַקטיאָן און טודאָר אַרגעזי, געהויבענע געסט ווי, למשל דער פֿאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג און דער דיכטער איציק מאַנגער, די גאַנצע גוואַרדיע יונגער „נאָכוווקס״ וואָס איז געקומען שעפּן תּורה פֿון זייערע עלטערע קאָלעגן־רבנים, — און יעקבֿ גראָפּער.

פֿאַרטרעטן זענען דאָ געווען אַלע ליטעראַרישע „אַקאַדעמיעס״ און פּאָליטישע קוקווינקלען, פֿון רעכטס ביז עקסטרעם־לינקס, קאָמו־ניסטן בתוכם. דאָס איז געווען אַ מין תּיבֿת־נוח, ווו ס׳האָבן געהויזט בייַזאַמען ריינע און ...ווייניקער ריינע גאָטס־באַשעפֿענישן. עס פֿלעגן זיך פֿאַרוויקלען שמועסן און צעפֿלאַקערן וויכּוחים; מ׳האָט פֿאַרטראַכט אויסטערלישע ליטעראַרישע פּראָיעקטן וואָס זענען קיין מאָל נישט דורכגעפֿירט געוואָרן; מ׳האָט פֿאָרגעשלאָגן טעאַטער־אויפֿפֿירונגען בייַ וועלכע ס׳זענען פֿאַראַנען געווען די בעסטע שאַנסן צו פֿאַרלירן אַן אוצר מיט געלט, — און אַרויסצוגעבן יידישע צייַטשריפֿטן וואָס די מערסטע פֿון זיי האָבן קיין מאָל נישט געזען די ליכטיקע וועלט.

דאָ האָט יעקבֿ גראָפּער אָנגעפֿירט מיט זייַן מלוכה, רחבֿותדיק און מיט גרויסן פּרעסטיזש. דאָ האָבן געדונערט זייַנע שטראָפֿרייד, — און מיט זייַן לעגענדאַריש געוואָרענעם ים־שוים שטעקן געיאָגט די ליטעראַרישע חלפֿנים פֿונעם קונסט־היכל. די וויכּוחים האָבן תּמיד באַקומען הויכע טעמפּעראַטור ווען גראָפּער האָט זיך געפֿונען צווישן די מתווכּחים. די פֿענצטער פֿונעם קליינעם ביוראָ־צימערל, וואָס האָט געדינט פֿאַר דער קיבעצאַרניע, זענען תּמיד געווען ברייט אָפֿן און באַלאַגערט פֿון יונגוואַרג וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט יִראת־הכּבֿוד אָדער מיט ביטול צו דעם אָדער יענעם דיספּוטאַנט. אינעווייניק האָבן גערוישט און געפּילדערט די קולות, — אין קיין מיקראָפֿאָן האָט מען זיך נישט געניייטיקט. ס׳האָט געדונערט און געבליצט מיט געדאַנקען־שפּריצן, אַ גוט־וואָרט און שאַרפֿע רייד.

אַז גראָפּער האָט גערעדט האָט מען זיך גוט צוגעהערט, ווייַל

ער איז נישט געווען אַ פֿאַרטראַכטער און פֿאַרחלומטער פּאָעט, נאָר אַן אַקטיווער דענקער און אַ שאַרפֿער פּאָלעמיסט וואָס האָט מיט זײַן הייסן קעמפֿער־טעמפּעראַמענט און איבערצײַגונגס־קראַפֿט זייער אָפֿט אַרויפֿגעצווונגען אויף די צוהערער זײַן צוגאַנג צו ליטעראַרישע פּראָבלעמען און זײַן באַנעם פֿון קולטורעל־היסטאָרישע אַנטוויקלונגען. ער האָט פֿאַרטיידיקט זײַנע געדאַנקען מיטן גאַנצן ברען פֿון אַ מאמין, מיטן ערלעכן פּאַטאָס פֿון אַ טיף־גלויביקן. מען האָט נאָר געדאַרפֿט וויסן ווי אַזוי אים צו „דערצערענען", ווי אַזוי אים צו „פּראָוואָצירן", — דעמאָלט... כל עצמותי תּאמרנה, איז ער אַרײַנגעפֿאַלן ווי אין טראַנס און האָט מתנבא געווען; געוואָרפֿן מיט אָריגינעלע השקפֿות, מיט רײַכן און ברייטן וויסן און מיט אייגענעם באַנעם פֿון אידעען.

בײַ גראָפּערן איז אָפֿט מאָל געקומען צו אַ שאַרפֿן קאָנפֿליקט צווישן זײַן דענק־אַפּאַראַט און זײַנע אויסדרוק־מעגלעכקייטן. זײַן דענק־אַפּאַראַט האָט געאַרבעט מיטן אימפּעט פֿון אַ וואַסערפֿאַל, בעת זײַנע נאָרמאַלע מענטשלעכע אויסדרוק־מעגלעכקייטן האָבן זיך גע־שלענגלט ווי אַ שמאָלער וואַסער־פֿאָדעם. דערפֿאַר איז זײַנער אַ שמועס געווען רײַך אין פּאַראַנטעזן; איין געדאַנק האָט זיך אַרײַנ־געשלײַכט אין אַ צווייטן; איין מאמר המסגר איז פֿאַרלאָפֿן דעם וועג אַן אַנדערן, — און אַזוי האָט זיך געשאַפֿן אַ פֿאַרביקער מאָזאַיִק, אַ שטראַלנדיקער רעגן־בויגן פֿון אידעען, יעדע איינציקע אינטערעסאַנט פֿאַר זיך, אַפֿילו ווען זי איז שוין געווען גאָר ווײַט פֿונעם עצם ענין.

*

יעקבֿ גראָפּער האָט געהאַט אַ טרויעריקע יוגנט; זײַן גאַנץ לעבן איז געווען אַ פֿאַרביטערטס, — אָבער טראַגישער פֿון אַלעמען איז געווען זײַן פּטירה. ער האָט זיך געפֿעלט צווישן פֿרעמדע, בעת אַ נסיעה קיין בערלין. שפּעטער האָט מען אים געבראַכט צו קבֿר־ישׂראל אין חיפֿה.

יצחק קאָרן

דער טײַערער ייִד און אײדעלער דיכטער

א

ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז דער דיכטער יעקבֿ גראָפּער איז עולה געווען קיין ישׂראל אין נאָוועמבער 1964, בין איך דעם זעלבן טאָג צו אים אַוועק.

פֿאַר דער ייִדישער אינטעליגענטער יוגנט אין רומעניע און בעסאַראַביע איז יעקבֿ גראָפּער, דער ייִדישער דיכטער, געווען אַ שם־דבֿר. כ׳דערמאָן מיך, אַז אין 1935 אָדער אָנהייב 1936 האָב איך געקריגן אין קעשענעוו דעם קליינעם בוך לידער פֿון גראָפּערן „אין שאָטן פֿון אַ שטיין״. די לידער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן רושם. אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע צוזאַמען מיט זלמן ראָזענטאַל ז״ל, דעם ייִדישן שרײַבער און רעדאַקטאָר פֿון דער טאָג־צײַטונג „אונדזער צײַט״, געהאַט אַ שמועס וועגן דער גרופּע העברעיִשע און ייִדישע שרײַבער אין רומעניע, האָט מען וועגן גראָפּערן גערעדט מיט אַ סך פֿאַרערונג. מ׳האָט דערמאָנט, אַז גראָפּערס שריט אין דער ייִדישער דיכטונג ווי אויך זײַן באַטייליקונג אין דער גרינדונג פֿון ליטעראַרישן קרײַז „ליכט״ זענען געווען בחינת מעשׂה בראשית בײַ דעם אַלט־רומעניִשן ייִדישן שבֿט.

די אַלע זכרונות באַגלייט דורך וואַרעמע געפֿילן האָבן בײַ מיר אויפֿגעוואַכט, ווען איך בין געגאַנגען זען יעקבֿ גראָפּערן אין קליינעם האָטעל „נאָרדאָו״ אויף נחלת בנימין עק גרוזענבערג. מיר זענען אַרײַן אין אַ שמאָלן און אַ קליינעם צימערל אויפֿן צווייטן שטאָק, ווו ס׳האָט זיך געפֿינען גראָפּער. ער האָט אויסגעזען מיד, מיד פֿון דער נסיעה, מיד פֿון אַ לאַנגן לעבנסוועג, שוין איבער די זיבעציק יאָר, מיד פֿון

צרות און איבערלעבונגען. אָבער פֿון זײַן פּנים האָט אַראָפּגעשטראַלט אַ צוציִענדיקער שמייכל. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע צו־פֿרידנקייט מיט אונדזער טרעפֿן זיך. אונדזער שמועס איז אָנגעגאַנגען אין ייִדיש און ס׳האָט זיך געפֿילט, אַז גראַפּער שווימט אין זײַנע אײגענע וואַסערן.

אין דעם שמועס האָט ער בכלל נישט דערמאָנט זײַנע אײגענע פּראָגן ווי עס טוט געוויינטלעך אַ נײַער עולה. ער האָט באַלד אָנגע־הויבן מיט ענינים פֿון דער מדינה, זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן זײַנע לאַנדסלײַט פֿון רומעניע און ספּעציעל וועגן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטור־לעבן. דער שמועס האָט גלײַך ווי פֿאַרטריבן זײַן מידקייט. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פֿאַר אַלץ וואָס קומט פֿאָר אין לאַנד גײַסטיק און געזעלשאַפֿטלעך.

רעדנדיק וועגן דער מדינה, באַמערקט ער, אַז דער עיקר זענען דאָ נישט די מאַטעריעלע דערגרייכונגען, וועלכע זענען אַוודאי זייער וויכטיק, נאָר וויכטיקער איז, אַז דער ייִדישער בירגער אין לאַנד זאָל פֿילן אַז דאָ, אין מדינת ישׂראל, געפֿינט ער זײַן נשמה יתירה און לעבט אין אַן אײגענער וואַרעמער היים.

מיר האָבן נאָך ממשיך געווען און בײַם געזעגענען זיך גיט ער אַ זאָג: מ׳דאַרף זיך אָפֿטער טרעפֿן און האָבן אַ שמועס.

יעקבֿ גראַפּער, דער דיכטער פֿון שטעטל מיהיילען, האָט געהאַט גרויסע דיכטערישע באַגאַבונג, אָבער נישט ווייניקער איז זײַן כּוח אויך באַשטאַנען אין זײַנע שמועסן. דאָס זענען נישט געווען סתּם שמועסן, געווען אין זיי אַן אויסדרוק פֿון מענטשלעכער חכמה, אַ פֿאַר־טיפֿונג פֿון פּראָגן, אַ זוכן דעם יחיד, דעם מענטש; ער האָט זײַנע שמועסן פֿאַרוואַנדלט אין אַן אײגענעם ליטעראַרישן זשאַנער. מען קען נישט פֿאַרשטיין די פּערזענלעכקייט פֿון יעקבֿ גראַפּער ווען מען האָט נישט געקענט און נישט געהערט גראַפּערן שבעל פּה, דעם מײַסטער פֿון „קאָזעריע״, פֿון העכסטן שמועסן, מיט פֿיל טיפֿקייט און מיט אַ פֿאַרנעם.

אין משך פון די דריי יאָר איז אונדז אויסגעקומען זיך צו טרעפן עטלעכע מאָל און דער רושם פון זיין וואונדערלעכער פערזענלעכקייט, פון יידישן נוסח פון זיין שמועסן האָט זיך נאָך ביי מיר פאַרשטאַרקט. נישט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ס'איז גוט גלאַט אַזוי אַ ביסל שפּאַצירן און זען יידן, אַ סך יידן. ער האָט ליב געהאַט צו גיין אין די פּלעצער ווו די רומענישע לאַנדסלייט וווינען. פיל האָבן אים דערקענט און געגריסט. און ווען מ'פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן קיין יפו, איז געווען פאַר אים אַ געוואַלדיקע צופרידנקייט צו שמועסן מיט סתם יידן. ער איז געווען פאַרליבט אין יידישן שבט פון רומעניע און האָט יעדן איינעם אויסגעפרעגט ווי עס גייט אים. ער האָט ביי די יידן אויסגענומען מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, זיין גוטמוטיקייט, זיין שטראַלנדיק שמייכל פון אַ גוטן מענטש וואָס האָט ליב געהאַט מענטשן. און ער האָט צוריק אָנגעהויבן אויף ס'ביי פאַרקניפּן זיין פריינדשאַפט מיטן שבט, אין וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן און דער־צויגן געוואָרן.

איך דערמאָן זיך אין אַן אָוונט אין אַ קאַפע־הויז, ווען ער האָט זיין שמועס אָנגעהויבן וועגן דער גייסטיקער ירושה פון יידישן שבט אין רומעניע, אַז מ'ווייסט ווייניק וועגן די רומענישע יידן און וועגן זייער קולטור־גייסטיקער שאַפונג. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין רעדן מיט גרויס אימפּעט און ס'האָט זיך געהערט ווי פון דערוויטנס זיין „אני מאַשים”, וועגן דער צוקונפט פון דער גייסטיקער ירושה פונעם יידישן שבט פון רומעניע. דער שמועס האָט אונדז פאַרכאַפּט מיט זיין אינהאַלט און כ'האָב פאָרגעשלאָגן גראָפערן מיר זאָלן אַזאַ שמועס פירן נישט אין אַ קאַפע־הויז, נאָר מיר זאָלן זיך דערצו טרעפן ביי מיר אין דער היים. ער האָט עס גערן אָנגענומען.

אַ צען טעג שפּעטער איז יעקב גראָפער געקומען צו מיר. ער איז געווען גוט געשטימט און האָט אויסגעזען פיל מונטערער ווי אין די פריערדיקע באַגעגענישן. ביים אָנהייב האָט ער זיך פיל אינטערעסירט וועגן אַלגעמיינע ענינים, געוואָלט הערן מער וועגן דער התאחדות

עולי רומניה, וועגן דער קולטור־טעטיקייט. זיך נאָכגעפֿרעגט צי די גרויסע גבֿירים פֿון דער רומענישער עליה אין לאַנד און אין אויסלאַנד שפּענדן פֿאַר די צוועקן פֿון דער עליה פֿון רומעניע. כ׳האָב אים געענטפֿערט, אַז אונדזערע גבֿירים פֿאַרלאָזן זיך נאָר אויף די שטאַט־לעכע אינסטיטוציעס, זיי גיבן כּמעט גאָרנישט. מסתּמא ווילן זיי נישט מאַכן קיין קאָנקורענץ מיט זייערע שפּענדונגען... דאָס האָט דעם רויִקן גראָפּער אַרויסגעשלאָגן פֿון זײַן גלײַכגעוויכט און ער האָט אין אַ בייזן טאָן רעאַגירט.

ווען אונדזער שמועס האָט זיך פֿאַרלענגערט, זאָגט מיר גראָפּער: „איר ווייסט, כ׳האָב לעצטנס אָנגעהויבן טראַכטן אַז אין מײַן עלטער, אַריבער 75 יאָר, דאַרף איך האַנדלען תּכליתדיק וועגן מײַנע נאָענטע פּלענער. ערשטנס גלייב איך, אַז ס׳איז נישט דערלאָזבאַר מען זאָל משלים זײַן מיט דער דאָזיקער לאַגע. מען מוז ראַטעווען דעם נאָמען פֿון ייִדישן שבֿט פֿון רומעניע און אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער וועגן זייער קולטור־שעפֿערישקייט. די רומענישע ייִדן האָבן אַ בכּבֿודיקן בײַטראָג אויפֿן געביט פֿון ייִדישער שאַפֿונג און מען ווייסט נישט וועגן זיי. דאָס איז אַ חובֿ פֿון אונדזער דור. מען דאַרף אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן דערצו. פֿאַראַן דאָ אין מדינת ישׂראל אייניקע ערנסטע מענטשן וועלכע וואָלטן געקענט פֿיל אויפֿטאָן אין דעם פּרט: „נאָך אונדז וועט עס קיינער נישט טאָן״.

גראָפּער מאַכט אַ הפֿסקה, פֿאַרטראַכט זיך און איז ממשיך: „אפֿשר ווייסט איר, אַז כ׳האָב אין בערלין מײַן פֿאַרמעגן, עטלעכע הײַזער, און כ׳האָב לעצטנס געטראַכט צו פֿאָרן קיין מערבֿ־בערלין זיי פֿאַר־קויפֿן, און פֿון דעם געלט וועט מען טיילווײַז שאַפֿן אַן אָנהייב פֿון אַ פֿאָנד וועלכער זאָל פֿאַראייביקן דעם זכר פֿון ייִדישן שבֿט אין רומעניע״.

גראָפּערס פּנים האָט געפֿלאַמט. ער איז געווען מער ווי שטענדיק אויפֿגעמונטערט. גערעדט מיט אַ טאָן פֿון איינעם וואָס פֿילט, אַז זײַן איצטיקער שמועס איז אַן אָנהייב פֿון אַ וויכטיקן שריט אין זײַן לעבן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער טוט אַ גרויסע זאַך און מיר שײַנט אַז דאָ אין מדינת ישראל און צווישן די ייִדן פֿון רומעניע איז נישט געווען אַזאַ גלײַכן. ס'איז אַ נאָבעלער אויפֿטו, אַז יעקבֿ גראָפּער, דער דיכטער, דער ייִדישער זינגער פֿון שבֿת־רומעניע וועט מיט זײַנע אייגענע מיטלען טאָן כּדי נישט דערלאָזן, אַז די ייִדישע שאַפֿונג פֿון אַלט־רומעניע זאָל בלײַבן אין אַ ווינקל.

האָט ער אויף מײַן באַמערקונג ווי געמאַכט אַ חשבון מיט זײַן דור און פֿרײַנד און מיר געענטפֿערט: „איך האָב אַלע יאָרן געהאַלטן, אַז מען דאַרף לאָזן וויסן וועגן דעם ייִדישן גײַסטיקן אינהאַלט פֿון רומעניע. דאָרטן איז די ייִדישע סבֿיבֿה, אין מאָלדאַווע, פּונקט ווי אין בעסאַראַביע געווען אָנגעזאַפּט מיט ייִדישקייט, געהאַט ייִדישן אויס־דרוק און ייִדישן פֿאַרמעסט. דאָרט זענען געווען די זויבערע קוואַלן פֿון ייִדיש־חסידישן נוסח פֿון דעם שבֿת. דאָרט האָט זיך געהערט דער באַזונדערער ניגון פֿון ייִדישן שבֿת. פֿאַרוואָס פֿאַרשווײַגן? מען דאַרף עפּעס טאָן".

ער האָט דאָס געזאָגט גלײַך ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער, געטיילט זיך מיט אַ געפֿיל וואָס מוטשעט אים און עגבערט זײַן מוח.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט יעקבֿ גראָפּער פֿײַערלעך באַמערקט: „איר וועט זען, מיר וועלן נאָך האָבן נחת פֿון דעם שמועס".

ס'זענען אַריבער אייניקע וואָכן. ער איז אָפּגעפֿלויגן קיין מערבֿ־בערלין. נאָך עטלעכע מאָנאַטן איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה אַז ער איז פּלוצעם געשטאָרבן. די ידיעה האָט פֿיל פֿון זײַנע פֿרײַנד דערשיטערט. איך אַליין בין געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט דערוויסנדיק זיך וועגן דער גרויסער אַבֿידה.

ווען איך בין געשטאַנען אויפֿן חיפֿהער בית־הקבֿרות פֿאַר זײַן אָרון וואָס מען האָט געבראַכט פֿון בערלין, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פֿאַרן אָפּפֿליִען פֿון ישראל האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה און

האָט פֿאַרטײלט זײַן ירושה אַזוי, אַז אַ האַלבער טײל זאָל זײַן געווידמעט אויף צו פֿאַראײביקן די קולטור־שאַפֿונג פֿון ייִדישן שבֿט פֿון רומעניע.

דער ווינט האָט געבושעוועט אויפֿן חיפֿהער בית־עלמין. ווען דער חזן האָט געזאָגט קדיש, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער אַ קאָלעקטיוון קדיש פֿון די גרויסע מאַסן פֿון רומענישע ייִדן, פֿון מדינת ישׂראל און פֿון גלות־רומעניע.

אין די מינוטן האָבן אין מײַנע אויערן אָפּגעהילכט זײַנע התלהבֿותדיקע רייד בעת אונדזער לעצטן שמועס פֿאַר זײַן אָפּפֿליִען. כ׳האָב זיך מיט דעם טײַערן ייִד און אײדלען דיכטער, מיט טיפֿן צער געזעגנט.

מאָטי ראַבינאָוויטש

יאַס פון אַמאָל *

יאַס פֿון אַמאָל, פֿונעם ערשטן צענדליק פֿון אונדזער יאָרהונדערט נאָך פֿאַר דעם ערשטן וועלטקריג — אָט דאָס אויטענטישע, היימישע, גרויס־קליינשטעטלדיקע יאַס וויל איך דערמאָנען אויף וויפֿל מײַן קורצער זכּרון און מײַן קורצע צײַט הײַנטיקן אָוונט דערלויבט דאָס. ווי אַזוי ס׳האָט נאָך דעם אויסגעזען ווייסן אַנדערע בעסער.

אַ שטאָט מיט עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן רופֿט זיך אויף העברעיִש „עיר ואם בישראל״ — אַ שטאָט, אַ מאַמע בײַ ייִדן. אָט אַזאַ געפֿיל דערוועקט זיך אין זייער פֿיל פֿאַריתומטע הערצער דער־מאָנענדיק דעם נאָמען פֿון דער מאַמע — יאַס.

אין די אויגן פֿון יענעם קליינעם ייִנגל וואָס לעבט אין שולהויף זעט אויס יאַס אַ ריזיקע שטאָט. אָנהייבן הייבט זי זיך אָן ערגעץ ווײַט בײַ דער „מאַרזשינע״, ווײַט־ווײַט פֿון יענער זײַט באַכלוי, און ענדיקן ענדיקט זי זיך אויפֿן פֿאַקוראַר, אויף יענעם שענסטן און גרינסטן און העכסטן ייִדישן ווינקל — דער בית־עולם. אין אָט דער גרויסער שטאָט וווינען אויך גויִים, זיי וווינען אָבער פֿאַרוואָרפֿן ערגעץ אין יענע פּוסטע שטילע גאַסן, שדים ווייסן ווי זיי הייסן — אַזעלכע נעמען האָבן זיי — און פֿון יעדן הויף הערט זיך דאָס האַווקען פֿון אַ הונט, אַז ס׳איז אַ מורא־נפֿש. אָבער די אמתדיקע גאַסן, די ייִדישע, האָבן נעמען וואָס יעדער ווייסט זיי און יעדער פֿאַרשטייט זיי: דער שולהויף, דער אויבערמאַרק, אונטערנאויבערמאַרק, דאָס

* פֿונעם געדענקבוך „מנחת זכּרון למוטי רבינוביץ״, ת״א תשכ״ו.

כּלי־זמרישע געסל, די אײַזערנע בריק, דוד־צבֿיס־באַרג, דער פּריצשע־מאַרק, די טויטע בריק, די רויטע בריק. אַזוי האָבן זיי געהייסן כאָטש יאָס האָט בכּלל איין איינציקע בריק פֿאַרמאָגט און זי איז נישט געווען קיין אייזערנע און נישט קיין טויטע און נישט קיין רויטע.

טראָגן גויים וואַסער אין די קאַנען, בײַטן זיי פֿאַר פּסח אויף נײַע קאַנען און אַ ייִדיש ייִנגעלע לויפֿט נאָך און שרײַט: „פּסחיק וואַסער!" קומען גויים אײַנהייצן שבת די „סאָבע" (הרובע), און אַ מאָל קומט אויך אַ גוי מיט אַ פּויק אויסצופֿאַרקויפֿן די שטוב־זאַכן פֿאַר נישט־באַצאָלטן מס, באַהאַלט די מאַמע די מעשענע שבת־לײַכטער טיף אין קופֿערט.

בײַ יענעם יאַסער ייִנגל, וואָס לערנט אין תּלמוד־תּורה, זעט אויס די וועלט אײַנגעטיילט אין צווייען: ייִדן און גויים. פֿון די גויים הערט מען זייער ווייניק, אָבער ייִדן זענען דאָך פֿאַראַן פֿון אַלע מינים: ייִדן פֿרומע, ייִדן צדיקים, למד־וואָווניקעס, לומדים און סוחרים — פֿאַרשטייט זיך „לײַפּסקערס" (שטאָף־הענדלערס האָט מען אַזוי גערופֿן, ווײַל זיי פֿלעגן אַ מאָל פֿאָרן אויפֿן לײַפּציקער יריד) — און בעלי־מלאָכות פֿון אַלע סאָרטן: שנײַדערס, שוסטערס, בלעכערס, וואָס דראַפּען זיך אויף די שיפּע דעכער פֿון הויכע הײַזער, אַז ס׳פֿאַלט אַ פּחד דאָס צו קוקן, און סטאָליערס, און „טויזנטקינצלערס" (אַזוי האָבן געהייסן די בעלי־מלאָכות וואָס פֿאַרריכטן אַ ניימאַשין אָדער אַ קאַווע־מילעכל), און „קיטראַרעס" (בוי־אַרבעטער) און בעדנערס און אַפֿילו האָלצהעקערס. האָט טאַקע דערפֿאַר יאַס געהאַט מער ווי הונדערט בתּי־מדרשים און קלײַזלעך. פֿאַר יעדן צעך אַ בית־המדרש אָדער טאַקע צוויי, און אַזוי האָבן זיי טאַקע געהייסן: בית־הכּנסת גרויסע שנײַדערס און בית־הכּנסת קליינע שנײַדערס, און שוסטערשע שול און העקערישע שול, און שמוקלערישע, און קיטראַרסקע און אַפֿילו האָלץ־העקערישע און בעדנערישע שול. פֿאַרשטייט זיך אַז אין מיטן שולהויף שטייט די גרויסע שול. קינדער האָבן זיך אַ מאָל געשפּילט אויף אַ בערגל — אַזוי פֿלעגט מען דערציילן — און האָבן

געגראָבן אַ גריבל, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שפּיץ פֿון אַ דאַך און אַזוי האָט מען די אַלטע שול אויסגעגראָבן. אויסגעוויזן האָט זי דעמאָלט זייער גרויס, נאָר נישט הויך, ווײַל אַ חלק איז געווען געבויט טיף — ממעמקים קראתיך. לעבן דער שול — אַ הויף אַ פֿאַר־צוימטער: „דאָס פֿעלדיקל״, — פֿעלד האָט אין יאָס געהייסן נישט דאָרט ווו מען אַקערט און מ'זייעט. פֿעלד האָט געהייסן אַ בית־עולם. אין דעם „פֿעלדיקל״ זענען די קבֿרים פֿון די באַקאַנטע חתן־כּלה, וואָס זענען געשטאָרבן פֿאַר דער חופּה און קיינער ווייסט נישט ווער און ווען. אין פּאָליש פֿון דער גרויסער שול האָט געשטעקט אין דער וואַנט די אײַזערנע „קינע״, אַ רינג אַזעלכע, וועלכע צוריק מיט דורות האָט, זאָגט מען, געדינט אַלס אַ מין עונש־אַרעסט פֿאַר בעלי־עבֿירה־ניקעס. אין דער גרויסער שול, די הייליקסטע, וואָס אַרײַנגייענדיק פֿלעג מען קושן די וואַנט, ווײַל קיין מזוזה האָט זי נישט באַדאַרפֿט, פֿלעגט מען ערבֿ ראש־חודש גיין צו יום־כּיפּור־קטן און ר' ארהלע חזן האָט מיט זײַן מתיקותדיק קול שטיינערנע הערצער געקענט רירן ממש יום־כּיפּור. אין אָט דער שול פֿלעג מען ברענגען יידן שווערן לויט אַ מיטל־עלטערישן געזעץ More judaico, מיט ליכט און מיט שופֿרות און מיט אַ ספֿר־תּורה אין דער האַנט און מיט דער גאַנצער תּוכחה ביז נאָך אַ שווערן קאַמף פֿון ד״ר נימיראָוועער האָט מען דאָס געזעץ מבֿטל געמאַכט.

און רבנים האָט יאָס פֿאַרמאָגט בלי עין־הרע אויפֿן טוץ, און אויך עטלעכע רביים, און חסידים זייער פֿיל און אַפֿילו מתנגדים וואָס האָבן אַ מאָל געלערנט אין די ישיבֿות פֿון ליטע, און „שיינע יידן״, בעלי־הבתּישע, צו גאָט און צו לײַט.

דרײַ ר' משה'ס האָבן אויף דעם יאַסער יינגל אַ טיפֿן רושם געמאַכט. ר' משה מאַראַנץ האָט יאָר־אײַן יאָר־אויס געמאַכט אַ סיום אויף ש״ס, בשעת אַנדערע האָבן קוים אַ מסכתּא אָדער צוויי באַוויזן צו פֿאַרענדיקן. אויסגעזען האָט ער ווי אַ ייד אַ גבֿיר, אַ סטאַטעטשנער, אַ רויקער, נאָר תּורה פֿלעגט ער לערנען מיט אַזאַ גבֿורה און מיט

אַזאַ אימפּעט וואָס איז נישט משיג צו זײַן. ער פֿלעגט קומען צו יום־כּיפּור־קטן אין דער גרויסער שול און זיך קודם אַרײַנכאַפּן אויף אַ ווײַלע אין בית־המדרש, ווו יאַסער ייִנגלעך, שוין דערוואַקסענע, פֿלעגן זיצן און לערנען. האָט מען שוין פֿאַר אים אָנגעגרייט אַלע שווערע תּוספֿותן, צי גלאָט אַ האַרב שטיקל גמרא, צי אַ מהרש״א, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ „ודו״ק״ אָדער אַ „וצריך עיון״, און ער האָט יעדן פֿאַרענטפֿערט און געהאָט נחת. אָבער אַז ער האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: „הדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי ושמעתיו״, האָט זיך געדאַכט דאָס פּאַסט ניט פֿאַר אַ ייִד אַ למדן — ס׳שמעקט מיט גדלות.

דער צווייטער ר׳ משה — ר׳ משה נאַכט — אַ וועלטלעכער ייִד מיט געשעפֿטן און אַ למדן מופֿלג וואָס „קען חקירה״ אויך. אַן אויסזען און אַ באַנעמען און אַ בניחותדיק רעדן פֿון אַ נגיד: טאָקע אַ לאַנג בגד, אָבער נישט גאָר לאַנג. אַזוי די באָרד און אַזוי די פּאות. און אַ ווײַסן קראַגן מיט אַ שניפּס. בײַם דאַווענען האָט ער מער אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿר ווי אין סידור. שחרית מסתּם אָפּגעכאַפּט אין דער היים. נאָכן דאַווענען האָט מען שוין געוווּסט, אַז מ׳קען הערן „אַ פּאָר ווערטער״. האָט ער אַזוי זיך אָנגעהויבן עפּעס אַ שמועס מעניני דיומא און דורך אַגבֿ אַ פּסוק און אַ משנה און אַ גמרא און אַ רמב״ם און אַ חובֿת לבבות און פּאָליטיק און וועלטזאַכן. פּערל האָבן זיך געשיט און אַלץ אַזוי זיך סתּם אַ שמועס — אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט.

און דער דריטער — ר׳ משה וואַכטעל (נישט צו פֿאַרבײַטן מיט זײַן קרובֿ וואַכטעל דער באַנקיר). מען האָט אים תּמיד באַגעגנט גיין אין שטאָט. צײַט האָט ער געהאַט, איז ער געגאַנגען — אפֿשר טרעפֿט זיך עפּעס אַ מיצווה. קיין מאָל האָט מען אים ניט געזען גיין אָן דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם. פֿון אין דער פֿרי ביז אויף דער נאַכט האָט ער זיך ניט געקענט צעשיידן פֿון דעם טלית־ותּפֿילין. כאָטש טראָגן אונטערן אָרעם. ער האָט ניט געקענט דורכגיין פֿאַר אַ בית־המדרש, אַז ער זאָל ניט אַרײַנגיין כאָטש קושן די מזוזה און כאַפּן אַ קאַפּיטל

תהילים אָדער עפּעס וואָס עס איז. תּמיד האָט ער געהאַט צוקערקעס אין קעשענע און אָפּגעשטעלט קינדער אין גאַס: מאַך ייִנגעלע אַ ברכה — און ער פֿלעגט ענטפֿערן „אָמן״. אים האָט מען פֿאַר זײַן לוויה געבראַכט אין מיקווה און דאָרט מטהר געווען. אַזוי האָט מען פֿאַרשטאַנען דאַרף זײַן.

אין יענע יאָרן האָבן עלטערע דאָקטוירים געטראָגן צילינדערס און מ׳פֿלעגט זיך שעמען זיי צו באַצאָלן פֿאַרן וויזיט. ליפּאַ דאָקטער איז געווען דער עלטסטער און דווקא אָן אַ צילינדער. ער האָט נאָך אין באַזעל זוכה געווען צו זײַן דער עלטסטער און עפֿענען דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער עלטסטער, דער פּאָפּולערסטער און דער האַרציקסטער. געזאָגט האָט מען, אַז ער זיצט איבער דער גמרא אין הוילן קאָפּ. און אַפֿילו דאָס האָט מען אים מוחל געווען. דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ער יעדן טאָג אַראָפּפֿאָרן אויף דער רויטער בריק און זיצן עטלעכע שעה אין אַן אַפּטייק, אויפֿנעמען קראַנקע אָרעמע־לײַט, אָן געלט, פֿאַרשטייט זיך — אַן אינסטיטוציע פֿאַר זיך. מאַמעס פֿלעגן ברענגען קראַנקע קינדער און געוווסט האָבן זיי, אַז ער וועט זיך בייזערן, למאַי דאָס קינד איז נישט ריין און למאַי מ׳גיט עס טרינקען „מאָנקעפּלעך״, אָבער אַ רפֿואה וועט ער שוין געבן, און אַפֿילו דער גוייִשער אַפּטייקער וועט פֿאַרשטיין, אַז מ׳וועט פֿאַרלאַנגען אויף ייִדיש „דאָקטער ליפּאַ׳ס פּראָשעק״ אָדער „ד״ר ליפּאַ׳ס זאַלבל״.

ערשט שפּעטער וואַקסט אויס אַ יאָסער ייִנגל און דערוויסט זיך, אַז ס׳איז נאָך פֿאַראַנען אַנדערע מינים ייִדן. געהערט האָט ער, אַז בשעת דעם פּאָגראָם פֿון טאַרבוצע מיט די סטודענטן — אין יענע אַלטמאָדישע צײַטן פֿלעגט מען יוצא זײַן אין פּאָגראָם מיט אויסזעצן די שויבן בײַ ייִדן — האָבן זיך די באַנדעס געפּרוווט אָנהייבן עפּעס טאָן אין יענער געגנט פֿון בעלי־מלאָכות און פּראָסטאַקעס, האָבן זיי גוט אָרײַנגעכאַפּט, אַז זיי האָבן שוין פֿאַרזאָגט קינדס־קינדער צו טשעפּען זיך מיט ייִדן.

און נאָך אַנדערע ייִדן: משכּילים, האַלבע אַפּיקורסים און טאַקע

גאַנצע און אויך סאָציאַליסטן וואָס דרשענען אין שול: „אַלע זענען גליַיך!" און ציוניסטן, וואָס ווילן ניט פֿאַרשטיין אַז ס'איז אַ בפֿירושער פּסוק „ולא בכסף תגאלו", און אַ יידיש טעאַטער, אַ מאָל אַפֿילו צוויי, — קאָנקורענץ. און אויך דער לעצטער טרובאַדור — העלמאַן, וואָס שריַיבט אַליין די לידלעך, איז מחבר די מוזיק און זינגט זיי אַליין. ער טראָגט אַ שוואַרצע פּעלערין און אַ גרויסן שניפּס, ווי סע פּאַסט פֿאַר אַ פּאָעט און אַ מוזיקער.

און נאָך שפּעטער, ערשט נאָך דעם ווי יינגלעך האָבן זיך געשפּיַיזט מיט טריף־פּסולדיקע ביכלעך אין פֿאַרבאָרגענע פּלעצער און בדחילו ורחימו זיך פֿאַרזאַמלט בסודי סודות אין אַ קאַלטן עשׂרה־בטבֿת טאָג, מיטגענומען ברויט מיט קאָלבאַס און מקיים געווען די קולטורעלע מיצווה פֿון הלכות פּראָגרעס צו עסן אין אַ תּענית ציבור — ערשט נאָך דער דאָזיקער רעוואָלוציע און וויַיטערע אויסגעניכטערטע טריט אין לעבן, האָבן זיך געעפֿנט די אויגן און ס'האָט זיך באַוויזן יאָס, דאָס גאַנצע, מיט אַ פֿאַרוואָרצלט און פֿאַרצוויַיגט און פֿילפֿאַרביק ייִדישקייט, אַ זאַפֿטיקס, אַ האַרצעדיקס, מיט זיידעס פֿון נעכטן און טאַטעס פֿון היַינט און קינדער פֿון מאָרגן, אַ יוגנט וואָס פֿיַיערט און פֿלאַקערט און שטרעבט און קעמפֿט פֿאַר אידעאַלן ייִדישע, וועלטלעכע, מענטשלעכע, ייִדיש, העברעיִש, ציוניזם, סאָציאַליזם, תּרבות, באַוועגונגען, אָרגאַניזאַציעס — אַ גרויסער רעזערוואַר פֿאַר דעם באַניַיטן ייִדישן לעבן וואָס וויַיזט זיך אויפֿן האָריזאָנט.

געזונטע טיפֿע וואָרצלען פֿון ייִדישקייט, דערפֿרישטע פֿון די פֿון גאָט געבענטשטע רעגנס, וואָס דער ניַיער פֿרילינג האָט מיט זיך געבראַכט, האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פֿון זיך בליטן און צעוואַקסן זיך.

ווער ס'האָט יאָס פֿאַרלאָזט באַלד נאָך דעם ערשטן קריג האָט שפּעטער מיט גרויס נחת געהערט בשׂורות טובֿות פֿון אַ קולטורעל ייִדישן שוווּנג, פֿון אַ ייִדישער רענעסאַנס אַ פֿיל זיַיטיקע און דאָך אַ טיפּיש יאָסער.

ביז ס'איז געקומען דער שונא און האָט חרובֿ געמאַכט וויפֿל ער האָט געקענט און דערנאָך איז געקומען דער מלאך הגואל און האָט — אַז אָך און וויי אויסגעלייזט... — און ווער ווייס וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון יענעם יאַס פֿון אַ מאָל, פֿון פֿאַר דעם ערשטן וועלטקריג און פֿון נאָך דעם צווייטן וועלטקריג מיט די ישועות ונחמות וואָס ער האָט געבראַכט אויך פֿאַר יאַס, אַ שטאָט — אַ מאַמע ביי ייִדן.*

---

* ביַים מיקראָפֿאָן פֿון „קול ציון לגולה”, 1961.

ראובֿן רובין

יאָרן וואָס געדענקען זיך

(צו דער דריטער הזכּרה)

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז מען רעדט פֿון יעקבֿ גראָפּער — זאָל מען רעדן ייִדיש. יאָרנוויַיז האָבן מיר געלעבט צוזאַמען און מיר האָבן נישט גערעדט קיַין אַנדערע שפּראַך, נאָר כּסדר ייִדיש. ס'וואָלט געווען פֿאַר מיר פֿרעמד, ווען איך וואָלט גערעדט וועגן יעקבֿ גראָפּער אין אַן אַנדער לשון.

ס'איז געווען אַ ציַיט אין די יאָרן 1914—1916 אין רומעניע, ווען מ'איז אַ מאָל האָט זיך עפּעס דערוועקט ביַי דער יוגנט און מען האָט זיך דערמאָנט פֿון ייִדישקייט, ייִדישע ליטעראַטור, אַ ייִדיש וואָרט, ייִדישע פּאָעזיע. ווי אַזוי דאָס איז געבוירן געוואָרן, ווייס איך נישט. כ'בין נישט קיין היסטאָריקער, נאָר איך געדענק די יאָרן פֿון 1916. ס'איז שוין דאָ אַ שיין ביסל יאָרן, ווען איך האָב זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט יעקבֿ גראָפּער. דאָס איז געווען אין יאַס. איך בין דעמאָלט געווען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ לעדער־פֿאַבריק און איך פֿלעג אַרויספֿאָרן אַלע מאָל אין די אינטערעסן פֿון דער פֿאַבריק. און מיט אַ מאָל האָב איך אַנטדעקט, אַז אין יאַס איז דאָ אַ חבֿרה, גוטע־ברידער, מיט וועלכע מען קען פֿאַרברענגען, מען קען רעדן ייִדיש און מען קען הערן אַ גוט וואָרט. די בולטסטע צווישן זיי זענען געווען יעקבֿ גראָפּער און אבֿרהם לייב זיסו, זכרונם לבֿרכה.

יעקבֿ גראָפּער האָט נישט אויסגעזען אַ סך אַנדערש ווי אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס הענגט דאָ אויף דער וואַנט. כאָטש די פֿאָטאָגראַפֿיע איז גענומען געוואָרן, ווען ער איז שוין אַלט געווען

70 יאָר. זײַן געזיכט איז געבליבן אַ קײַלעכדיקס, לעבעדיק, קינדיש, מיט בלויע אויגן, און דאָס געזיכט האָט תּמיד געהאַט אַ שיינע פֿאַרב. די פֿאַרב זײַנע איז געווען אַ ראָזעווע, אַזוי פֿריש, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט מיינען, אַז דער מענטש לײַדט עפּעס, און צום סוף איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך, זייער אַ סך געליטן.

ווען כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט יעקבֿ גראָפּער, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַן אוניפֿאָרם פֿון דער רומענישער אַרמיי און האָט גלײַך אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן ייִדישקייט, וועגן ליטעראַטור, וועגן מאָריס ראָזנפֿעלד. איך האָב געמיינט, אַז קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט דעם. אין מײַן שטעטל האָב איך נישט געטראָפֿן קיינעם, מיט וועמען צו רעדן דערפֿון. און מיט אַ מאָל אין יאַס האָב איך אַנטדעקט אַ צענטער, און עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן דאָרט. דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט מאָטי ראַבינאָוויטש, מיט אפֿרים וואַלדמאַן, מיט מאַטעס פֿרידמאַן, זכרונם לבֿרכה. מיט אַבֿרהם פֿעלער יבל״א האָב איך זיך באַקענט נאָך פֿריִער.

יעקבֿ גראָפּער פֿלעגט ליב האָבן צו רעדן וועגן ייִדישקייט, ליטעראַטור, און דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן די צײַטשריפֿט „ליכט", וועלכע האָט אָנגעהויבן צו קעמפֿן פֿאַר ייִדישקייט. און דעמאָלט האָט מען געקענט לייענען אַ נײַע פּאָעזיע פֿון גראָפּער אָדער אַ נײַ אַרטיקל פֿון מאָטי ראַבינאָוויטש אָדער פֿון מאַטעסל פֿרידמאַן.

איך האָב פֿאַרבעטן גראָפּערן, ער זאָל קומען צו אונדז קײַן פֿאָלטיטשען. ער איז געווען זייער שיין אין זײַן מיליטערישער אוניפֿאָרם. ווען אַ ייִדישער אונטער־אָפֿיציר איז אַרײַנגעקומען ראָש־השנה אין בית־הכּנסת, איז געוואָרן אַ גרויסער אויפֿרודער און יעדער האָט זיך געוווּנדערט: אַ ייִד אַן אונטער־אָפֿיציר און ער רעדט ייִדיש דערצו. און איך האָב דערציילט, אַז ער איז אַ דיכטער, ער שרײַבט לידער. נו, פֿון לידער האָבן מײַנע ייִדן אין פֿאָלטיטשען נישט געוווּסט קײַן סך, ס׳האָט נישט אַזוי אויסגענומען בײַ זיי.

פֿון דעמאָלט אָן, פֿון 1916, האָבן זיך אָנגעהויבן יאָרן פֿון גוט־

ברודערשאַפֿט, נישט נאָר צווישן מיר און גראַפֿערן, נאָר צווישן מיר און דער גאַנצער „חבֿרה״, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איינעם, און מיט די ניי־צוגעקומענע פֿון בעסאַראַביע: יעקבֿ באָטאָשאַנסקי און יעקבֿ שטערנבערג, וועלכע האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ נײַע נאָטע פֿונעם רוסישן לעבן, וואָס איז געווען פֿרעמד פֿאַר אונדז. און איך גלייב, אַז די יאָרן, די שווערע יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַוועקגעגאַנגען גרינגער, ווײַל מיר זענען געווען זייער באַ־שעפֿטיקט מיט דער גרופּע, מיט אונדזער אַרבעט, מיט אונדזערע דער־ציילונגען, מיטן לעבן, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז און וועלכס איז נישט געווען פֿריִער, מיט אונדזערע האָפֿע־נונגען און דערוואַרטונגען.

יעקבֿ גראַפֿער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן זײַנע לידער אין אַ בוך און כ׳האָב אָנגעהויבן צו מאַכן צייכענונגען פֿאַר דעם דאָזיקן בוך. איז רומעניע גראָד אַרײַן אין דער מלחמה, און גראַפֿער האָט די דאָזיקע לידער אַרויסגעגעבן ערשט מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער.

איך בין געווען איינער פֿון די גליקלעכע, וואָס האָט געלעבט אין דער צײַט פֿון דעם רענעסאַנס, פֿון דעם ייִדישן רענעסאַנס אין רו־מעניע. הײַנט, אַז איך קוק זיך אַרום, ווען מען רעדט פֿון רומענישן ייִדנטום, צי פֿון רומענישער ייִדישער געשיכטע, מוז מען דערמאָנען די צײַט פֿון „ליכט״. דאָס זענען געווען די יאָרן, וואָס האָבן געשאַפֿן די גאַנצע אַנטוויקלונג אין דעם ייִדישן לעבן און וועלכע האָבן אויפֿ־געוועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל.

אָפּשאַצונגען וועגן יעקבֿ גראַפֿער אַלס דיכטער קען איך אײַך נישט געבן, ווײַל איך בין נישט קיין קריטיקער פֿון ליטעראַטור. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט גראַפֿערן פּערזענלעך און כ׳האָב זייער ליב זײַנע לידער. גראַפֿער איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער מענטש, וואָס האָט געקענט זיך דערהייבן צו די העכסטע ספֿערן. איך וויל זאָגן, אַז אַ סך מאָל האָב איך געזען אין גראַפֿערן שבעל־פּה דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געזען אין ביאַליקן. לעבן ביאַליקן פֿלעג איך

זיך דערוואַרעמען און דערהייבן, און גראַפּער האָט אויך געהאַט דעם זעלבן כּוח צו דערוואַרעמען און דערהייבן.

יעקבֿ גראַפּער האָט געהאַט אַ שווער לעבן, ווײַל ער איז געבוירן געוואָרן אין רומעניע. רומעניע איז נישט געווען אַ לאַנד פֿאַר ייִדישער דיכטונג, און אין רומעניע האָט די ייִדישע ליטעראַטור נישט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג מיט דער אַלוועלטלעכער ייִדישער ליטעראַטור. גראַפּער איז געווען אַן אומבאַקאַנטער מחוץ לרומעניע. אַז איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך זיך נאָענט באַקענט מיט די ייִדישע שרײַבער און די דיכטער אַבֿרהם רייזען, ה. לייוויק, גלאַנץ־לעיעלעס, אפֿרים אויערבאַך; מיר האָבן געוווינט צוזאַמען און אַז איך האָב דערמאָנט פֿאַר זיי דעם נאָמען יעקבֿ גראַפּער, האָט קיינער נישט געוווּסט ווער דאָס איז, ווײַל מיר האָבן נישט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג מיט די אַנדערע ייִדישע ייִשובים אין דער וועלט. אַן אַנדער דיכטער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין רומעניע און אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך אין בוקאַרעשט, האָט געהאַט דאָס גליק, אַרויס פֿון רומעניע קיין פּוילן. דאָס איז געווען איציק מאַנגער, און ער איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין פּוילן. ווען ער זאָל געווען בלײַבן אין רומעניע מיט אַלע זײַנע גרויסע לידער, מיט זײַן גרויסער קונסט און מיט זײַנע וווּנדערלעכע שאַפֿונגען, וואָלט ער געווען געבליבן אויך זייער ווייניק באַקאַנט פֿאַר דער ייִדישער וועלט, אַזוי ווי ס׳איז געשען מיטן גרויסן פֿאַבל־מײַסטער אליעזר שטיינבאַרג. דאָס איז געווען דאָס אומגליק פֿון רומענישן ייִדנטום, וואָס ס׳האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער ייִדישער וועלט. אליעזר שטיינבאַרגן האָט די גרויסע ייִדישע וועלט אַנטדעקט ערשט אַ סך יאָרן נאָך דעם וואָס ער און זיי אַליין האָבן קיין מאָל זיך נישט אינטערעסירט אַזוי שטאַרק אין דער זאַך. „ליכט״ און ייִדישע ליטעראַטור זענען געווען זאַכן, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל בײַ אונדז, אָבער נישט בײַ די אַנדערע ייִדן„ בײַ די דעה־זאָגערס פֿונעם ייִדישן לעבן אין רומעניע.

איך קען זיך דערמאָנען די טעג און די אָוונטן, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט מיט גראָפֿערן. דאָס זענען עפּיזאָדן, וואָס לאָזן זיך שווער דערציילן, וואָס מען האָט נישט מיט וואָס אָנצונעמען. ווען ס׳קומט אַ סליחות אויף דער נאַכט, דערמאָן איך זיך כּסדר אין גראָפֿערן און אין זײַן ליד „סליחות״. איין מאָל, דאָס איז געווען אין 1918 אין בוקאַרעשט, ס׳האָט שטאַרק גערעגנט און ס׳איז געווען קאַלט, און מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די בוקאַרעשטער גאַסן, אַ זייגער צוועלף, איינס אַ זייגער, און מען האָט גערעדט און דערציילט. און מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט אַ ניגון פֿון דאַוונען פֿון אַ בית־מדרש, און גראָפֿער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און געזאָגט: „דו ווייסט, וואָס ס׳איז הײַנט? ס׳איז סליחות״. דערמאָן איך זיך, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן גיין אויסזוכן, ווו איז דער בית־מדרש, ווו מען זאָגט סליחות. מיר האָבן זיך געדרייט, ביז מיר האָבן געפֿונען. ס׳איז דאָרט אפֿשר געווען אַ מנין ייִדן, קאַלט און נאַס און דאָך שיין; אין אַ סליחות־נאַכט אין בוקאַרעשט, האָבן מיר געפֿילט, אין פֿרעמדן בוקאַרעשט אַ הויך פֿון דער היים, פֿון אונדזערע קינדער־יאָרן.

ס׳זענען געווען אַ סך אַזעלכע מאָמענטן, זכרונות פֿון מײַן זײַן מיט גראָפֿערן אין אונדזערע יונגע יאָרן, פֿון זײַנע געפֿילן, פֿון זײַן אויסערגעוויינטלעכן פּאָעטישן פֿאַרשטאַנד צו מאַכן פֿון יעדער זאַך אַ ראָמאַנטישע לעבעדיקע דערשײַנונג.

ווען איך בין געקומען קיין רומעניע אַלס אַמבאַסאַדאָר פֿון ישׂראל צוריק מיט 22 יאָר, האָב איך זיך געזען מיט גראָפֿערן און אים געבעטן און געזאָגט, ער זאָל איבערלאָזן אַלצדינג און מיר וועלן מאַכן, אַז ער זאָל שוין פֿאָרן קיין ישׂראל. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואָלט פֿאָרן, און איצט האָב איך אים געזאָגט: „פּאַק אַלץ אײַן און פֿאָר, וואַרט נישט״. ער איז נישט געווען געזונט, און דאָס גאַנצע לעבן אין רומעניע איז שוין נישט געווען מער דאָס, וואָס אַ מאָל. אַלע זײַנע פֿרײַנד זענען אַוועקגעפֿאָרן, אָדער זיך געפֿעלט. ער איז געווען אַן אײַנגעשפּאַרטער. נאָך פֿון דער יוגנט איז געווען בײַ אים אַן אידעע,

אַז מען קען נישט לעבן פֿון ייִדישער פּאָעזיע, מען מוז זיך שאַפֿן אַ מעגלעכקייט צו לעבן און נאָך דעם צו שאַפֿן פּאָעזיע. און איך האָב געזאָגט: פֿאַרקערט! ווי אַ מאָלער בין איך געווען אין זעלבן מצב. קיינער האָט נישט געגלייבט, קיינער האָט מיר נישט צוגעזאָגט, אַז פֿון מאָלערײַ קען מען לעבן. נאָר איך האָב קיין מאָל נישט געוואָלט זיך מאַכן אַ לעבן פֿון עפּעס אַנדערש און כ'האָב געזאָגט: אָט דאָס איז עס, כ'וועל לעבן אַזוי, ווי איך וועל קאָנען. און ער האָט געזאָגט: ניין, ער וועט זיך שאַפֿן אַ מעגלעכקייט, אַז ער זאָל האָבן אַ פֿינאַנציעלן יסוד און נאָך דעם וועט ער זיצן און שרײַבן לידער. און דאָס האָט אים זייער אויפֿגעגעסן, ווײַל קיין פֿינאַנציעלן יסוד האָט ער זיך קיין מאָל נישט געשאַפֿן און ס'האָט אַ סך געענדערט זײַן שרײַבן, און נישט צום גוטן.

ווען ער איז געקומען אַהער, איז ער שוין געווען אַ האַלב פֿאַרלוירענער מענטש, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געהאַט זײַן געדאַנק, אַז ער מוז פֿינאַנציעל זיך אָוועקשטעלן און נאָך דעם וועט ער צונויפֿשטעלן זײַנע שריפֿטן און זיי אַרויסגעבן.

וועגן זײַנע לידער און וואָס זײַנע שאַפֿונגען זענען געווען פֿאַרן ייִדישן לעבן אין רומעניע, וועלן אײַך זאָגן מיט זייער בקיאות און געניטקייט אַבֿרהם פֿעלער און אליעזר פֿרענקעל. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט דערציילן אַ ביסל זכרונות און אײַך זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פֿון מײַן לעבן האָט זיך געפֿורעמט אין יענע יאָרן. צווישן 1916 און 1922 איז געשאַפֿן געוואָרן דער ייִדישער רענעסאַנס אין רומעניע. איך אַליין האָב געפֿילט, אַז איך בין נישט דער איינציקער, וואָס וויל קעמפֿן פֿאַר ייִדישקייט; אַז עס זענען פֿאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע גוטע־ברידער. און אַלע זענען זיי זיך פֿאַוואָליע אַוועקגעגאַנגען, און מיר בלײַבן אַליין. און מיר טוען די איינציקע זאַך, וואָס מיר קאָנען: מיר דערמאָנען זיך אין זיי...

כ'וואָלט זייער געוואָלט זען, אַז די רומענישע ייִדן אין ישׂראל זאָלן אונטערנעמען אַן אַרבעט, אַ הייליקע אַרבעט: צונויפֿנעמען די

י אָ ר ן ו ו אָ ס ג ע ד ע נ ק ע ן ז י ך

לידער פֿון יעקבֿ גראָפּער און זיי אַרויסגעבן אין יידישן מקור און אויך אין העברעיִשער איבערזעצונג — אַזאַ מין בוך, וואָס זאָל איבערבלײַבן, אַ זכר, וואָס זאָל בלײַבן צום אָנדענק פֿון דער גרויסער נשמה, וואָס האָט געהייסן יעקבֿ גראָפּער.

שמעון שאַפּערמאַן

יעקבֿ גראַפּער דער מענטש

דאָס אויספאָרשן יעקבֿ גראַפּערס פּערזענלעכקייט קען זיך ניט באַגרענעצן נאָר אויפֿן אַנאַליז פֿון זײַן ליטעראַרישן ווערק, הגם דאָס דאָזיקע ווערק איז געבליבן אַ ווענדפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין רומעניע. גראַפּער איז קודם־כּל געווען אַ מענטש מיט אַן אוניווערסאַלער קולטור, אַן אמתער תּלמיד־חכם. די וואָס האָבן אים געקענט, וואָס זענען געווען נאָענט צו אים, געדענקען אַז דער צווייטער אַספּעקט פֿון זײַן שאַפֿערישקייט איז געווען ייִדישע געשיכטע בכלל, און בפּרט דער עבֿר פֿון ייִדישן קיבוץ וואָס האָט געלעבט אויפֿן שטח צווישן דונײַ און די קאַרפּאַטן. צום באַדויערן האָט ער זיך נאָר צופֿעליק אָפּגעגעבן מיט דעם דאָזיקן ענין, און זײַנע געדאַנקען זענען געבליבן, ווי ד״ר לעוונשטיין־לבֿיא האָט ריכטיק באַמערקט, „עסייען בעל־פּה". אָבער זיי זענען ווײַט ניט געווען קיין דילעטאַנטישע אימפּראָוויזאַציעס און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עכטער דאָקומענטאַציע און אינפֿאָרמאַציע. אָט די „עסייען־בעל־פּה" זענען אויף אייביק פֿאַרלוירן געגאַנגען און קענען נאָר אויפֿגעשטעלט ווערן פֿון די שפּאָרע זכרונות מצד די וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפֿן, און פֿון די פֿראַגמענטאַרע אַרטיקלען אין דער פּרעסע פֿון יענער צײַט.

ווינציק מענטשן האָבן געקענט ווי יעקבֿ גראַפּער דעם פֿאָרמירונג־פּראָצעס פֿונעם **י ִ ד י ש ן ש ב ֿ ט א י ן ר ו מ ע נ י ע.** אָט דעם אַ ביסל ראָמאַנטישן אויסדרוק, וואָס איז אַרײַן אין דער שפּראַך פֿון די הײַנטיקע פֿאָרשערס, האָט גראַפּער אַרויסגעזאָגט מיט יאָרן צוריק, ניט ווי אַ ליטעראַרישן מעטאַפֿאָר, נײַערט ווי אַ פֿאַרטיפֿטע מסקנה

פֿון היסטאָרישער רעאַליטעט וואָס ער האָט אַליין אויסגעפֿאָרשט ביז צו די ווײַטסטע מקורים, אָן די פּרעטענציעס פֿון אַ ספּעציאַליסט, אָבער מיט אַ דיסקרעטער לײַדנשאַפֿט. אויפֿן סמך פֿון זײַן פֿאָרשונג איז גראַפּער געקומען צו עטלעכע מקורעדיקע טעאָריעס וואָס זענען וויכטיק בעיקר פֿאַר דער אינטערפּרעטירונג פֿון היסטאָרישע פֿענאָ־מענען, אין ראַמען פֿון וועלכע ער האָט אויך דערקלערט די אייגנקייט פֿון זײַן לירישער שאַפֿונג.

בעת זײַנע רעפֿעראַטן, אין שמועסן מיט פֿרײַנד און בפֿרט אין די שמועסן פֿון שבת־צו־נאַכטס אין די קליינע שולן פֿון בוקאַרעשטער יִידישע קוואַרטאַלן, ווו ער האָט שטענדיק געפֿונען אַ פֿאַראינטערע־סירטן עולם, האָט זיך גראַפּער באַמיט אויפֿצוקלערן זײַן קוקפּונקט וועגן אָפּשטאַם פֿון יִידן אין רומעניע, וועגן דעם ווי ס׳האָט זיך פֿאָרמירט און אַנטוויקלט זייער גײַסטיקע, קולטורעלע און פּסיכישע אייגנשאַפֿט, אין קאָנטאַקט מיט דער געאָפּאָליטישער רעאַליטעט פֿון דעם אַדאָפּטירטן לאַנד. גראַפּער האָט אָפּגעוואָרפֿן די טענות פֿון די וואָס האָבן געקוקט אויף רומענישע יִידן ווי אויף „אַ המון רענדאַרעס און קרעטשמערס״, אָן געפֿיל פֿאַר גײַסטיקייט און קולטור. זײַנע אַרגומענטן האָבן זיך סומך געווען אויף קאָנטראָלירבאַרע היסטאָרישע פֿאַקטן און אויף דיאַלעקטישע אויספֿירן.

מיר וועלן ניט איבערפֿאָרמולירן איצט יענע פֿאַקטן — מיר ווילן נאָר דערמאָנען די וויכטיקסטע פּונקטן. דער פֿאַקט וואָס די בראָדער זינגערס און וועלוול זבאַרזשער האָבן געפֿונען אין רומעניע אַזאַ גוט פּובליקום, באַווײַזט אַז די רומענישע יִידן האָבן מיט זיך פֿאַר־געשטעלט אין פֿאַריקן יאָרהונדערט אַן אַבסאָרבירנדיק־קולטורעלע סביבה. דאָס זעלביקע פֿרײַנדלעכע קבלת־פּנים האָבן אויך געהאַט דאָרט מחברים פֿון יִידישע ביכלעך. גראַפּער האָט שטענדיק ציטירט אָט די כּתבים אין המשכּים און האָט אויך פֿאַרמאָגט עטלעכע אַזעלכע עקזעמפּלאַרן אין זײַן ביבליאָטעק. ער אַליין האָט זיך געהאַדעוועט מיט אָט דער ליטעראַטור אין זײַן היים, אין דער יוגנט, ביז ער האָט

אַנטפּלעקט ביאַליקן און פּרצן, און די קלאַסיקער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, בײַ וועלכע ער האָט געפֿונען אַ מקום־מיקלט. אַן אַנדער באַווײַז פֿאַר דער קולטורעלער סטרוקטור פֿון די ייִדן אין רומעניע איז דער פֿאַקט וואָס גאָלדפֿאַדען האָט געקענט מייסד זײַן אַ שטענדיק ייִדיש טעאַטער אין די ביידע הויפּטשטעט פֿון די רומענישע פּראָווינצן, נאָך דעם ווי ער איז ניכשל געוועז דערמיט אין בוקאָווינע און בעסאַראַביע. ער פֿלעגט אויך דערמאָנען דעם פֿאַקט אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס זענען צוגעקומען די נײַע פּראָווינצן צו רומעניע, איז געווען אַן אמתער עקסאָדוס פֿון ייִדישע אינטעלעקטואַלן פֿון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וואָס האָבן געשטראָמט קיין אַלט־רומעניע, ווו זיי האָבן געפֿונען אַ ברייט פֿעלד פֿאַר זייער אַנטוויקלונג, בכל־אופֿן מער ווי אין זייערע היימערטער. גראָפּער פֿלעגט זיי אָבער פֿירוואַרפֿן אַז זיי ווילן זיך ניט אידענטיפֿיצירן מיט דער ספּעציפֿיש־קייט פֿון די רומענישע ייִדן און ווילן זיך ניט באַקענען מיט זיי נענטער. דערפֿאַר טאַקע, בײַם ערשטן ווינט, זענען די אַלע פּערזענ־לעכקייטן, געקומענע פֿון די נײַע פּראָווינצן, זיך צעלאָפֿן און איבער־געלאָזט זייער פּובליקום. פֿאַרשטייט זיך אַז אָט די טעאָריעס און אידעען קענען אָפּגעפֿרעגט ווערן, אָבער מען טאָר זיי ניט אויסמײַדן בײַם אַנאַליזירן דעם קולטורעלן פּראָצעס צווישן רומענישן ייִדנטום.

*

גראָפּערס פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן עבֿר פֿון די רומענישע ייִדן האָט אים דערפֿירט צו דעם געדאַנק וועגן אַ ציקל ביכער וואָס זאָלן הייסן „שבֿט ישׂראל ברומניה", אין וועלכע ס'האָט געדאַרפֿט געמאָלט ווערן אַ פֿולשטענדיק בילד פֿון רומענישן ייִדנטום, אָנגעהויבן מיט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, ביז צו די אויפֿטוען אויפֿן שטח פֿון ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט, קונסט, פֿאָלקלאָר, עקאָנאָמיע און אַנ־דערע. אָט דער געדאַנק האָט אים באַשעפֿטיקט נאָך בעת ער איז געווען צווישן די טוערס פֿון צענאַקל „ליכט", אין יאַס, אָבער

קאָנקרעטיזירט האָט ער דעם געדאַנק אין זײַן רעדע ווען ער איז אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין אינסטיטוט פֿון יודאַישער קולטור פֿון בוקאַרעשט. אין אַ שמועס מיטן זשורנאַליסט מאיר רודיך, אין 1939, האָט גראַפּער דערקלערט ווי אַזוי ער פֿאַרשטייט זײַן אַרײַנגיין אין אַט דער אַקאַדעמישער אינסטיטוציע, באַטאָנענדיק אַז „ס'איז זייער כדאַי פֿאַר אַזאַ העכערן קולטור־אינסטיטוט, אַרײַנצודרינגען און אָפּצושפּיגלען אויף אַ האַרמאָנישן אופֿן אונדזער פּסיכישן און קולטורעלן עבֿר". דאָס איז געווען אַ רמז קעגן די וואָס האָבן אָפּגעוואָרפֿן זײַנע טעאָריעס וועגן דער ספּעציפֿישער סטרוקטור פֿון די רומענישע ייִדן, די וועלכע ער האָט באַשולדיקט אַז זיי האָבן זיך אויסגעאַרבעט קעגנטעאָריעס, ניט וועדליק דעם היסטאָרישן אמת, נאָר וועדליק דעם אָרט פֿון ווו זיי האָבן געשטאַמט.

יעקבֿ גראַפּער האָט אָנערקענט און אַפֿילו פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט די רומענישע השפּעה אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישער פּסיכיק, אָבער ער האָט באַקעמפֿט ווולגאַרע אַסימילאַציע. דאָס איז אויך די סיבה פֿאַר וואָס ער, וואָס האָט אַזוי גוט באַהערשט די רומענישע שפּראַך, און האָט געקענט ווערן, באַגלײַך מיט אַנדערע ייִדישע יוגנטלעכע, אַ רומענישער שרײַבער, האָט פֿאַרגעצויגן צו בלײַבן בײַ זײַן ייִדיש, אין וועלכן ער האָט געזען אַ גײַסטיקע איידלקייט, אָפּשטויסנדיק די אויבנאויפֿיקע טענה אַז דאָס איז אַ זשאַרגאָן און באַווײַזנדיק מיט אַ דיאַלעקטישער סובטילקייט דעם ווערט פֿון ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין משך פֿון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פּונקט ווי עס האָבן זיך געשאַפֿן די שפּראַכן פֿון אַנדערע פֿעלקער.

*

אַז מען רעדט וועגן גראַפּערן, טאָר מען ניט פֿאַרגעסן דעם ברייטהאַרציקן מענטש — איך וואָלט געזאָגט דעם פֿילאַנטראָפּ — הגם דאָס וואָרט האָט באַקומען אַ ביטולדיקן באַגריף אין דער ייִדישער גלות־געזעלשאַפֿט. צו גראַפּערן איז מען געקומען ווי צו אַ העכערער

אינסטאַנץ ווען מען האָט געדאַרפט עמעצן אַרויסהעלפן, בפרט ווען ס׳איז געגאַנגען אין מתן־בסתר, אָדער ווען מ׳האָט געדאַרפט עמעצן פאַרהיטן פון אַ פּלאָנטער מיט דער מלוכה. וועגן דעם האָבן נאָר געוווסט זײַנע אינטימסטע פרײַנד, ווײַל ער האָט אין זינען געהאַט צו זײַן דיסקרעט און כמעט קאָנספּיראַטיוו. איך היט אויף אין מײַן אַרכיוו — און אפשר פאַרמאָגט אויך עמעץ אַנדערש אַזעלכע עק־זעמפּלאַרן — בריוולעך פונעם גרויסן רומענישן שרײַבער, דער טעאָלאָג און הומאַניסט גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, וואָס האָט אין איינעם מיט גראָפּערן געשאַפן אַ מין געהיימע אינסטיטוציע אין צווייען, כדי צו העלפן יונגע שרײַבערס, און ער איז מודיע גראָפּערן בנוגע די רעזול־טאַטן פון זײַן שתדלנות. ס׳האָט געטראָפן אַז אַזאַ יונגער אָנפאַנגער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם ליטעראַרישן דזשונגל, האָט געדאַרפט אַ מאַנטל פאַרן ווינטער, דירה־געלט, אָדער אַן אַדוואָקאַט אין אַ פּראָצעס אינסצענירט פון דער געהיים־פּאָליציי. דעמאָלט פלעגן גראָפּער און זײַן גוטער פרײַנד מאָביליזירן אַלע השפעות און באַ־צײַוגען, כדי צו העלפן דעם באַדאַרפטיקן. אָט די בריוולעך זאָגן מער ווי דער אַרכיוו פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. דער הויפּט־אַרגומענט איז שטענדיק געווען אַז דער יונגער־מאַן איז אַ טאַלאַנ־טירטער דיכטער און מען קען פון אים אַ סך דערוואַרטן... ס׳האָבן אים ניט אינטערעסירט די פּאָליטישע אידעען פון דעם פאַרשוין און אַ סך מאָל איז ער אַפילו געווען קעגן זיי; דער עיקר איז געווען די ליטעראַרישע נאָענטקייט. נאָך דער מלחמה האָט ער דערציילט, מיט טרערן אין די אויגן, וועגן אַ יונגן דיכטער, וועמען ער האָט געהאָלפן אַנטלויפן אין ראַטנפאַרבאַנד, אין בעסאַראַביע, ווו יענער האָט געהאָפט צו געפינען זײַן אידעאַל, אָבער ער האָט געפונען דעם טויט:

„אַלע דאַרפן מיר שטאַרבן, אָבער די גרעסטע טראַגעדיע איז אַז ס׳שטאַרבט אַ דיכטער, איידער ער זינגט אויס זײַן ליד. און מײַן ווייטיק איז, וואָס דווקא איך האָב געדאַרפט צוהעלפן צו אָט דער טראַגעדיע...״

אין אָט דעם קלאַג איז געלעגן די אייגענע אָבסעסיע, דער באַגער צו דערפֿירן ביזן סוף זײַן אייגן שליחות ווי אַ דיכטער, צו דערגרייכן שלמות, דערפֿאַר האָט ער קיין איין ליד זײַנס ניט געהאַלטן פֿאַר פֿאַרענדיקט. ער פֿלעגט איבערמאַכן און רעטושירן איטלעכע סטראָפֿע און איטלעכע שורה, זוכנדיק אַלץ פּלאַסטישערע אויסדרוקן; דערפֿאַר זענען אויך געבליבן אין זײַנע טעקעס אַזוי פֿיל וואַריאַנטן פֿון איין און דעם זעלביקן ליד. די מורא אַז ער וועט ניט מער האָבן קיין צײַט צו שאַפֿן די לעצטע ווערסיע פֿון זײַנע לידער, האָט אים געמאַטערט ביז דער לעצטער רגע פֿון זײַן לעבן.

*

ערב זײַן לעצטער נסיעה קיין דײַטשלאַנד, זענען מיר אַרויפֿ־געגאַנגען אין איינעם דעם וועג קיין רמת־רחל, אין ירושלים. ער האָט נאָר געוואָלט גיין צו פֿוס. ווען ס'איז געגאַנגען אין פֿאַרשאַפֿן זיך אַ פֿאַרגעניגן, האָט ער האַפֿערדיק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַלע לאַוון וואָס דער דאָקטער האָט אים פֿאַראָרדנט. ער האָט געשפּאַנט פֿריילעך אויפֿן ברוק, ווי אַ קינד וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם וועג אַהיים, נאָך אַ לאַנג בלאָנדזשעניש. אפֿשר האָט דער שפּאַציר אים דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן, אין דעם דאָרפֿישן פּייסאַזש פֿון זײַן היים מיהיילען? פֿון צײַט צו צײַט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָנגע־שפּאַרט אין שטעקן ווי אַ פּאַסטעך, און געוואַרט מיט אַ ביטערן שמייכל עס זאָלן זיך באַרויִקן די האַרצקלאַפּן. די גאַנצע צײַט האָט ער גערעדט וועגן זײַנע כתבים וואָס וואַרטן ער זאָל זיי געבן דעם לעצטן שליֵיף, און וועגן זײַנע פּראָיעקטן בנוגע דעם ייִדישן שבֿט רומעניע.

„איך ווייס אַז נאָך מײַן טויט וועט מען זאָגן אַ סך גוטס אויף מיר. די מענטשן וועלן פֿאַרגעסן מײַנע חסרונות און וועלן אויסגע־פֿינען נאָר מעלות, אַפֿילו אַזעלכע וואָס כ'האָב ניט געהאַט. אָבער וואָס וועט עס מיר העלפֿן? ס'פֿאַרסמט מיך די אומדאַנקבאַרקייט פֿון

מײַנע מיטמענטשן. מײַן איינציקע נקמה וועט זײַן דאָס וואָס איך האָב בדעה איבערצולאָזן. אפֿשר וועלן זיי דעמאָלט אײַנזען אַז זיי זענען געווען אומגערעכט לגבי מיר און זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען מײַן מאַטערניש פֿאַר פּאָעזיע און פֿאַר טובֿת־הכּלל״.

ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט אַז ער געפֿינט זיך ניט אין אַ ריכטיקן מעמד און האָט געביטן דעם טאָן, ווײַזנדיק אויף דעם גרינעם פֿעלד פֿון ביידע זײַטן וועג:

„ווי באַרויִקנדיק איז דער פּייסאַזש! אויב איך האָב חרטה וואָס דאָס לעבן איז פֿאַרגענגלעך, איז עס נאָר דערפֿאַר וואָס איך דאַרף זיך אָפּטיילן פֿון אָט די נאַטור־שיינקייטן. אַ שאָד וואָס אָט די וווּנדער פֿון רבונו־של־עולם ווערן פֿאַרשמוצט פֿון מענטשלעכער שלעכטיקייט. ווייס איך? אפֿשר איז דאָרט שענער און בעסער? אָבער אַז מען גייט אַוועק פֿון דאַנען, דאַרף מען זיך ניט וואַרפֿן מיט די חלומות און אידעאַלן וואָס האָבן אונדז דערוואַרעמט דאָס לעבן...״

דאָס איז געווען אַ קיצור פֿון זײַן גײַסטיקער צוואָה. איך האָב ניט געוווּסט אַז מיר וועלן זיך קיין מאָל ניט מער זען, הגם כ׳האָב געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל אַז ס׳דערנענטערט זיך זײַן סוף. כ׳האָב עס אַרויסגע־לייענט פֿון זײַנע זשעסטן, פֿון זײַן שפּאַנונג, פֿון זײַן מורא צו פֿאַרוואַנדלען די דאָזיקע צעשיידונג אין אַ דראַמאַטישן עפּיזאָד. פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש וואָס האָט געפֿילט אַז ס׳דערנענטערט זיך דער טויט און האָט געפּרוּווט אָפּנאַרן מיך און זיך אַליין, רעדנדיק אויפֿגערעגט מיט עמאָציע, ווי איינער וואָס גייט אַרויס אין אומבאַ־קאַנטער ווייטקייט. פֿון אָט דער צעשיידונג איז מיר געבליבן אין זכּרון זײַן מאַכטיקע געשטאַלט, מיטן קאָפּ אַ ביסל אײַנגעבויגן אונטער דער לאַסט פֿון געדאַנקען, קוקנדיק מיט הונגעריקע אויגן אויף דעם גרינעם פּייסאַזש, ווי גלײַך פֿון דאָרט וואָלט געדאַרפֿט קומען דער ענטפֿער אויף די פֿראַגן וואָס האָבן אים געמאַטערט אַ גאַנץ לעבן.

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

בענקשאַפט נאָך שלמות

געשטאַלטן לײַטערן זיך אין דער צײַט, ווי גאָלד אין אַ שמעלצ־טיגל, און נאָך יאָרן באַגעגענען מיר אין אונדזער באַוווּסטזײַן דאָס היימישע פּנים, שטראַלנדיק מיט אַזאַ ליכט, וואָס מיר האָבן עס פריִער קיין מאָל ניט געזען. דאָס איז מסתּמא דער וועג וואָס פאַרוואַנדלט מענטשן אין הייליקע...

הײַנט, ווען איך קוק אַרײַן אין זיך אַליין, מאָלט זיך דאָרטן אויס די געשטאַלט פון יעקבֿ גראָפּער ווי אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך שלמות. ער האָט עס, ווײַזט אויס, ניט דערגרייכט, אָבער ווער דערגרייכט עס דען יאָ, בעוונותינו הרבים? די בענקשאַפט זײַנע נאָך שלמות איז בלי־ספק געווען אַ שלמותדיקע. דאָס איז אפשר געווען די איינציקע אימפּעריע אין זײַן לעבן, וווּ ס׳האָט געוועלטיקט האַרמאָניע, און האַרמאָניע מיינט ניט דורכויס קיין שטילע וואַסערן. אין דער דאָזיקער אימפּעריע, וואָס איז געווען כּולו גײַסט, פאַנטאַזיע, האָט ער זיך אַלץ געקענט פאַרגינען, וואָרעם בענקשאַפט מעג דאָך זײַן אײַנגעהילט אין נעפּל; זי דאַרף דאָך ניט האָבן אַפילו קיין סימן פון מיט טינט־און־פעדער, פאַרפיקסירט וואָרט.

איך בין זיך מודה: דעמאָלט, אין זײַן ממשותדיקער מחיצה, האָב איך ניט תּמיד דערהערט דעם פליגל־פּלאַטער פון זײַן שלמות־בענקשאַפט. איך האָב אים ניט פונאַנדערגעקליבן אין שטראָם פון קלוגע ווערטער וואָס האָט געכוואַליעט פון אים. אָפט מאָל איז דער שטראָם געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב זיך אינסטינקטיוו דערווײַטערט, פאַר מורא ניט דערטרונקען צו ווערן.

זענען בלויז פֿאַרבליבןווידערקולות פֿון שמועסן, פֿונקען וואָס האָבן זיך אײַנגעבערנט אין זכּרון. איצט פּרוּוו איך זיי אַרויסמאַניען, הגם איך ווייס אַז מען קען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף אים, אויף דעם „געדענקער״; ער איז דאָך אַ שותּף מיט דער צײַט אין איבערפֿורעמען און איבערגעשטאַלטיקן, אין אויסמעקן און צושרײַבן.

*

דאַכט זיך מיר אַצינד, אַז יעקבֿ גראָפּער האָט דעם פֿרילינג פֿאַר־וואַנדלט אין איינעם פֿון זײַנע שלמות־סימבאָלן. און ניט נאָר אין די לידער. ווי אַן עכאָ הער איך זײַנעם אַ דרך־אַגבֿדיקן זאָג, אַרײַנגעע־פּינקלט בעת אַ שמועס, אַ מין אינטערמעצאָ: „כ׳וואָלט נאָכגעגאַנגען דעם פֿרילינג אַ גאַנץ לעבן. פֿון איין קאָנטינענט צום אַנדערן. אוי, ווען איך קען זיך אַזוינס דערלויבן!״

און אפֿשר האָט ער עס געזאָגט מיט אַנדערע ווערטער, אָבער געמיינט האָט ער טאַקע נאָכצוואַנדערן דעם פֿרילינג אַ קײַלעכיק יאָר, צו לעבן אין אַ שלמותדיקן, גן־עדנדיקן פֿרילינג, אָן אַ האַרבסטיק אָדער ווינטערדיק פֿגימהלע.

די בענקשאַפֿט נאָך אייביקן פֿרילינג איז, ווײַזט אויס, געווען פֿאַרפֿלאָכטן מיט דער בענקשאַפֿט צו וואַנדערן, און קודם־כּל אויס־צוּוואַנדערן, וואָרעם דווקא אין יענער צײַט זענען ביידע זאַכן געווען אַ חלום פֿאַר ייִדן אין רומעניע.

*

אַוודאי קען מען ברענגען אַ ראַיה פֿאַר זײַן בענקשאַפֿט נאָך שלמות די אומצאָליקע וואַריאַנטן פֿון זײַנע לידער. אָבער עס ווילט זיך מיר אַנטלויפֿן פֿון די קאָנקרעטע ראַיות, פֿון די כּתבֿ־ידן, וואָס זענען אָפֿט מאָל אויס ווי פֿיליגראַנען, אָדער ווי טוש־צייכענונגען אויף ייִדישע טעמעס. עס ווילט זיך אַנטלויפֿן צו פֿאַרנעפּלטע זכּרון־בילדער, וואָס זענען כּולל ממשותדיקערע ראַיות.

אין זיי הער איך גראַפּערן אויסזינגען זײַנע לידער. ער האָט געהאַט אַן איידעלע שמיעה און אַ טיפֿן חוש פֿאַר מוזיק; פֿלעגט ער דורך ריטעם, באַטאָנונג, מאָדולאַציע, פֿראַזירונג — דערגרייכן אַ מאַקסימאַלן עפֿעקט.

אין קול זײַנעם האָט זיך געפֿילט די בענקשאַפֿט נאָך שלמות, די בענקשאַפֿט אַרויסצוזאָגן וואָס עס לאָזט זיך אפֿשר בכלל ניט זאָגן.

ער האָט געהאַט אַ מין יום־טובֿדיקע הנאה צו לייענען זײַנע לידער, סײַ בציבור, סײַ פֿאַר יחידים; דעם זכרון פֿאַרגלוסט זיך פּלוצעם צונויפֿצופֿירן גראַפּערן מיט דעם רומעניש־מאָלדאָווישן קלאַ־סיקער, דעם שרײַבער מיהאַיל סאַדאָוועאַנו, וואָס האָט אויך געלייענט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן כּישוף זײַנע אייגענע ווערק און ווערק פֿון זײַנע באַליבטע מאָלדאָווישע שרײַבערס. אַז איך האָב קיין טעות ניט, האָבן זיך גראַפּער און סאַדאָוועאַנו געקענט און גראַפּער האָט זיך אָפּט מאָל געשפּיגלט אין דער מאַיעסטעטישער געשטאַלט פֿון זײַן עלטערן לאַנדסמאַן און מײַסטער.

*

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען זיך צעפּלאַקערן גראַפּערס שלמות־בענקשאַפֿט שוין דאָ, אין ישׂראל, בעת ער איז געווען בײַ מיר, פּסח־צײַט תּשכ״ו. כ׳האָב גראָד געהאַט אײַנגעהאַנדלט אַ דיסק מיט אַנטאָן דוואָרזשאַקס „ביבלישע לידער״, געזונגען פֿון דיטריך פֿישער־דיסקאַו. דאָס זענען קאַפּיטלעך תּהלים אין דײַטשער איבערזעצונג, מיט אַן איידעלער, אוניווערסאַל־תּפֿילהדיקער מוזיק, אין וועלכער עס קלינגען אָי אָריענטאַלישע אָי סלאַווישע מאָטיוון.

גראַפּער איז געווען טיף גערירט פֿון די לידער און בײַם קאַפּיטל כג — מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר — האָט ער געהאַט טרערן אין די אויגן.

ווען דאָס קול פֿון פֿאַטעפֿאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט גראַפּער אויסגעזונגען זײַנע אייגענע יידישע תּהלים־פֿאַרטײַטשונגען און איך

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

האָב ווידער געפּילט אין זײַן שטים די גרויסע בענקשאַפֿט זיך צו דערהייבן צו שלמות פֿון מוזיק און דערבײַ אויך דעם טיפֿן טרויער וואָס ליגט אין אַזאַ בענקשאַפֿט.

מרדכי שוחט

צו אַ גראַפער־ביבליאָגראַפיע

יעדער ליטעראַטור־פאָרשער וואָס איז אויסן מיט זײַן אַרבעט צו געבן אַ שטיקל צושטײַער, צולעגן עטלעכע בוישטיינער פאַר דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור וואָס איז אים צום האַרצן, מוז אָנהייבן מיט פעסטשטעלן, פאַרצייכענען און אָנווײַזן די מקורים צו אַזאַ אַר־בעט, ער מוז זיך כּסדר גריבלען און זוכן מאַטעריאַלן, כּדי דערמיט צו פאַרגרינגערן זיך אַליין און אַנדערע נאָך אים, אויסצוגעפינען די מהור־תיקע גרונטשטריכן פון דער שאַפערישער אַנטוויקלונג פון דעם אָדער יענעם ליטעראַרישן פענאָמען. נייטיק דערצו — איז אַ ביבליאָגראַפיע. איר ציל איז צו דינען ווי אַ וועגווײַזער צו די דאָזיקע מקורים, ווי אַן אָפּקלײַב פון אַלץ וואָס האָט אַ דירעקטן שײַכות צו דער געגעבענער פראָבלעמאַטיק.

שבט רומעניע, וועגן וועלכן ס׳איז פאַראַן אַ יש אומרים אַז ער קאָן פאַרעכנט ווערן צווישן די ערשטע ייִדישע קיבוצים ווו ס׳האָט פרי אָנגעהויבן דערשײַנען אַ פרעסע אין ייִדיש, האָט ערשט צווישן ביידע וועלט־מלחמות זיך אָנגעהויבן קונה־שם זײַן מיט זײַן ייִדיש־שאַפערישקייט, אויך אַ דאַנק דעם צוקומען צו אַלט־רומעניע פון דרײַ נײַע פּראָווינצן, בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע, פון וועלכע בעיקר בעסאַראַביע האָט געהאַט אי ווילן אי פּאָטענץ זיך גײַסטיק אויסלעבן אין ייִדיש. פאַר דער פאַראייניקונג אָבער, איז אַלט־רומעניע געווען כּמעט שוואַרצע רויערד און שווער איז אָנגעקומען דעם ליטעראַטור־פאָרשער צו געפינען מקורים צום ייִדישן מהות פון דעם דאָזיקן שבט. די בלי־תקופה פון דער השׂכּלה — וועלכע האָט

אויף אַ דרײַשפּראַכיקער פֿאַרצווײַגטער קולטורעלער אַקטיוויטעט: עבֿרית, ייִדיש און רוסיש, געוועקט מיט אימפּעט די שכנותדיקע רוסישע ייִדן צו נאַציאָנאַלער באַנײַונג און האָט אין משך פֿון יאָרן דערוואָרבן אַ בכּבֿודיקן לייענער־עולם, וועמען אַ ייִדיש בוך האָט געפֿעלט — האָט אַהער קוים דערגרייכט צו יחידים און באַוויזן אַ קנאַפּע קולטורעלע השפּעה.

איז קיין חידוש נישט וואָס היסטאָריקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער האָבן ביז נאָכן ערשטן וועלטקריג כּמעט ווי נישט דערמאָנט און אָפּגעמערקט דאָס ייִדישע רומעניע. ס׳איז אָבער גענוג געווען קוים צען יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס זענען, אין 1928, געקור־מען פּוילישע און ליטווישע ייִדישע שרײַבערס צו דער יובֿל־פּײַערונג „20 יאָר שפּראַך־קאָנפֿערענץ״ אין טשערנאָוויץ, נח פּרילוצקי און זלמן רײַזען וואָס האָבן געשטוינט און געגאַפֿט אויף דער טעראַ אינקאָגניטאַ וואָס האָט זיך פּלוצעם פֿאַר זיי באַוויזן.

אין ערשטן צענדליק פֿון איצטיקן יאָרהונדערט קומט אויף כּמעט ווי אַ יש מאין אַ הײַפֿעלע ראשונים, צווישן וועלכע יעקבֿ גראָפּער ז״ל איז געווען דער אַרי שבחבֿורה. און ליטעראַטור־קענערס מעגן זיך אַמפּערן און שפּאַרן צי „ס׳וואָלט אין אַלט־רומעניע געווען אַ ייִדיש ליטעראַטור אַפֿילו אָן בעסאַראַביע און אָן בוקאָווינע״ (ש. ביקל, רומעניע, ב״א 1961, ז׳ 127), מיט דער דעה „ס׳איז נישטאָ קיין יש מאין און דאָס נײַע מוז זיך תּמיד אָנשפּאַרן אויף עפּעס וואָס איז געקומען פֿריִער און מוז ווײַטער ציִען אַ פֿאָדעם״ (ח. בעז, שרײַבער און ווערק, ת״א 1971, ז׳ 339), ציילט זיך יעקבֿ גראָפּער צו די ראשונים וואָס האָבן צוגעלעגט אַ האַנט צו דער ייִדיש־שאַפֿערישקייט אין מאָלדאָווער קאַנטן און דורך ליכט ווי אַ פֿאָרויסגייער געפּרווט אָנקניפּען מיט דער גרויסער שאַפֿערישקייט און קולטור־ירושה פֿון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

נאָך פֿאַר ליכט באַטייליקט זיך גראָפּער אין ווילנער די ייִדישע וועלט (אַפּריל 1914) און נאָך פֿאַר דעם ברענגט דער קוריערול איזראַ־

ליט פֿון 30־טן מײַ 1913 ביאַליקס אָפּשאַצונג װעגן גראַפֿערן. אָבער, לא איכשר דרא, טײַטש דער דור איז נישט ראוי. מחוץ צפֿון־מאָלדאָװע, יאַס און דער אַרום, װוּ ס'האָט נאָך געהערשט אַ ביסל ייִדיש שבכתבֿ און מער ייִדיש שבעל־פּה האָט ער ניט קיין לייענער נאָר צוהערערס. דאָס רובֿ מניין ורובֿ בניין פֿון דער רומעניש־ייִדישער יוגנט לייענט ניט זײַנע לידער פֿון כּתבֿ מרובע נאָר פֿון טראַנסקריפּציע אין לאַטײַנישע אותיות און פֿון איבערזעצונגען אויף רומעניש.

אַ צאָל אָנגעזעענע ייִדיש־רומענישע דיכטערס װי ק. באַלטאַזאַר, ב. יאָסיף, ב. נעמציאַנו, ב. פֿונדאָיאַנו, ע. פֿורטונע, מ. רודיק און אַנדערע, הײבן אָן אים איבערזעצן פֿאַר דער יונגער אינטעליגענץ און עס דערשײַנען זײַנע לידער אין התקווה, לומעאַ עווריע, חשמונאיה, אדם און אַנדערע. זײ װערן אויך געדרוקט אין מערערע מאָל איבער־געדרוקט אין דער פּעריאָדיק, װאָס געשעט אויך הײַנט אין דער רומע־נישער פּרעסע פֿון ישׂראל.

אַ חוץ זײַן בוך אין שאָטן פֿון אַ שטײן (בוקאַרעשט 1934), געפֿינען זיך זײַנע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, נאַטור און צײַט־לידער צעזײט און צעשפּרײט אין אַ היפּשער צאָל ליטעראַרישע אַכסניות װי זאַמלביכער, לערנביכער, לידערביכער, אַנטאָלאָגיעס, קינדער־זשור־נאַלן און אַנדערע. אין זעלבן מצבֿ געפֿינען זיך די װײניקע העברעיִשע און מערערע רומענישע איבערזעצונגען װי אויך אַרטיקלען פֿון אים און װעגן אים.

אַ שאָד װאָס ס'איז נישט צו געפֿינען אײניקע לידער איבערזעצט אויף העברעיִש פֿונעם יונג פֿאַרשניטענעם סובטילן דיכטער צבֿי צעלמאַן, דער מחבר פֿון די בענד לידער מאַסקן קאַראַהאַד (בוקאַרעשט 1937) און בלוט (בוקאַרעשט 1939).

די דאָזיקע ביבליאָגראַפֿיע איז געאָרדנט אין אָפּטײלן נאָך זײער כראָנאָלאָגישן און אלף־בית־סדר. זי איז די פֿערטע ביבליאָגראַפֿיע אויף ייִדיש פֿון אַ ייִדישן שרײַבער פֿון רומעניע. די ערשטע איז פֿון יעפֿים ישורון: „איציק מאַנגערס ביבליאָגראַפֿיע" אין באַנד איציק

מאַנגער: געזאַמלטע שריפֿטן, נ״י 1961, זז׳ 521־552*; די צווייטע איז פֿון אליעזר פֿרענקעל: „צו אַ שטיינבאַרג ביבליאָגראַפֿיע" אין באַנד משלים, ת״א 1969, זז׳ 323־334; די דריטע איז פֿון ל. פּאָדריאַטשיק וועגן יעקבֿ פֿרידמאַן, אין לידער און פּאָעמעס, באַנד דריי, ת״א 1974, זז׳ 361־368.

דאָס דערשײַנען פֿון גראַפֿערס לידער אין צײַטשריפֿטן וועלכע זענען ניט בנימצא, זייער צעזייט און צעשפּרייט זײַן אין כּלערליי ליטעראַרישע אַכסניות, ווי אויך טיטלען פֿאַרצייכנטע פֿון אַ צווייטער האַנט, האָבן זיכער גורם געווען אַ צאָל בלויזן אין דער איצטיקער ביבליאָגראַפֿישער רשימה, וועלכע וויל ניט פּרעטענדירן אויף קיין שלימות.

צום סיום וויל איך אויסדרוקן אַ דאַנק אַלע פֿרײַנד וועלכע האָבן מיט זייערע עצות און באַמערקונגען מיר מיטגעהאָלפֿן די רשימה זאָל צונויפֿגעשטעלט ווערן.

---

* ס׳איז פֿאַראַן אויך אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון איציק מאַנגער אויף העברעיִש: איציק מאַנגער בעברית 1934–1969 פֿון ש. לאַכאָווער. יד לקורא, ירושלים 1970, כרך י״א חוב׳ א–ב, זז׳ 85–92; כרך י״א חוב׳ ג׳. יאַנואַר 1971, זז׳ 162–166; כרך י״א חוברת ד׳ יוני 1971, זז׳ 218–223.

צו אַ גראַפּער ביבליאָגראַפיע
לביבליוגרפיה של גרופר

פֿון יעקבֿ גראַפּערס יצירה אין פֿאַרשידענע ליטעראַרישע אַכסניות

1 וואַך אויף, מײַן ליד, דער פֿרילינג איז געקומען — די יידישע וועלט, באַנד 2, ווילנע, אַפּריל 1914, ז׳ 49.

2 צום שאָטן פֿון יהודה המכבי — אַ גרוס — ליכט, באַנד 1, יאַס, תרע״ה—תרע״ו, ז׳ 6.

3 צו די חנוכּה־ליכטלעך — דאָרט, ז׳ 10.

4 גאָלד און זילבער — דאָרט, ז׳ 31.

5 רעקלאַמע — דאָרט, זז׳ 44־46 (געבראַכט אויך אין צײַטשריפֿט פֿונעם רעליגיעזן יודנטום פֿון דער ר.פֿ.ר.* בוקאַרעשט, 1.3.1957).

6 שולמית — דאָרט, באַנד 2, זז׳ 49־50 (געבראַכט אויך אין צײַט־שריפֿט, בוקאַרעשט, 1.4.1971.

7 שיר — דאָרט, ז׳ 65 (געווידמעט חבר ס. לאַזאַר).

8 זכרונות (פֿונעם ציקל „היימאַט קלאַנגען״) — דאָרט, ז׳ 78 (געבראַכט אויך אין צײַטשריפֿט, בוקאַרעשט, 1.2.1957 און אין געקליבענע לידער א״נ „צו אַ חבֿר״).

9 בײַם ברעג (היימאַט קלאַנגען) — דאָרט, באַנד 3, זז׳ 117—118.

10 מײַן היים (היימאַט קלאַנגען) — דאָרט, זז׳ 117־118 (געבראַכט אין געקליבענע לידער א״נ „היים״).

11 מאָרגן בלומען — דאָרט, ז׳ 123.

12 בײַ בבֿלס טײַכן (תּהילים קל״ז) — דאָרט, באַנד 4, ז׳ 177 געבראַכט א״נ „על נהרות בבֿל״ אין יעקבֿ גראַפּער דער לירישער דיכטער (אין רומעניש), ירושלים 1972, ז׳ 18 און אין געקליבענע לידער א״נ „תּהילים קל״ז).

13 בײַם געזעגענען — דאָרט, ז׳ 194 (געבראַכט אין „חשמונאיה״, בוקאַרעשט, מײַ 1923, ז׳ 6.

---

* בקיצור: צײַטשריפֿט.

14 **געזאַנג בײַנאַכט** — אַלמאַנאַך פֿון דער יידישער טריבונע, **יאַס 1937, ז' 307.**

15 **פֿראַגמענט פֿונעם פּאָעם וואַלעכײַ** (**געבראַכט אין** געקליבענע לידער א"נ „**באַלינעשט**") — דאָרט, ז' 307.

16 **אַהיימקומענדיק** — דאָרט, זז' 309־310.

17 סוף צײַט און אָנהויב — איקוף־בלעטער, **בוקאַרעשט, 24.2.1948** (**געבראַכט אויך אין** „צײַטשריפֿט", **בוקאַרעשט, 15.12.1957.**

18 **אין אַ ערשטן מײַ** — דאָרט, **1.5.1948.**

19 **מײַ ליד פֿאַר שלום** — דאָרט, **22.5.1949.**

20 **נאָוועמבער־געזאַנג** — דאָרט, **7.11.1949.**

21 **פֿרי זומער געזאַנג** — בולעטין פֿאַר די פֿאָלקס אַטענעען, **בוקאַ־רעשט, נומ' 1־2, מײַ—יוני 1949.**

22 **אַט ווי אַזוי** — דער קולטור וועגווײַזער, **בוקאַרעשט, מערץ—מײַ 1950, ז' 21.**

23 **וואָרט פֿאַר שלום** — דאָרט, זז' 30־31.

24 **וועלט פֿון פֿרידן** — איקוף־בלעטער, **בוקאַרעשט, מײַ 1950.**

25 **וואַל־צײַט** — דער קולטור וועגווײַזער (**ספּעציעלער נומער צו די וואַלן**) **דערמאַנט אין** איקוף־בלעטער, **בוקאַרעשט, 24.11.1950.**

26 **תּהילים כ"ג** (**פֿאַרטײַטשונג און פּירוש**) — צײַטשריפֿט, **בוקאַ־רעשט, 1.2.1957 און נאָך אַ מאָל** דאָרט, **1.12.67.**

27 **נוסח** שירי השירים (**געבראַכט אין** געקליבענע לידער **א"נ שולמית**) — דאָרט, **1.4.1957 און 1.4.1969.**

28 **תּהילים קכ"א** — דאָרט, **15.9.1957 און 1.8.1967.**

29 **סליחות** (**פֿראַגמענט**) — דאָרט, **אויגוסט 1961.** (**געבראַכט אויך אין** לעצטע נײַעס, **ת"א 13.1.1967 און אין** אונדזערע בלעטער, **ת"א נומ' 11־12, דעצ' 1960**).

30 **תּהילים, וואָרט, לעגענדע, געזאַנג... די אייביקייט, דודס פֿידעלע** — דאָרט, **1.1.1969** (**געבראַכט אין** געקליבענע לידער **א"נ „דודס פֿידל"**).

31 **באַלינעשט** — די צוקונפֿט, **נ"י פֿעברואַר 1967, ז' 89.**

32 **מי יזכור?** פּנקס הקהלות רומניה, **כּרך ראשון, ירושלים, תּש"ל,** ז' 347 (**פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע: „אין שווערסטע טעג"**: געקליבענע לידער **ת"א 1975**).

אַרטיקלען פון יעקבֿ גראַפּער

33 אַ דריטער גלות — ליכט, באַנד 2, יאַס, תּרע״ה–תּרע״ו, זז׳ 98־99.
34 הקדמה צו נײַער יידישער דיכטונג (אין לאַטײַנישער טראַנ־סקריפּציע) פון י. פאַנער און א. פרענקעל, יאַס 1945.

יעקבֿ גראַפּערס לידער מיט מוזיק אין ביכער און צײַטונגען

35 צו אַ חבֿר. מוזיק: ז. האַכמאַן — יידישע און העברעישע פאָלקס־לידער, בוקאַרעשט, 1945, זז׳ 4־5.
36 תּהילים קכ״ו, כנ״ל — דאָרט, זז׳ 6־7.
37 מאָרגן־בלומען, מוזיק: א. סעגאַלעסקו — דאָרט זז׳ 8־9.
38 אויפֿן וואַסער, מוזיק: האַכמאַן — דאָרט, זז׳ 10־11.
39 אין אַן ערשטן מײַ, כנ״ל — דאָרט, זז׳ 10־11.
40 רעקלאַמע. מוזיק: יוליאַן שוואַרץ — 15 יידישע פאָלקסלידער, בוקאַרעשט, 1946, ז׳ 3.
41 דאָס פייגעלע (אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע), מוזיק: משה ברעזיס — חשמונאיה, בוקאַרעשט, נאָוועמבער 1919, ז׳ 27.
42 געוועזן אַ מאָל אַ פייגעלע (אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע). מוזיק: מיכאל מאַסקאָוויטש — דאָרט, דעצ׳־יאַנ׳ 1939, ז׳ 29.

לידער פון יעקבֿ גראַפּער אין פאַרשידענע רומענישע ליטעראַרישע אַכסניות (אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע)

43 צו אַ חבֿר — לומעא עוורעע, בוקאַרעשט, 15.6.1920, ז׳ 17.
44 צום שאָטן פון יהודה המכבי — אַ גרוס — חשמונאיה, בוקאַ־רעשט, דעצ׳ 1921, ז׳ 33.
45 געזאַנג בײַנאַכט — דאָרט, מײַ 1922, זז׳ 16־17.
46 פאַרקלינגען — דאָרט, מײַ—יוני 1934, ז׳ 60.
47. גאָרנישטקייט — דאָרט, מײַ־יוני 1934, ז׳ 62.
48 אַ פראַגמענט — דאָרט, מײַ 1937, ז׳ 19.
49 סליחות — דרומורי־נאָוע, בוקאַרעשט, 21.8.1937 (געבראַכט אויך אין יעקבֿ גראַפּער דער לירישער דיכטער... ירושלים, 1972, ז׳ 26.
50 טונקל־וווערן — חשמונאיה, בוקאַרעשט, דעצ׳. 1938—יאַנ׳ 1939, ז׳ 15.

51 **פרעלודיע** — דאָרט, **דעצ' 1938—יאַנ' 1939, ז' 25 (געבראַכט אין בוך** אין שאָטן פֿון אַ שטיין, **זז' 17־18 און אין** געקליבענע לידער א״ב **„לעצטע שנייען", ז' 27).**

52 **שבת נחמו** — מינטוירעאַ, **בוקאַרעשט, 22.8.1948 (פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע „אין שווערסטע טעג": געקליבענע לידער, זז' 277־303).**

53 **חנוכה ליכטלעך** — יעקבֿ גראָפּער דער לירישער דיכטער... **ירושלים, 1972, ז' 26.**

יעקבֿ גראָפּער אין אַנטאָלאָגיעס

פּאַנער, י. פֿרענקעל, א. נייע יידישע דיכטונג. **הקדמה: יעקבֿ גראָפּער, יאַס, 1945, 112 ז' (אין לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע).**

54 אַהיימקומענדיק, **ז' 19.**

55 מאַטאַ, **ז' 20 (פֿראַגעמנט פֿון** ר' מאירל).

56 שבת נחמו **(פֿראַגמענט פֿון** אין שווערסטע טעג).

פּאַנער, י. פֿרענקעל א. נייע יידישע דיכטונג. **הקדמה: איציק מאַנגער, יאַס, 1947, 320 ז'.**

57 **„סבֿיבֿה", זז' 38־42.**

58 **„סליחות", זז' 42־43.**

יעקבֿ גראָפּער אין זאַמלביכער

59 **שבת נחמו** — בוקאַרעשטער זאַמלביכער 1, **בוקאַרעשט, 1947, זז' 5־14 (געבראַכט אין** געקליבענע לידער א״ב: **„אין שווערסטע טעג", זז' 277־303).**

60 **גאַרנישקייט** — שלמה ביקל יובֿל־בוך, **נ״י, 1967, ז' 49.**

61 **פֿרילינג** — אויפֿשטייג, **זאַמלבוך. צווייטע פֿאַרבעסערטע אויפֿלאַגע, בוקאַרעשט, 1972, ז' 156.**

62 **רעקלאַמע, דאָרט, ז' 156.**

63 **אין אַן ערשטן מיי — דאָרט, ז' 158.**

64 **סוף צייט און אָנהויב** — דאָרט, ז' **159.**

65 **נאָוועמבער־געזאַנג** — דאָרט, **ז' 160.**

יעקבֿ גראַפּער אין לעקסיקאָנען

רייזן, זלמן

66 לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנע, 1928, זז׳ 623־625 (ביים סיום ווערט אָנגעגעבן: „פֿון זיינע פּסעוודאָנימען: נודד, השיר, אופּיר״).

67 לעקסיקאָן פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור, צווייטער באַנד, נ״י 1958, ז׳ 364.

יעקבֿ גראַפּער אין לערנביכער

פֿרענקעל, אליעזר.

68 דאָס יידישע וואָרט, יאַס 1948, „רעקלאַמע״, זז׳ 138־139.

69 יידישע שפּראַך, פֿאַר די קאַטעדרעס פֿון יידיש 3־טער קלאַס, בוקאַרעשט, 1957. „טעאַטער״, זז׳ 78־81 (געבראַכט אין געקליבענע לידער א״נ „רעקלאַמע״).

70 יידישע שפּראַך, פֿאַר די קאַטעדרעס פֿון יידיש 4־טער קלאַס, בוקאַרעשט, 1958. „אָנהויב פֿרילינג״, זז׳ 77־78 (געבראַכט אין געקליבענע לידער א״נ „פֿרילינג״).

שפּיגלבלאַט, א.

71 יידישע שפּראַך, לייענבוך פֿאַרן 6־טן קלאַס, בוקאַרעשט, 1958, „ביים ברעג״, ז׳ 62.

יעקבֿ גראַפּערס געדרוקטע ביכער

72 אין שאָטן פֿון אַ שטיין, בוקאַרעשט, פֿאַרלאַג שלום עליכם, 1934. 93 ז׳.

יעקבֿ גראַפּערס אַ געדרוקטע איבערזעצונג פֿון מ. עמינעסקו

73 וואָס קומסטו ניט? — דער קולטור וועגווייזער נומ׳ 1, בוקאַרעשט, 1950, ז׳ 16 (דאָס ליד איז אויך געדרוקט אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, ז׳ 6).

אַרטיקלען וועגן יעקבֿ גראָפּער אין יִדישע ביכער

74 **באַטאָשאַנסקי, יעקבֿ**
יעקבֿ גראָפּער — פּאָרטרעטן פֿון יידישע שרײַבער, **וואַרשע**, 1933, זז׳ 131־138.

75 **ביקל, שלמה**
יעקבֿ גראָפּער — אין זיך און אַרום זיך, **בוקאַרעשט**, 1936, זז׳ 100־103 (געבראַכט מיט ענדערונגען, אויך אין **בוך** רומעניע, ב״א 1961, זז׳ 201־204).

76 **לאַקס, משה**
מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם ערשטן מאָדערנעם ייִדישן דיכטער פֿון רומעניע יעקבֿ גראָפּער — מעמואַריסטישע פֿעדערשפּריצן, בוקאַרעשט 1973, זז׳ 58־64.

77 **סדן, דבֿ**
צווישן אוניקום און קוריאָז — היימישע כּתבֿים, **ערשטער טייל**, ת״א 1972, זז׳ 107־113.

אַרטיקלען וועגן יעקבֿ גראָפּער אין צײַטונגען און בראָשורן

78 **אַלטמאַן, משה**
יעקבֿ גראָפּער — שויבן I, **טשערנאָוויץ, אָקט. 1924**, ז׳ 51.

79 **ביקל, שלמה**
יעקבֿ גראָפּער (צו די שלושים) — דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ״י, 14.1.1967 (געבראַכט אויך אין דער בראָשור ערשטע פֿאַר־טײלונג פֿונעם יעקבֿ גראָפּער פּרײַז, ת״א, 1971, זז׳ 13־16).

80 **בן יוסף, אברהם**
יעקבֿ גראָפּער צו זײַנע 70 יאָר — אונדזערע בלעטער, ת״א, אַפּריל־מײַ 1960, זז׳ 3־4.

81 **גולה, י.**
תּהילים אין ייִדישער איבערזעצונג פֿונעם דיכטער יעקבֿ גראָפּער — צײַטשריפֿט, **בוקאַרעשט, נאָוועמבער 1959**.

81א **דער פּאָעטישער מהות פֿון יעקבֿ גראָפּערס געדאַנקען־גאַנג, ייִדיש:**
אַ. שפּיגלבלאַט — **בראָשור**: ערשטע פֿאַרטיילונג פֿונעם יעקבֿ גראָפּער־פּרײַז 20.4.1971, זז׳ 17־19.

וויַסמאַן, פּ. זע גולה, י.
מ. א. זע אַלטמאַן, משה.
מאַנגער, איציק
82 יעקבֿ גראַפּער — בראָשור: צווייטע פֿאַרטיילונג פֿון דער יעקבֿ גראַפּער פּרעמיע, ת״א 1972, זז׳ 18־19.
פֿאַלקאָוו איליאַ — זע שולמאַן אליהו ד״ר.
פֿאַנער, יצחק
83 יעקבֿ גראַפּער (צו זיַין באַזעצן זיך אין ישׂראל) — לעצטע נייַעס, ת״א, 17.1.1964.
84 דער לעצטער פֿון די ערשטע (צו די שלושים פֿון יעקבֿ גראַפּער) — דאָרט, 13.1.1967.
קאַהאַן, דוד
85 דער לעצטער פֿון די מאָהיקאַנער — נייַע יידישע צייַטונג, מינ־כען, 23.12.1966.
קאָרן, יצחק
86 אַ ליטעראַרישער פּרייַז אין אַנדענק פֿון יעקבֿ גראַפּער ז״ל — בראָשור: ערשטע פֿאַרטיילונג פֿונעם יעקבֿ גראַפּער פּרייַז, ת״א 20.4.1971, זז׳ 11־13.
קורלאַנד, ל.
87 פֿון יעקבֿ גראַפּערס בערלינער תּקופֿה — יידישע צייַטונג, ת״א, 11.12.1972.
שולמאַן, אליהו, ד״ר
87א אַ יעקבֿ גראַפּער־דיסק — דער וועקער, נ״י, יאַנואַר 1972.
87ב יעקבֿ גראַפּער, אַ יידישער פּאָעט פֿון רומעניע — פֿאָרווערטס, נ״י 9.11.1975.
שפּיגלבלאַט, אַלכּסנדר.
88 יעקבֿ גראַפּער — דער סימבאָל פֿון אַ שבֿט — די גאָלדענע קייט נומ׳ 58, ת״א 1967, זז׳ 199־202.

נישט געחתמעטע אַרטיקלען וועגן יעקבֿ גראַפּער

89 יעקבֿ גראַפּער ז״ל — צייַטשריפֿט, בוקאַרעשט, 15.1.1967.
90 די ליטעראַרישע יעקבֿ גראַפּער פּרייַזן — דאָרט, 15.6.1974.

91 אַזכּרה אָונט פֿאַרן דיכטער יעקבֿ גראַפּער ז״ל — פֿאָלקסבלאַט, ת״א, יאַנואַר 1972.
92 גאַס א״ב פֿון דיכטער יעקבֿ גראַפּער ז״ל אין אַשקלון — לעצטע נײַעס, ת״א, 20.4.1973.

ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען װוּ יעקבֿ גראַפּער װערט דערמאָנט

באַגיש, זישע
93 אינדזל, נומ׳ 2, בוקאַרעשט, 1939.
באָטאָשאַנסקי, יעקבֿ
94 ייִדיש אין רומעניע, אין בוך: פּאָרטרעטן פֿון ייִדישע שרײַבער, װאַרשע, 1933, זז׳ 113־120.
95 מאַמע ייִדיש, ב״א, 1949, זז׳ 145־148.
בדי, מ.ח.
96 אַ גאַס אויפֿן נאָמען פֿון יעקבֿ גראַפּער אין אַשקלון — בראַשור: דריטע און פֿערטע צוטיילונג פֿון דער יעקבֿ גראַפּער־פּרעמיע, ת״א 1975, ז׳ 23.
ביקל, שלמה
97 די עפּאָכע ליכט, אין בוך רומעניע, ב״א 1961, זז׳ 183־200; דאָרט, זז׳ 394, 404, 406, 408.
98 װעגן רומענישער און ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע — שרײַבער פֿון מײַן דור, דריטער באַנד, ת״א 1970, זז׳ 341־345.
99 יד ושם און ייִדיש — דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ״י, 10.12.1966.
בערקאָוויטש, י.
100 װי אַזוי די ייִדישע שרײַבער פֿון דער ר.פֿ.ר. באַלײַכטן אונדזער נײַע צײַט — איקוף־בלעטער, בוקאַרעשט 20.4.1950.
האַגער, ברוך
101 מײַנע באַגעגענישן מיט שלמה ביקל — די גאָלדענע קייט, נומ׳ 68, ת״א 1970, זז׳ 71, 74.
102 רומעניע, ייִדיש־לאַנד פֿון אַמאָל — די צוקונפֿט, נ״י, מערץ 1975, זז׳ 108־112.
טאַמבור, װאָלף
103 יעקבֿ דער דריטער — צײַטשריפֿט, בוקאַרעשט, כ׳ אייר, תשל״ה.

104 **זאַמלהעפט „ליכט" (ביישטראַג צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע — צייטשריפט, בוקאַרעשט, 1.8.1975.**
יפה, אבי, זע פרענקעל, אליעזר.

לעווין, גרשון ד"ר

105 אין וועלטקריג, וואַרשע 1923, זז' 214־216.

מאַרק, נתן

106 יידיש ליטעראַטור אין רומעניע, חיפה 1971, זז' 59, 61, 99, 131, 133.

מייזיל, נחמן

106א צוריקבליקן און פערספעקטיוון, ת"א 1962, זז' 389, 390.

פאַנער, יצחק

107 **יידישע ליטעראַטור אין רומעניע** — די גאָלדענע קייט **נומ' 6**, ת"א 1950, ז' 209.

108 **רומעניש יידישע שרייבער אין ישראל** — די צוקונפט, נ"י, סעפט. 1966, זז' 229־233.

109 **אַמאָל איז געווען** — שלמה ביקל יובל בוך, נ"י 1967, ז' 195.

פורמאַן, ישראל ד"ר

110 יידישע שפריכווערטער און רעדנסאַרטן, ת"א 1968, ז' 421.

פרענקעל, אליעזר

111 **וועגן עטלעכע יידישע געשטאַלטן ביים רומענישן שרייבער מיכאַיל סאַדאָוועאַנו** — שלמה ביקל יובל־בוך, נ"י 1967, ז' 207.

112 **זכרונות וועגן יאַסער פּאָגראָם און וועגן דער טויטן־באַן** — אויפן שוועל, נ"י מערץ—אַפּריל 1963.

112א קורצע יידישע אוידיציע אין דעם ראַדיאָ פון רומעניע — דאָרט, מערץ—אַפּריל 1964.

113 **וועגן אונדזער לעבן אין די ביכער — בראַשור:** דריטע און פערטע צוטיילונג פון דער יעקב גראַפּער־פּרעמיע, ת"א 1975, ז' 22.

קאַנץ, שמעון

114 **גראַפּער פּרעמיע צוגעטיילט דעם דיכטער יעקב פרידמאַן ז"ל** — לעצטע נייעס, ת"א, 10.1.1973.

קאַראָ, י. זע שוואַרץ, איציק.

(ר.ב.) רויטמאַן, נטע.

115 **אין יאָרן פון חורבן און אומקום** — בוקאַרעשטער זאַמלביכער 1, בוקאַרעשט 1947, זז' 165—167.

שאַפּערמאַן, שמעון

116 **י. פּעלץ, אין דער בראַשור:** דריטע און פערטע צוטיילונג פון דער יעקב גראַפּער־פּרעמיע, **ת״א 1975, זז׳ 16, 17, 24.**

שוואַרץ, איציק

117 30 יאָר יידישע ליטעראַטור אין רומעניע, **יאַס 1947.**

118 **אין די אויגן פון אַ שוואַרצער קאַווע** — די גאָלדענע קייט, **נומ׳ 87, ת״א 1975, ז׳ 196.**

שוחט, מרדכי

119 ביבליאָגראַפיע, צווייטער טייל: רומעניע, **ירושלים 1973, ז׳ 55.**

שולמאַן, אליהו, ד״ר

120 **יידישע ליטעראַטור אין רומעניע** — ייוו״א בלעטער, **נ״י, באַנד 43, 1966. זז׳ 309—317.**

שטערנבערג, יעקב

121 **צו דער טעמע איציק מאַנגער** — סאָוועטיש היימלאַנד **נומ׳ 6, מאָסקווע 1967, זז׳ 132־136.**

שמעון, ק. זע קאַנץ, שמעון.

בריוו צו יעקב גראַפּער

ראָזנפעלד, מאָריס

122 **אַ בריוו צו יעקב גראַפּער פון 21.2.1913** כתב־יד.

בראַשורן מיט דער צוטיילונג פון די יעקב גראַפּער פּרעמיעס*

123 ערשטע פאַרטיילונג פונעם יעקב גראַפּער־פּריז פאַר ליטעראַטור בנוגע דעם לעבן פון רומענישן יידנטום. **ת״א, 20 אַפּריל 1971, 23 ז׳.**

124 צווייטע פאַרטיילונג פון דער יעקב גראַפּער־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור בנוגע דעם לעבן פון רומענישן יידנטום. **ת״א 1973, 19 ז׳.**

---

* **די אַרטיקלען פון די בראַשורן ווערן געגעבן אין דער ביבליאָגראַפיע, אויף וויפל זיי האָבן אַ שייכות צו איר, נאָכן אַלף־בית, לויט די נעמען פון די מחברים.**

125 דריטע און פֿערטע צוטיילונג פֿון דער יעקבֿ גראָפֿער־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור בנוגע דעם לעבן פֿון רומעניש יידנטום. **ת״א 1975, 24 ז׳.**

מיצירתו של יעקב גרופר באכסניות ספרותיות שונות

126 **פרחי שחרית. תירגם ע. בן יהודה.**
— כתב־עת של היהדות הדתית בר.פ.ר.* **בוקרשט, 15.5.1957 (מובא גם בגליון 1.12.1967).**

127 **נוסח שירי השירים. תירגם ע. בן יהודה** — שם, **אַפּריל 1959.**

128 **לילית. תירגם י. גולה** — הצופה, **ת״א, ערב שבועות, תש״ך.**

129 **בית אבא־אמא. תירגם י. גולה** — שם, **ערב שבועות תש״ך (מובא גם בכתב עת, בוקרשט, אוקט׳ 1961).**

130 **בשובי הביתה. מיידיש: אליהו מייטוס** — על המשמר, **ת״א 7.2.1964.**

131 **מי יזכור? מיידיש: שמשון מלצר (קטע מהפואמה בימים הקשים ביותר)** — פנקס הקהילות: רומניה, **כרך ראשון, ירושלים תש״ל, עמ׳ 348.**

מאמרים של יעקב גרופר

132 **דופקים** — ישרון, **בוקרשט, תשרי תר״פ, חוברת א׳, עמ׳ 12.**

133 **בין געגועי אחרי הצהרים (קטעים מתוך מכתב), הובא לדפוס ע״י רעו ובן עירו מ. שעכטער** — שם, **אלול תר״פ, חוברת י״ב, עמ׳ 4־7.**

מאמרים על יעקב גרופר בעתונים וחוברות

ביקל, שלמה

134 **יעקב גרופר (תירגם מיידיש ק.א. ברתיני)** — **חוברת:** חלוקה ראשונה של פרס יעקב גרופר, **ת״א 20.4.1971, עמ׳ 5־7.**

ברתיני, ק.א.

135 **פגישת רוחות (פרס גרופר — למשורר יעקב פרידמן ז״ל)** — על המשמר, **ת״א 12.1.1973.**

---

* **להלן: כתב עת.**

גולה, י.

136 **המשורר גרופר — לשנות השיבה** — הצופה, ת״א. **ערב שבועות תש״ך.**

137 **לדמותו של יעקב גרופר — חוברת:** חלוקה ראשונה של פרס יעקב גרופר, **ת״א, 20.4.1971, עע׳ 8־10 (מובא גם בכתב עת, בוקרשט, 5.6.1971).**

מאנגר, איציק

138 **יעקב גרופר** (מיידיש שמשון מלצר) — **חוברת:** חלוקה שנייה של פרס יעקב גרופר, **ת״א, 1973, עמ׳ 9.**

מייטוס, אליהו

139 **על יעקב גרופר** — על המשמר, **ת״א 7.2.1964.**

סדן, דב

139א **בין אוניקום לקוריוז** — תולדות, **ירושלים, כסלו תשל״ו, עע׳ א׳־ד׳.**

קורן, יצחק

140 **פרס ספרותי לזכרו של יעקב גרופר ז״ל** — חלוקה ראשונה של פרס יעקב גרופר, **ת״א, 20.4.1971, עע׳ 3־4.**

יעקב גרופר בספרי לימוד

רויטמן, נטע

מקראה־תרבות, **בוקרשט, 1945.**

141 **אביב** — שם, **ע׳ 70.**

142 **מה בצע לי** — שם, **ע׳ 71.**

על יעקב גרופר בספרי לימוד

רויטמן, נטע

143 **יעקב גרופר** — מקראה־תרבות, **בוקרשט, 1945, עמ׳ 70.**

ספרים ומאמרים בהם מוזכר יעקב גרופר

אריאל, יהודה (ליבוש גולד)

144 **על ליאון פוירשטיין** — על יהודי רומניה — בארץ גלותם ובמולדת, **ת״א, עמ׳ 139.**

בדי מ.ח.

145 **רחוב יעקב גרופר באשקלון** — **חוברת**: חלוקה שלישית ורביעית של פרס יעקב גרופר, **ת״א 1975, ע׳ 12.**

ביקל, שלמה

146 **מן הטוינבי־הול למנדלי** 14 — מנחת זכרון למוטי רבינוביץ, **ת״א, תשכ״ה, ע׳ 62.**

ברקוביץ, יצחק

147 פרקי רומניה, **ת״א 1975, עע׳ 38, 39, 40, 41, 114, 143.**

זוסמר, ברוך

148 **כתב העת „התקוה״** — על יהודי רומניה בארץ גלותם ובמולדת, **ת״א, ע׳ 29.**

לנדאו, מיכאל

149 **ראשיתה** של **התנועה הלאומית ברומניה** — שם, עמ׳ 19.

מארק, נתן

150 ספרות יידיש ברומניה, **חיפה, 1973. עע׳ 55, 57, 94, 130, 132, 156.**

סדן, דב

151 **כינור** מנגן **מאליר (אגדה וסעיפיה)** — הפועל הצעיר, **ת״א 24.8.1964, עע׳ 21־23.**

פאַנר, יצחק

152 **הספרות האידית ברומניה** — על יהודי רומניה — בארץ גלותם ובמולדת, **ת״א, עמ׳ 91, 92** (מובא גם **באונדזערע** בלעטער, **ת״א, מס׳ 4, מאַרט 1960, עע׳ 10, 18 ומס׳ 7־8, אוגוסט 1960, ע׳ 28.**

פלר, אברהם

153 **ד״ר ת. לביא־לוונשטיין** — **עם הענקת פרס גרופר** — **חוברת**: חלוקה שלישית ורביעית של פרס יעקב גרופר, **ת״א 1975, עע׳ 8, 10.**

פרנקל, אליעזר

154 **דמויות יהודיות בספרות הרומנית** — **מאזנים, ת״א, חוברת ל״ה, תש״ל, ע׳ 232.**

154א **על חיינו שבספרים** — **חוברת**: חלוקה שלישית ורביעית של פרס יעקב גרופר, **ת״א 1975, ע׳ 22.**

155 **אלה תולדות** — מנחת זכרון למוטי רבינוביץ, **ת״א תשכ״ו, ע׳ 84.**

156 פנקס הקהלות, רומניה, **כרך ראשון, ירושלים תש״ל, מבוא כללי, עע׳ פ״ו, קל״ז, קל״ח, 180.**

שפרמן, שמעון

157 **י. פלץ — תירגם מרומנית אליהו מייטוס — חוברת:** חלוקה שלישית ורביעית של פרס יעקב גרופר, **ת"א 1975, עע' 5־6.**

חוברות לרגל הענקת פרס יעקב גרופר

